STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01203

ANYUTA

Feliks Breshel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעליקס ברעשעל.

אַניוטאַ

2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

תּרפּ"ז — קאָפּענהאגען — 1926.

געווידמעט, מיין ברודער יוסף
און שוועגערין לידא.

אלע רעכט באהאלט,
דער מחבר.

געדרוקט ביי ר. זעלמאנאָוויטש
דארפאט-עסטלאנד.

מאָטאָ:

Es ist eine alte Geschichte
doch bleibt sie immer neu
und wem sie just passieret
dem bricht das Herz entzwei.
Heine.

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

A-2594

איינלייטונג.

אין א שיינעם זומער-טאג פון חודש יוני, ווען די זון האט געוואַרימט און מיט אירע זילבערשטראַלן דערפרייט דאָס מענטשלעכע האַרץ, בין איך געגאַנגען פון דאָרף טעלמא צום דאָרף אוסאָליע, (סיביר) כמעט 8 וויאָרסט ווייט. צווישן די צוויי דערפער איז געווען באַן פאַרבינדונג, נאָר ערשטנס; איז געווען 5 וויאָרסט ווייט ביז צום וואָקזאַל און דאַן מיט מיינע 3 גראָשן א טאָג געהאַלט אַלס סאָלדאַט, איז מיר ניט געבליבן אַף באַן רייזעס. איך האָב מיך אבער געפרייט וואָס גייענדיג צופיס, האָב איך די געלעגנהייט געניוער די ארומיקע לאַנדשאַפט צו באַטראַכטן, אין דער צייט וואָס פאָרנדיק מיטן באַן פאַרשווינדט אלץ אזוי שנעל און דורכדעם ווערט צו שאַנדע דער פולער איינדרוק פון דער געגנט.

אין אביסל ארום בין איך שוין געווען אויסערן דאָרף, פון וועלכן די הייזער, האָבן זיך וואָס מער און מער פאַרלאָרן פון אויג, בלויז דער פון אלטקייט פאַרשימלטער טורם פון דער דאָרפעשער קירך, האָט זיך נאָך אלאַנגע צייט ארויסגעזען און די פירקאַנטיגע עפענונק פון טורם, האָט געשאַפן די שטימונג ווי אנ׳אריינגאַנג צו אמיסטישע, אומבאַקאַנטע וועלט. דער שמאָלער שטויביקער-לאַנדוועג, האָט זיך געשליינגלט צווישן גרינע פעלדער און איבער זיי האָבן די זון-שטראַלן זיך געוועבט ווי זייד און זיי אָפגעשפיגלט אין פאַרשידענע קאָלערן. אַף די ערטער, וואו די איינצעלנע ביימער האָבן געשאטנט, האָבן מחנות ווערימלעך געזשומעט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט די פישטשעריי פון אלערליי מינים פייגל. האַרט ביי דער אייזנבאַן ליניע, וואָס האָט געפינקלט פון דערווייטנס, האָבן זיך געזען די טעלעגראַפנע סטאָלבעס, פון וועלכע ס׳האָט זיך געהערט א זשומען ווי פון צענדליקער בינען. אין פערספעקטיוו האָט זיך געשלענגלט ארויף, וואָס האָט

זיך דערנענטערט מער און מער, באַלד האָט זיך געהערט דאָס מאָנאָטאנע קלאַפּן פון באַן רעדער און א טאַווארנע צוג איז פאַרבייגעלאָפן און אף אווילע געענדערט די פאנאראמע. דאָס קלאַפּן פון די רעדער איז באַלד געוואָרן שוואַכער און שוואַכער נאָר אַפן האָריזאָנט האָט זיך נאָך געטראָגן צעשפּליטערטער רויך פון לאָקאָמאָטיוו. אין מזרח זייט האָט זיך געזען אפּייערל און די רויטע ציגלעך האָבן געציטערט אונטער דעם לופט דרוק, קענטיג דאָס אפאַסטוך בראָט קאַרטאָפל. גלייכצייטיג האָט דער עכא פאַרטראָגן די מעלאָדיע פון „מטשיטסיאַ טראָיקאַ פּאָטשטאָוואַיאַ״, פון אפּייפל.

נאָך העלפט וועגס, ווען אין פערספּעקטיוו האָבן זיך שוין שוואַך געצייכנט די קאַנטורן פון די הייזער און קירך פון אוסאָליע, בין איך צוגעקומען צו די בריק, וואָס איז באַקאַנט אין דער געגנט אונטערן נאָמען די „טויטן-בריק״ און וועלכע דעקט אזומפּיק וואַסערל, וואָס האט פוןביידע זייטן נידעריקע אבער געדיכטע קוסטן וואָס דינט באַנאכט פאַר אַנ׳אויפהאַלטס פּלאַץ פאַר רויבער און מערדער באַנדן, וואָס באַרויבן און מאָרדן דורכגייענדיקע אדער דורכפאָרענדיקע מענשן. פון ביידע זייטן בריק האָבן זיך געזען צענדליקער סמנים אין דער פאָרם פון צלמים מיט אופשריפטן ווי: איוואַן פּאַוולאָוויטש, אבראַמאָוו. באַרויבט און דערמאָרדעט געוואָרן ד. 6 מאַי 1907 47 יאָר פון געבורט. איבערגעלאָזט א פרוי מיט 7 קינדער. אַביסל אין אזייט איז געשטאַנען אפּירקאַנטיק ברעטל. איך בין נענטער צוגעגאַנגען און געלעזן: אַניוטאַ אַבראַמאָוונאַ בלומענפעלד, דערמאָרדעט געוואָרן ד. 23 אווגוסט ...190 19 יאָר פון געבורט. איך בין אווילע געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. איך בין גערירט געוואָרן פון דעם טרויעריקן גורל פון די אלע אומשולדיקע קרבנות. אבער מער ווי אלץ איבער דעם שיקזאל פון אזאַ יונגע מיידל. כ׳האָב גענומען גריבלען, וועלכע גרונדן האָבן באַוויגט איונג מיידל צו גיין אליין באַנאַכט אויף אזא געפערלעכן וועג און צו האָבן די רויבער זיך ניט געקענט באַגניגן מיטן בלויזן באַרויבן זי. איך האָב זיך דערווייטערט פון די טויטן בריק און יעדעס מאָל זיך אומגעקוקט אויף צוריק, גלייך ווי איך וואָלט דערוואַרט, אז פון צווישן די קוסטן

וועלן ארויסשפּרינגען מערדער און זיך אויף מיר וואַרפֿן. דעם איבעריקן וועג ביז צום דאָרף איז מיר שוין דער חשק פאַרגאַנגען צו געניסן פֿון דער געגנט.

שוין זייענדיק אָפּגעשראָקן צו גיין אויף דעם וועג, בין איך צוריקוועגס מיט די באַן געפֿאָרן.

וואָכן נאָכאיינאַנד האָט זיך מיר אין די געדאַנקען גע־טומלט דער טויטן בריק און מייסטענס איז מיר ניט אַרויס פֿון זינען די דערמאָרדעטע אַניוטאַ בלומענפֿעלד. כ'ווייס ניט צו דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַפּרויענצימער אָדער דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַ אידישע... און אפשר גאָר צוליב ביידע אורזאַכן.

* * *

א יאָר שפּעטער האָט אונזער באַטאַליאָן אַריבערגעצויגן אין דאָרף קראַסני-קרעסט, 5 וויאָרסט ווייט פֿון אירקוטסק. אין שטאָדט האָב איך זיך באַקענט מיט אַנ'אינטעליגענטע פֿאַמיליע, וועלכע איך פֿלעג באַזוכן אין מיין פֿרייע צייט. צו זיי איז טעג־לעך געקומען אַ לערער, וואָס האָט אונטערוויזן זייערע קינדער אַחוץ וואָס זיי האָבן אין שולע געלערנט. דער לערער אַלעקסאַנדער מאָסעיעוויטש אַבראַמזאָן, האָט אויסגעוויזן אַ יאָר 35, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז ער 26 יאָר אַלט געווען. פֿון וואוקס אַמיטעלער, און די געזיכטסציגע פֿון זיין בלאַס אינטעליגענט פּנים, האָט עפּעס ווי אַ געהיימניס געררוט. זיינע שוואַרצע געקרויזלטע האָר, האָבן ווי ס'ווייסט אויס רעכט באַקומען צו וואַקסן ווי זיי האָט געפֿאַלן. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געהאַט אַ מעלאַנכאָלישן און ליידענדן אויסדרוק. זיין האַלטונג איז געווען אַפֿריידלעכע און אַזייער באַשיידענע. גאַנץ אָפֿט האָב איך מיט אים גערעדט און באַמערקט דאָס טיילמאָל, וויל ער בעסער זיין אַליין מיט זיינע געדאַנקען. קיינמאָל האָט ער ניט גערעדט וועגן זיך אַליין גלייך, ווי איינער וואָס זיין לעבן איז זייער אָרים אין איינדרוקן, אָדער פאַרקערט ווי אַמענטש, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט זייער פֿיל איבער־לעבנישן, וועגן וועלכע ס'איז דאָ פֿיל צו ריידן, און דערפֿאַר איז

אפשר בעסער צו שווייגן... לויט ווי איך האָב באַמערקט איז די עלטסטע טאכטער פון הויז, אין אים זייער פאַראינטערעסירט געווען. יעדעס מאָל, וואָס זי האָט צו אים גערעדט, פלעגט איר געזיכט אראָנזע פאַרב באַקומען. ער איז אבער צו איר גלייכגילטיג געווען פונקט ווי צו פילע אנדערע זאַכן, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט

אין אגעוויסן טאָג האָב איך אים געטראָפן זיטצן אין א זייער פאַרקלערטע פאָזע. זייך בליק האָט געוואַנדערט וואו אין דער ווייטקייט און אין זיינע אויגן האָט געגלאנצט אטרער. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך געזוכט צו פאַסן, און מיט מיר גערעדט וועגן זאַכן, וואָס האָבן אים אין דעם מאמענט זיכער ניט אינטערעסירט...

אין עטלעכע חדשים שפעטער זיינען מיר שוין גוט באַפריינדעט געווען, און ער האָט מיר געבעטן איך זאָל אים באַזוכן. איך האָב אים צוגעזאָגט.

אין אווינטערדיקן זונטיק, ווען אלץ איז געווען פאַרהילט אין שניי, און די שליטעלעך האָבן מיט אגעקלינגעריי זיך געטראָגן איבער די אירקוטסקער גאַסן, און די דורכגייער זיינען אלע געווען פעלץ געקליידט, און געשפרייזט מיט שנעלע טריט, כדי זיך צו דערוואַרימען, בין איך געקומען צו אבראַמזאנען, וועלכער האָט באַוואוינט א צימער אויפן צווייטן עטאַזש, אין איינע פון די אונטערגאַסן ארום „זנאַמענסקאיע פרעדמעסטיע”. די שטוב איז געווען אגרויסע, קוואַדראַטנע. די ווענט באַהאַנגען מיט בילדער פון פיל דיכטער, צווישן זיי טאָלסטאָי און קנוט האמסון אין גרויסן פאָרמאַט... ביים פענצטער איז געשטאַנען אשרייבטיש, אויף וועלכן ס׳זיינען געלעגן ביכער און צייטונגען אין אומאָרדנונג. באַ די וואַנט האָט זיך געפונען אקלאַוויר פארזעען מיט עטליכע איינגעראמטע בילדער, פון בארימטע קאמפאניסטן. אין ווינקל שטוב איז געשטאַנען אקליין טישל, מיט ארויט סאַמעטענעם געפאַקטן אלבום און אצולייג-סאָפע.

אבראַמזאָן האָט מיר געבעטן זיטצן, און מיט אמעלאַנכאלישן שמייכל געפרעגט: נו, פון טיי וועט זיך אסאָלדאט ניט אָפזאָגן?

דאָס האָב איך אויך ניט געטאָן. ער האָט זיך ענטשולדיקט, און פאַרלאָזן דעם צימער. פון דערווייטנס האָט זיך געטראָגן אפריילעכער טומל, און כ׳בין צו צום פענסטער און געזען, אויף די געפרוירענע אנגארא הונדערטער פאָרלעך זיך גליטשן אין פאַרשידענע פאָזן. אבראַמזאָן איז צוריקגעקומען מיט דעם באַשייד דאָס זיין מוטער, וואָס וואוינט אעטאַזש נידעריקער וועט באַלד קומען מיט טיי, און כדי די צייט צו פאַרטרייבן האָט ער פאָרגעשלאָגן וואָס צו שפּילן אפן קלאַוויר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געבלעטערט צווישן די נאָטן זשורנאַלן, ביז ער האָט געפונען וואָס ער זוכט. ער האָט גענומען שפּילן „פּערגינטס טויט״ פון גריג. די מעלאַנכאָלישע טענער האָבן טיף די געפילן גערירט, און ווען ער האָט באַרירט די שוואַכערע טענער, האָט זיך ווידער געהערט פון דער גליטש דער פריילעכער טומל פון די יוגנט...
דער צווייטער נומער איז געווען אנ׳אריע פון טשאַיקאָווסקיס יעווגעני אַניעגין. דערווייל איז זיין מוטער א 50 יעריקע פרוי מיט א סימפּאטישן קלוגן געזיכט, געקומען מיט א זידיקן סאַמאָוואַר. אבראַמזאָן האָט מיך פאר זיין מוטער פאָרגעשטעלט. זי האָט אויסגעדריקט צופרידענהייט, וואָס ער רופט צו זיך באַקאַנטע, און ניט זיצן כסדר אליין און טראַכטן. זי האָט פאַרלאָזן דעם צימער. אבראַמזאָן האט געבראַכט ביסקוויט, און אָנגעגאָסן טיי. ווען איך האָב אויסגעליידיקט צוזאַמען מיט אים קרוב א האַלבן סאַמאָוואַר, פרעג איך אים פארוואָס ער שפּילט נאר סענטימענטאַלע נומערן...

דערפאר, ווייל די סענטימענטאלע מוזיק ענטהאלט אין זיך מער געפיל, און דרינגט ארייַן טיפער אין מענטשלעכן וועזן.

נאָך אקליינע פויזע האָט ער פאָרטגעזעצט:

ס׳איז געווען א צייט, וואָס איך בין אויך ניט געווען א געגנער פון די לייכטערע מוזיק, וואָס האָט אנ׳אויפגאַבע צו באַרוישן, צו פארוויילן נאָר אין דעם מאָמענט וואָס מען הערט זי, אבער מיר ווייזט אויס גלייך ווי אנ׳אייביקייט צעשיידט מיך מיט יענע צייט...

איך האָב באַמערקט ווי א שמערצלעכער אויסדרוק האָט זיך איבער זיין געזיכט געוועבט, און א טיפער זיפץ האָט זיך פון זיין האַלדז ארויסגעריסן. ער האָט זיך באַלד געפאַסט... און געפרעגט:

— האָט איר אפשר חשק אדורכצוקוקן מיין בילדער אלבום?

— יא, זייער גערן.

ער האָט מיר דערלאנגט דעם אלבום, און איך האָב גענומען בלעטערן און באַטראַכטן די פאַרשידענע פאָטאָגראפיעס און די וואָס זיינען געווען אן אונטערשריפט, האָט ער מיר דער־קלערט וואָס פאַר א שכות זיי האָבן צו אים. צווישן די בילדער האָב איך מיט א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט באַטראַכט א קאַרטע פון אנ׳אומגעוויינטלעך שיין מיידל, און די אונטערשריפט פון די אנדער זייט, האָט ניט נאָר בא מיר ארויסגערופן בלויס פאַר־וואונדערונג, נאָר אויך די דערינערונג וועגן אזייער שמערצלעכע איבערלעבונג. די אויפשריפט האָט געלויטעט:

צום אייביקן אנדענקן פאַר מיין געליבטן אלעקסאַנדער מאסעיעוויטש. פון דיין דיך אייביק ליבענדע אניוטאַ בלומענ־פעלד.

אויגענבליקלעך האָב איך מיך דערמאָנט, וואו איך האָב דעם נאָמען באַגעגנט, און לעבעדיק איז פאר מיינע אויגן געש־טאַנען דער טויטן בריק צווישן טעלמאַ און אוסאָליע, און די רייע טרויעריקע געדענקצייכנס. איך האָב דעם בילד אוועקגעלייגט און די איבעריקע שוין מעכאַניש באַטראַכט. אבראַמזאָן האָט מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט, ווי ס׳ווייזט אויס האָט ער באַמערקט, דאָס דער בילד האָט אויף מיר אנ׳איינדרוק געמאַכט, דאָך האָט ער וועגן דעם קיין באַמערקונג ניט געמאַכט. א טיפער זיפץ האָט זיך פון זיין האַרץ ארויסגעריסן. יעצט איז מיר שוין קלאָר געווען, וואָס ער האָט זיך אנגעהערט מיט דער דערמאָרדעטע, און ווייס אן אַ צווייפל, וואָס עס האָט מיט איר פאַסירט דערפאַר האָב איך פון מינוט צו מינוט געוואַרט אפשר וועט ער זיך פון האַרצן אראָפריידן, אבער אנשטאָט דעם האָט ער זיך אוועקגעזעצט פאר־

טיפט אין געדאַנקן, גלייך ווי ער וואָלט געווען איינער אליין און איך האָב געדענקט אפשר איז אים אמליבסטן אליין צו בלייבן. האָב איך זיך מיט אים געזעגנט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, און מיך באַטראַכט גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט ווי איך קום דאָ אַהער, און אויטאָמאַטיש געזאָגט: וואָס איילט איר זיך. און איך בין אוועקגעגאַנגען.

נאָך פיל מאָל האָב איך אים באַגעגנט, און נאָך אפאָר מאָל אים באַזוכט, אבער פון אים גאָר זיך ניט דערוואוסט, וועגן די טראַגעדיע אניוטאַ בלומענפעלד. מיין מיטגעפיל געמישט מיט נייגעריקייט, האָט פיל מאָל פון מיר דעם טאַקט פאַרטריבן, און איך האָב געזוכט מיט אים דירעקט וועגן דעם צו ריידן, אבער יעדעס מאָל האָט ער דעם געשפרעך אנ׳אנדער ווענדונג געגעבן.

ווען אונזער באטאליאן איז אוועק אין לאגער אין דער טאיגאַ (אורוואלד) נאענט פון באיקאל אַ 50 וויארסט פון שטאדט, האָב איך ניט די געלעגנהייט געהאט נאָך אירקוטסק צו קומען, נאר דערפאר פון צייט צו צייט געשריבן צו אַבראמזאנען און ער האט מיר געענטפערט קנאפּ אין ווערטער אזוי ווי שטענדיק. אין א געוויסן טאָג האב איך פון אים באקומען א בריוו פון פאָלגענדן אינהאלט:

ליבער חבר!

לויט די אויפפאָדערונג פון מיין ברודער אין וולאַדיוואָסטאַק, פאָר איך אהין צו אים דאָרט צו פארבלייבן. איך וויים, דאָס איר האָט דערקענט אין מיר, אַז איך גיי אַרום מיט אַ וואונד אין הארצן און ניט איינמאל האט איר זיך געוויס די פראגע געשטעלט, וואָס איז דער גרונט, און איך האָב קיינמאל ניט פאַר אייך מיין האַרץ געעפנט, ווייל דער שמערץ וואָס נאָגט מיך איז א צו שניידענדער, כדי איך זאָל וועגן אים ריידן. נאָר איצט ווען איך פאָר אָפּ און אונדז וועט שוין זיכער ניט אויסקומען זיך פערזענלעך צו זעען, וויל איך איר זאָלט וויסן, וועלכע אורזאַכן האָבן מיר פאר דער צייט אַלט געמאכט. מיך געמאכט פאר א מעלאנכאָליקער און פון מיר גערויבט די לוסט זיך אויסצושמייכלען. דאָס קען איך

אמבעסטן ערליידיקן דערמיט, וואָס איך וועל אייך צושיקן א העפט אין וועלכן איך האָב קאָפּירט אַלע בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו מיינעם א גוטן חבר אין ווערכנעאודינסק. א חבר מיט וועלכן איך האָב צוזאמען שטודירט אין לערער סעמינאריום. די בריוו זיינען פון אַ פּעריאָד, אין וועלכן ס'האָט פּאסירט די גרעסטע טראַגעדיע אין מיין לעבן. אַטראגעדיע וואָס האָט אויף שטענדיק איבערגעלאָזן אַנ'אומהיילבארן וואונד אין מיין האַרצן. איך בעט אייך אזוי באלד ווי איר וועט דאָס דורכלעזן, אזוי גוט צו זיין און מיר דאָס אָפּשיקן זאַקאַזנע נאָך וולאַדיוואָסטאָק לויט די אונטן אופגעגעבענע אַדרעסע.

בלייבט מיר רעכט געזונט און א דאנק פאר די פריינטשאפט

אייער איבערגעבענער

אלעקסאנדער אבראמזאָן.

פּ. ס. בא געלעגנהייט וועל איך אייך פון דאָרט שרייבן.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך דערהאלטן דעם צוגעזאָגטן העפט און אים דורכזעענדיק האב איך געגלויבט, דאָס ער קען אויך אינטערעסירן אַנדערע אַחוץ מיר, דערפאר האָב איך אַראָפּגענומען א קאָפּיע, וועלכע איך גיב איבער וואָרט אין וואָרט.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ד. 2=טן מאי.

ליבער חבר! ניט איינמאָל האָב איך זיך געוואונדערט, וואָס זייט דו האָסט פאַרלאָזן אירקוטסק, האָסט דו פון דיר ניט הערען געלאָזן, אבער דיין בריוו האט מיר איבערצייגט, דאָס דו האָסט ניט קיין שולד אין דעם, ווען דו ביסט אָפּגעזעסן 2 יאָר געפענקניש פאַר דיין פּאָליטישן ארטיקל אין ווערכנעאודינסקי וויעסטניק. איך באגריס דיין צוריקקומען אויף דער פריי... נאַטירלעך איז געווען מיין פליכט דיר שנעל צו ענטפערן, אבער באַ מיין בעסטן ווילן איז מיר דאָס אומעגלעך געווען אדורכצופירן, ווייל מיין געיעג נאָך אנ'עקזיסטענץ, האָט מיין גאַנצע צייט פאַר=

נומען, און ניט ווייניק מיין געדולד געריבט. יעצט איז מיר ענדלעך געלונגען באַשעפּטיקונג צו באַקומען. איך האָב באַקומען לעקציעס אין דאָרף טעלמאַ, באַ דעם דירעקטאָר פון די שפּירט פאַבריק אלעקסעי מאַקסימאָוויטש װלאזאָוו, צו לערנען 4 טעג אין וואָך מיט זיינע 3 קינדער, און צוויי טעג אין וואָך לערן איך, דורך װלאזאָווס רעקאָמענדאַציאָן, אין אוסאָליע מיט די קינדער פון פּאָלקאָווניק אין ארטעלעריע ראזנאאבראזני. מיין הויפּט קוואַרטיר איז טעלמאַ. באַ דעם דירעקטאָר האָב איך באַקומען א באַקוועמען צימער, און וואָס וויכטיקער, אז איך האָב געפונען באַ אים א היפּשע ביבליאָטעק, אנ׳אוצר פון קלאַסישע און מאָדערנע ליטעראַטור, און ס׳וועט זיין מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן, ווייל ער האָט מיר דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט די ביכער.

טעלמאַ האָט ארום 500 איינוואוינער. די גרעסטע צאָל באַשעפּטיקן זיך מיט ערד אַרבעט, און א געוויסע צאָל ארבעט אין דעם „ווינני זאַוואָד״. מיט איין וואָרט דאָס איז א דאָרף מיט 14 גאַסן, און 13 הייזער. ווען איך קוק ארויס פון פענצטער, קען איך געני זען וואָס אין גאַנצן דאָרף טוט זיך. אויך געפינט זיך דאָ א באַטאַליאָן סאָלדאַטן, און די סאָלדאַטן גיבן צו א ביסל קאָלער דעם דאָרף.

אוסאָליע איז שוין אגרויס דאָרף מיט 4 טויזנט איינ-וואוינער.

דאָס אייז אויף די אנגארא ווערט טעגלעך אטאַקירט פון דער זון, און ס׳פאַנגט אן צו שמעלצן. מיט לאַנגזאַמע, אבער זיכערע טריט דערנענטערט זיך דער ליבער פרילינג.

11-טן מאַי

נעכטן אוונט האָבן די אָפיצירן פאַראַנשטאַלטעט א פעסט אין זייער קלוב, און צוליב דעם געבראַכט פון אירקוטסק א היפּש ביסל לעב-דאַמען, מיט וועלכע זיי האָבן באַטאָג שפּאַצירט אין דאָרף, און די איינוואוינער האָבן נייגעריק באַטראַכט די קאקעטיש געקליידטע דאַמען, וואָס האָבן זיך געלאזט הערן מיט הויכע גע-לעכטערס, און זייערע גאָלדענע ציינער האָבן געבלאַנקט אונטער

די זונס באַלייכטונג. אין אָוונט האָט געהילט די מיליטער מוזיק פון אָפיצערסקן קלוב, פאַר וועלכן דאָס דאָרפישע יונגוואַרג האָבן געפלירטעוועט. דורך די פענצטער האָט זיך פאַרטראָגן א קלאַנג פון טעלער און גלעזער געמישט מיט דעם טומל פון די אָפיצירן מיט זייערע דאַמען. א שכור׳ער פארוטשיק, וואָס איז ארויסגעקומען כאַפּן אביסל פרישע לופט, האט זיך פרעך געשטופּט דורך די פאַרזאַמלטע און דערלאַנגט א פאַטש א יונגן פויער פאַר זיין ניט שנעלן אפּטרעטן פון וועג. דער לעצטער האָט באַלד קוויטירט מיט 2 פעטש צוריק אזוי, דאָס דער אָפיצער האָט פאַרלאָרן די באַלאנסע, און אומגעפאַלן. דער דאָרפישער פּאָליציסט, וואָס האָט זיך אויך געפונען צווישן די פאַרזאַמלטע, האָט דעם מוטיקן פויער אין ארעסט אָפּגעפירט אונטער א געפייפעריי פון חברה אלץ פּראָטעסט.

שוין לאַנג זיינען די איינוואוינער געשלאָפן בלויז פון אָפיצערסקע קלוב, האָבן זיך נאָך געטראָגן ווילדע געוואַלדן, און מוזיק קלאנגן.

ווען איך בין היינט פערטיק געוואָרן מיט די לעקציעס, בין איך ארויס אין דאָרף. דער באַטאַליאָן סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן, און געזונגן לידער פון אנ׳אוממאראַלישן אינהאַלט. אבער די אָפיצערן זיינען צופרידן געווען, דאס האָט מען געקענט זעען פון זייערע געזיכטער. בלויז איין אָפיצער מיט א געשוואָלענע באַק, ווי ס׳ווייסט אויס דער אייגנטימער פון די נעכטיקע צוויי פעטש, איז געווען ערנסט... אין דער שפּיץ זיינען געגאנגען עטלעכע באַטאליאָנע הינט, צוזאַמען מיט א קאַזשאָל, און קליינע חברה זיינען נאָכגעלאָפן צופייפענדיק לויטן טאקט פון די פּיעסנעס. פאַר די טויערן זיינען געשטאַנען די דאָרפעשע מיידלעך, און באַטראכט דעם מאַרשרוט, און די סאָלדאַטן האָבן אויף זיי געקוקט, און צו זיי געוואונקען מיט די אויגן. פון א הויז איז ארויסגעלאָפן א גרויסער געלער הונט און זיך צוגעשלאָסן צום מאַרש, אבער דאָס איז געווען זיין לעצטער שריט, ווייל א קאַפּיטאַן האט ארויסגענומען זיין רעוואָלווער, און אויף אים אויסגעשאָסן, אין אווילע ארום איז ער שוין געלעגן אויף

דער ערד, וועלכע ער האָט געפאַרבט מיט זיין בלוט. אַנ׳אויגענ־בליק האָט ער זיך קאַנוואולסיוו געוואָרפן, און געבליבן ליגן טויט. דער קאַפּיטאַן האָט זיך רואיק ווייטער מאַרשירט, און זיך ניט אומגעקוקט אויף זיין קרבן... א ביסל שפּעטער איז געקומען א פויער, דער אייגנטימער פון הונט, און זיך דערוויסנדיק ווער עס האט דעם הונט דערהארגעט, האט ער צונויפגעלייגט די קולאַקען אין דער ריכטונג וואו דער באַטאַליאָן האט אפּמארשירט, און נאָכ־געשיקט דעם אָפיצער קללות פון ערגסטן סאָרט. אויף מיר האט די סצענע א זעער פיינלעכן איינדרוק געמאכט.

דו וועסט דיר אפשר דענקען ליבער חבר, דאס אויך יעגער שיסן חיות, און קענען דאך זיין איידעלע מענשן, איז אבער דער אונטערשיד וואָס יעגער זוכן אויסצוראטן רויב חיות, וואָס זיינען א געפאר פאר די מענטשלעכע זיכערהייט. איך באַ־טראכט דאס אויך פאר ברוטאליטעט. אבער זיי קענען זיך דעקן אונטער אידעאלע גרינדע, דאס זייערע טאטן ברייננגען נוטצן די מענטשהייט. אבער א הונט, וואס איז א נוצלעכע חיה, שוין דערמיט וואס ער איז טריי און איבערגעבן דעם מענטשן. וואָלט צווישן מענטשן געווען אזעלכע אמת׳ע פריינט ווי צווישן הינט, וואָלט פיל פארברעכנס און גרויזאמקייטן אויסגעמיטן געווארן. די סצענע האט מיר דעם חשק פאריאגט דעם שפּאציר פאָרצוזעטצן.

ד. 17־טן מאַי.

איך פארשטיי גאנץ גוט, אז ס׳איז א גרויסע אנשטריינקונג פאר דיר, אין דיין יעטצטיקע פּאליטישע זשורנאליסטיק, אויסצודריקן דיין מיינונג צווישן די שורות, דו ביסט מקנא דיינע קאלעגן אין די לענדער, וואו עס איז פריי דער וואָרט, ליבער חבר, פארגעס אבער ניט, דאס ווען אונזער רעגירונג נויטיקט זיך אין געלט אף בויען נייע געפענקנישן פאר פּאליטישע, אדער אויף אונטערצו־דריקן ארבעטער, באקומט זי הלואות אויך אין לענדער, וואו עס איז פרייע פרעסע...

באַ אונדז איז שוין גאר זומערדיק. דער היינטיקער טאג

איז שוין באַלד פון דער פרי געווען אַ ווארימער. די זון האט דערוואַרעמט די ליימיקע ערד, וועלכע שטעמפּלט די שטיוול מיט אַ געלער קאָלער. די ביימער באַקומען איינציקווייז זייערע גרינע בגדים, און פון די פייגיל זיינען שוין דאָ איינציקע פּיאָנירן, כּדי אויסצופּאָרשן אויב ס׳איז שוין זומער... מיט איין וואָרט ס׳ווערט פריילעך אויפן האַרצן.

פאַרנאַכט בין איך אַרויס אין גאַס צו באַטראַכטן דעם לעבן אין אוסאַליע. די באַפעלקערונג באַשטייט מייסטענס פון געוועזענע קאַטאָרזשניקעס, אויף וועלכע די האַרטע, שווערע אַרבעט, האָט איבערגעלאָזט סמנים אויף זייערע געזיכטער, וואָס זיינען פון אַ געלבע קאָלער. אין דעם גרויסן פּאַרק, אַרום דעם ברעג פון די אַנגאַראַ זיינען אַרבעטער באַשעפטיקט אַלעס אין אָרדנונג צו ברענגען כּדי צו קענען עמפּפאַנגען די גרויסע צאָל זומער געסט, וואָס דאַרפן קומען נעמען בעדער. דען לויט ווי דו געדענקסט, איז אוסאַליע אַ באַרימט באַדעאָרט. פון מזרח האט גענומען וואַנדערן אַ שוואַרצער, געדיכטער וואָלקן, וואָס האט באַלד איינגעהילט דאָס דאָרף אין אַטונקעלקייט, און אַ שטאַרקער זומער רעגן האט אָנגע־פאַנגען גיסן. איך בין אַריין אין אַ הויז איבערוואַרטן דעם רעגן. דער גאַסן בילד האט זיך אויגענבליקלעך פאַרענדערט. ערשט מיט אַ ביסל פריער זיינען די גאַסן באַלעבט געווען פון מענטשן. זיי זיינען זיך רואיק געגאַנגען, און אַ טייל פון זיי באַטראַכט די סחורות פון די געשעפטנס פענצטער. יעצט האבן זיי גענומען לויפן אין די הייזער און טויערן זוכן שוץ פון רעגן. אפילו אַלטע לייט האָבן גענומען שפּרייזן מיט זייער שנעלע טריט... אין די נאַנסטע באַהאַלטענישן. בלויז אַ קליין, בלאָנד געלאָקט מיידעלע, אין אַ דין קליידל, איז געלאָפן איבערן גאַס ניט זוכענדיק וואו דעם רעגן איבערצוּוואַרטן, נאַר ווי ס׳ווייזט אויס געאיילט אַהיים אודאי גלויבנדיק: דאָס אין ערגעץ קען זי ניט זיין אַזוי געשיצט ווי בּאַ די עלטערן... דעם קינדס טאַט האָט מיך געצוואונגען אויף אַ ווײַלע זיך צו פאַרטראַכטן אין די קינדער פּסיכאָלאָגיע. דער רעגן האָט געשווענקט די ערד, וועלכע האָט זיך צעגאָסן איבערן וועג, און די גריבער האבן זיך אָנגעפילט מיט וואַסער. פון אַ

טויער איז אַרויסגעלאָפן אַ קליינער יונג, און זיך געשטעלט ספּעציעל אונטערן רעגן, מיט די איינגעשפּאַרטקייט פון אַ קינד, וואָס האָט חשק אָפּצוטאָן דאָס אוממעגלעכע. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער גוט דורכגעווייקט געוואָרן, און זיך אָפּגעשאָקלט ווי אַ הונט נאָך אַ באָד, און איז אומצופרידן צוריק אַרײַן אין טויער.

אומגעפער אין אַ 20 מינוט אַרום האָט דער רעגן אויפגעהערט, פונקט אַזוי פּלוצלונג ווי ער איז געקומען. דער וואָלקן נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן זײַן שליחות, האָט ער גענומען לאַנגזאַם אָפּטרעטן צו מערב, און ס'איז אײַנציקווײַז צוריק ליכטיק געוואָרן. די מענטשן האָבן צוריק פאַרלאָזט די הײַזער, און דער לעבן האָט ווידער פּולסירט ווי געוועזן. בלויז אין די רינשטאָקן האָט דער וואַסער נאָך האַסטיק געשורעט, און עטלעכע יונגלעך האָבן געשלעפּט בלאָטע מיט שטיינער און באַריקאַדירט דעם רינשטאָק, ווילנדיק טריאומפירן איבערן וואַסער, אַז עס מוז זיך אָפּשטעלן לויט זייער פאַרלאַנג. אַ ווײַלע איז זיי דאָס געלונגען, אָבער אין אַ ביסל אַרום האָט דאָס שטענדיקע מער און מער אָנגעזאַמלטע וואַסער איבערגעשפּרייזט די פאַרשפּאַרונג און פאָרטגעזעצט דעם פליסן. די קליינע חברה האָט דאָס פאַרדראָסן, און האָבן עקספּערימענטירט אויף אַ צווייטער אַרט, אָבער אויך דאָסזעלבע ביז ס'איז זיי קלאָר געוואָרן, דאָס עס איז שווער צו הינדערן די נאַטור, אין איר פאָרווערטס מאַרש, און זיי זײַנען זיך צעלאָפן. אָבער אחוץ זייער איבערצייקונג. וועלן זיי אָן אַ צווייפל נאָך ניט איין מאָל פאָרטזעצן דיזעלבע פּרובן. ס'איז דאָך קינדער.

אין אינגאַקענטעווסקאַיאַ גאַס, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם איינציקן בוכהאַנדל, און באַטראַכט אין דעם פענצטער די אויסגעשטעלטע ביכער. איך וואָלט זיכער אַ לענגערע צײַט שטיין געבליבן, ווען ניט אַן'אַנדער בילד וואָלט געלייגט אַ באַשלאַג אויף מײַן אויפמערקזאַמקייט. פון בוכהאַנדל איז אַרויס אַ מיידל, און געבליבן אַ ווײַלע שטיין נאָכדענקענד, גלײַך ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען אויב זי האָט ניט וואָס פאַרגעסן, און איז באַשלאָסן אָפּגעגאַנגען. איר הייך איז געוועזן אַ מיטעלע. דער געזיכט אַ ווייסער און אַ רונדער. אירע אויגן שוואַרצע, פונקט ווי

אירע געלאָקטע האָר, דער מויל א קליינער, מיט דינע ראָזע ליפּן. איר ביוסט א קורצער און אפּארעמנער. און איר גאַנג א לייכטער און א גראַציעזער. כ׳בין געבליבן שטיין א פאַרווישטער, אין דעם מאמענט האָב איך זיך געפילט, פּונקט ווי מען לעזט אמאָל א גוטן בוך ביז שפּעט אין אוונט, מען לייגט זיך שלאָפן, אָבער מען האָט זיך אזוי ארייגעלעבט אין דער וועלט וואָס דער פּערפאַסער האָט אזוי קינסטלעך איבערגעבן, דאָס מען ליגט כסדר און מען טראַכט וועגן די אלע באַוועגונגן און פּסיכאָלאָגי, פון די געשילדערטע פּערזאָנען, און מען גריבלט זיך אויף וויפיל זיי האָבן אונטער פאַרשידענע סיטואַציעס געהאַנדלט ריכטיק, אדער פאַרקערט, און דאָס באַווירקט וואָס מען קען ניט איינשלאָפן. צולעטצט נעמט אלעס איריטירן, יעדער שאַרך, יעדער קלאַנג אין דער נאַכט שטילקייט נעמט אפּשרעקן. מען הערט זיך צו מיט אומגעדולד וויפיל דער זייגער שלאָגט שוין. ביז דורכן פענצטער ווייזט זיך א פּאַס פון ליכט שיין. אויגנבליקלעך ווערט מען ארומגענומען פון אַנ׳אומגעוויינטלעכע פריידע, און אין די געדאַנקען וועבט זיך א לויב געזאַנג דעם קומענדיקן טאָג, וואָס האָט ענדלעך פאַרטריבן די נאַכטשאָטנס… פּונקט אזא פריידע האָט מיך ארומגענומען באַטראַכטנדיק די שיינע אומבאַקאַנטע. איך האָב באַמערקט ווי די גרעסטע צאָל מענער קוקן איר נאָך, אָבער זי האָט קיינעם ניט מיט א בליק געווירדקיט. איר פּרויען שטאָלץ האָט מיין אינטערעס פאַר איר נאָך מיט פיל גראַד פאַרגרעסערט. כ׳האָב קעגן מיין פּרינציפּ איר געגומען נאכגיין. עפּעס א געהיימע קראַפט האָט מיך געטריבן דערצו. גאָר יעדענפאַלס בין איך געגאַנגען אויף אזוי ווייט, דאָס ווען זי זאָל זיך אומקוקן, זאָל זי ניט דעם איינדרוק באַקומען, דאָס איך פאָלג איר נאָך. די גאַסן און די מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט, האָבן פּלוצלונג באַ מיר באַקומען א יום-טובדיקן אויסזען. קומענדיק צום באַזאַר האָט זי גענומען גיין רעכטס, און זיך אומגעקוקט און אחוץ דעם, וואָס כ׳בין ניט געווען נאָנט פון איר, האָט זיך מיר אויסגעוויזן גלייך ווי זי ווייס דאָס איך מיין איר. ניט אומזיסט זאָגט מען „נאַ זלאַדיעאַ שאַפּקאַ גאָריט״. צווישן די באַוועגונג פון מענשן איז זי פּלוצלונג פאַרלאָרן געגאַנגען

פון מיין בליק, און דאס האט מיך ניט ווייניק געערגערט. איך האב מיך דערפילט ווי פאַרוואָרפן אויף א פוסטע אינזל ווייט פון מענשן און לעבן. ווי א צעדולטער האב איך ארומגעוואנדערט אין די ריכטונג וואו זי איז פאַרשוואונדן פאַר מיין בליק, אבער זי ניט מער באַגעגנט. א פאַרצווייפלטער בין איך געגאַנגען צו מיין קוואַר-טיר. אווילע האט א שטראַל פון האפענונג אין מיר אויפגעבליצט דאס אפשר וועל איך זי טרעפן א צווייטן מאל, אבער באלד האט אנ׳אנדערער געדאַנק מיינע געהירן באַצוואונגן; אפשר איז זי גאר ניט א היגע, און פארלאזט נאך היינט אוסאליע, און קיינמאל וועל איך זי מער ניט זען. דער געדאַנק, האט מיך געוואַלטיק געפייניקט.

ליבער חבר! דו ווייסט דאס אויף די הייראַטס פראַגע קוק איך ניט אזוי ווי א גרויסע צאל יונגע לייט אין מיינע יארן. זיי הייראַרן מיט א מיידל צוליב צוויי פונקטן, דאס ערשטע, ווייל לויט זייער מיינונג איז זי א שיינע, און דאס צווייטע ווייל זי איז א פרוי... און נאָך אנדערע אנולירן דעם ערשטן פונקט אין דער צייט ווען די מיידל האט געלט. אבער איך זוי דו ווייסט זוך אין א מיידל אייגנשאפטן, וואָס שטייען העכער ווי די אויס-גערעכנטע פונקטן, דאָך מוז איך פאַר דיר מודה זיין דאָס דעם איינדרוק, דעם צויבער, וואָס די מיידל האָט אויף מיר פאַר-אורזאַכט, וואָלט איך גרייט געווען מיט איר צו הייראַטן ווען זי זאָל זאָגאַר ניט באַזיטצן די מעלות, וואָס איך זוך אין א פרוי און ס׳איז מיר קלאָר געווען ווי אין ליבע קען מען ניט זיין א חכם.

די נאַכט האָב איך פאַרבראַכט א שלאָפלאָזע. און צו-מאָרגנס בין איך אפגעפאָרן נאָך טעלמאַ, מיט א ביינקעניש און שטרעבן אין מיין אויפגערודערטן האַרצן.

ד. 26 מאַי.

דו ביסט גערעכט, ליבער חבר, וואָס דו פאַרלאַנגסט, איך זאָל דיך ניט אויפהאלטן מיט ענטפער, און דיך וויסן מאכן אויב איך האָב נאָך ווען באַגעגנט די אומבאַקאַנטע. ווי ווייט מעגלעך וועל איך דיין וואונש דערפילן. און ווען נאָך האָב איך אזאַ געטרייען און איבערגעבענעם חבר. וואָס פארשטייט מיך אזוי גוט

און איז גרייט צו טיילן מיט מיר מיינע פריידן און ליידן.

צוריקקומענדיק פון אוסאָליע, האָב איך קיין רו ניט געקענט געפינען. קיין זאַך האָט מיך מער ניט אינטערעסירט, אפילו מיין ליידענשאַפט צו לעזען איז געווען ווירקונגסלאָז. אלע מיינע געדאנקען און שטרעבונגען זיינען קאָנצענטרירט געווען ארום די שיינע אומבאַקאַנטע. נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן זיינען מיר טעג אזוי לאַנגווייליק געווען ווי דאָסמאָל, און מיינע שלאָפלאָזע נעכט האָבן מיר מיין איבעריק ביסל רו צוגענומען.

ענדלעך בין איך ווידער געזעסן אין באַן וואָס פירט נאָך אוסאָליע, אבער ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, דאָס זי גייט היינט לאנגזאַמער ווי געוויינטלעך... ווען אין פערספעקטיוו האָבן זיך דערזעען די טורמס פון די קירך, און די סטאַנציע פון די פרייוויליקע פייערלעשער קאָמאנדע, האָט מיך אפריידע און גלייכצייטיק אנ׳אומרו באַצוואונגען. איך האָב זיך פארגעשטעלט דאס אזעלכע געפילן באַהערשן זיכער איינעם, וואָס איז אין אמשך פון אלאַנגע צייט ערגיץ אין אמדבר פאַרוואָרפן געווען, און עס געלינגט אים אהיימצופאָרן, די פריידע און אומרו וואָס איז באַ אים צוליב דעם נאָכקלערן, אויב ער וועט נאָך טרעפן די אלע פערזאנען, וואָס שטייען אים נאָנט צום הארצן.

ווען דער קאנדוקטאָר האָט אויסגעשריען אוסאָליע, וואָלט איך אים גערן געוועןן די האנט געדריקט...

ווען איך האָב זיך מיט אומגעדולד אָפּגעפּערטיקט מיט דעם פאָלקאווניקס קינדער, איז אנשטאָט מיטאָג צו עסן, בין איך ארויס אין גאס מיט דעם האָפנונג דאָס אויב די אומבאַקאַנטע איז פון אוסאָליע, וועל איך זי אפשר ווידער וואו באַגעגענען, כאטש ס׳איז מיר קלאָר געווען, דאָס ווען איך זאָל זי אפילו טרעפן, וועל איך ניט וואַגען צו איר נאָנט צוצוקומען, אבער פאָרלייפיק האָב איך איינגעשרענקט מיינע פאַרלאַנגען בלויז צו דעם איינעם וואונש, זי וויניקסטענס נאָך אמאָל צו זעען.

צוליב דעם וואָס דער זומער האָט זיך דאָס יאָר פריי באַוויזן אין סיביר, האָט מען אין גאס שוין באַגעגנט צענדליקער

פרעמדע, וואָס זיינען געווים פֿון פֿאַרשידענע געגנטן געקומען נעמען בעדער. אויגנבליקלעך האָב איך מיר געדענקט אפשר איז די אומבאַקאַנטע איינע פֿון די קור געסט, און אויב אַזוי געפֿינט זי זיך זיכער דאָ. אויסמעסטענדיק עטלעכע גאַסן, בין איך צו פֿאָרן בוכהאַנדל און גענומען באַטראַכטן די ביכער פֿון פֿענצטער, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיינע אויגן גערוט אויף די טיר פֿון בוכהאַנדל, ווייל איך האָב זיך איינגעבילדעט, דאָס אַט קומט די שיינע אומבאַקאַנטע אַרויס. אין אַ ביסל אַרום האָט זיך די טיר געעפֿנט פֿון ביכער געשעפֿט, און ס'איז אַרויסגעקומען אַ אומגעוויינטלעך קאָרפּולענטע דאַמע. לויט איר שטאַטלעכע קלייִדונג, איז קענטיק געווען אַ באָד-גאַסט, און ווי אויף להכעיס האָט איר די נאַטור פֿאַרזען מיט אַ פּאָר דינע פֿיס, וועלכע איך האָב זייער באַמיטליידעט ווען זיי דאַרפֿן שלעפּן אַזאַ מעשה. איר קורצע אַרויפֿגעבויגענע נאָז, האָט זיך ניט געקענט אויסגלייכן מיט די ליניִען פֿון אירע פֿעטע באַקן. ווען זי איז אַהערגעקומען אויף ניט צו פֿאַרלירן דעם אַפּעטיט צום עסן, בין איך זי ניט מקנא... איבערקומענדיק איבערן בלאָטיקן וועג, האָבן זיך איר די ווייסע שיך פֿאַרשפּריצט, האָט זי אַרויסגענומען פֿון איר האַנט טאַשקע אַ ווייס זיידן טיכל, און מיט זיי אָפּגעווישט די שיך, וועלכע זי האָט געהאַלטן אויפֿן דריטן טרעפּל פֿון אַ קראָם... און אוועקגעוואָרפֿן דאָס טיכל, וועלכעס אַ פֿאַרבייגייענדיקע פֿויערטע האָט אויפֿגעהויבן און מיט פֿאַרוואונדערונג נאָכגעקוקט די קאָרפּולענטע פֿרוי. און כאָטש די גאַס איז אַ קליינע, האָב איך זי נאָך אַ היפּשע צייט אין גאַס געזען...

מיין באַטראַכטן די פֿרעמדע האָט מיך געהאַט אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן פֿון מיין פּלאַן, נאָכדעם האָט מיך ווידער גענומען באַהערשן דער פֿאַרלאַנג צו זען די, וועלכע איך זוך. אַ'אויגנבליק איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, דאָס אויב זי איז אַנ'אָרטיקע, קען מען זי דאָך געווים אין דעם איינציקן בוכהאַנדל איך וועל אַריין גיין און אָפּשילדערן איר אויסזען, וועט מען מיר זאָגן ווער זי איז. אַ ווײַלע, איז מיר די אומקאַנווענציאָנעלקייט פֿאָרגעקומען פֿאַר ריכטיק, אָבער ביז איך האָב דאָס געזוכט צו

רעאַליזירן, האט די לאָגיק איבער מיר די מאַכט באַקומען און איך בין אוועק פון געשעפט.

איך האָב ווידער גענומען ארומשפרייזן איבערן דאָרף, און אריין אין פאַרק באַטראַכט די אַלע שפּאַצירנדע דאַמען... שפּעטער בין איך אריין אין קור רעסטאָראַן טרינקען טיי, און באַטראַכט אַלע געסט, אבער ניט געזען די, וועלכע איך האב געוואָלט. דערפאר האָב איך געזען די דיר שוין געשילדערטע קארפּולענטע דאַמע. זי איז געזעסן אליין בײַ אַ טישל, און גע־טרונקען טיי, און פון אַ גרויסן טאַץ געשלונגגן איין שטיקל פּוטער ברויט נאָכן אנדערן פּונקט ווי פּילן, און איך האָב זיך שוין מער ניט געוואונדערט...

איך בין צוריק ארויס און געגאַנגען ווי אַ פאַרווירטער, און דאָס האָט מיך געבראַכט אין קאָנפליקט מיט אַ פּויערטע, וועלכע איך האָב אומגערן אַ שטויס געגעבן, און אפילו ניט גע־בעטן אום פאַרצייאונג... זי האט מיך באַשאָטן מיט אַהיבש ביסל זידלערייען. אַ ווײַלע האָב איך אויף איר ווילד געקוקט... און דאן געבעטן אום פאַרצייאונג.

אויף טויזנט כפּרות ברויך איך דײַן איזוויניטיע. דו גייסט אין גאַס און שלאָפסט אידיאָט איינער. דו וואָלסט גע־דאַרפט כאַפּן פּעטש, אז דײַן גולמ׳דיקער קאָפּ זאָל זיך דיר אראָפּ־קייקלען דו נאַכאַל. זי האָט אויסגעשפּיגן עטלעכע מאָל און אָפּ־געגאַנגען.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן ליבער חבר, איר מאָנאָלאָג... האָט מיך אויף אַ ווײַלע אויפגעוועקט פון מײַן שייגעם חלום, אבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט און איך בין ווידער געווען ווי פריער...

דעם נייסטן טאָג האָב איך אויך ניט דערגרייכט קיין רעזולטאַט און איך בין אָפּגעפאָרן נאך טעלמאַ אַ מער צורודער־טער ווי דעם פאָריקן מאָל.

ד. 4=טן יוני.

פיל שלאָפלאָזע נעכט האָבן מיך געבראַכט אין אפעקט און איך האָב געזוכט איינציקווייז זיך אַרויסצורייסן פון מיין אומנאָרמאַלן צושטאַנד, פאַראורזאַכט צוליב דעם אומאויפהערלעכן טראַכטן וועגן די אומבאַקאַנטע. איינצלווייז זיינען מיינע געהירן אימשטאַנד געוואָרן זיך צו פאַראייניקן מיט לאָגישע באַטראַכטונגען, וואָס האָבן מיך אָנגעפאַנגען צו וועקן פון מיין לאַטאַרגענישן שלאָף. איך האָב איינגעזעען, דאָס צוליב אַ שיין פרויען גע=זיכט, האָב איך פאַרנאַכלעסיגט מיינע גייסטיקע אינטערעסן און מאַטעריעלע נויטווענדיקייטן, וואָס האָט מיטגעבראַכט אַ גייסטיקע און פיזישע אָפּשוואַכונג אין דער צייט וואָס קען זיין, דאָס זי איז שוין פאַרהייראַט אָדער פאַרליבט און ווען ניט, איז דאָך אויך ניט זיכער אויב זי וואָלט זיך געוואָלט מיט מיר פאַרבינדן, און ווען יאָ, קען דאָך אויך זיין דאָס אַ חוץ, וואָס איך בין גרייט געווען אויפצוגעבן צו זוכן אין איר די אייגנשאַפטן, וועלכע איך גלויב דאָס אַ פרוי דאַרף באַזיצן, כדי צו קענען פירן אַ האַרמאָנישן לעבן, וואָלט איך מיט איר געשלאָסן, ווען איר כאַראַקטער וואָלט מיר ניט געפאַלן. מיין שטאָלץ האָט גענומען וועקן מיין אַמביציע און ס׳איז מיר קלאָר געוואָרן, דאָס איך האָב מיך אין די לעצטע צייט אויפגעפירט ווי אַ חדר-אינגל. יעצט פיל איך ווי דער קריזיס האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציאָנס פונקט און ס׳ווערט בעסער. איך קען ווייטער מיט אַ ניכטערן קוק באַטראַכטן דעם לעבן. איך האָב פעסט באַשלאָסן אויפצוגעבן מיין געיעג נאָך די אומבאַקאַנטע.

ליבער חבר, מיין פאַרליבטקייט האָט געהאַט אַרויסגע-שטופּט דעם עקלדיקן עגאָאיזם אין די ערשטע רייע, דערפאַר האָב איך אין די לעצטע צייט מייסטענס נאָר געזען זיך אליין, פונקט ווי קיין אַנדערע מענטשן וואָלטן גאָר ניט עקזיסטירט. יעצט ווען מיין פאַרליבטקייט איז אָפּגעטרעטן, איז מיר מעגלעך אויך וועגן אַנדערע צו שרייבן:

מיט אַ צייט צוריק איז געקומען מיין בעל הבית׳ס טאָכטער, נאַדיאַ, אַ 24 יעריקע מיידל, וואָס האָט שטודירט מאַלער קונסט אין פראַנקרייך. מען קען זי ניט רופן אַ שיינע, אָבער

אַ זייער אינטערעסאַנטע. לויט אירע יאָרן איז זי רייך אין ערפאַרונגען. זי האָט מיר איבערגעבן אינטערעסאַנטע שטריכן פון פאַריזער באָהעמע לעבן, וועלכעס זי האָט גענוי שטודירט.

די אָפיצירן פון היגן גאַרניזאָן, אַזוי גוט די אומפּאַרהייראַטע, ווי אויך די פאַרהייראַטע דערזעענדיק אַ פרישע מיידל געזיכט, איבער וועלכן ס׳האָט געווייעט אַ פריש ווינטל פון דער גרויסער וועלט, האָבן אָנגעפאַנגען צו זשומען אַרום איר ווי בינען אַרום אַ בינשטאָק. יעדער האָט געזוכט איר באַקאַנטשאַפט, אָבער זי האַלט זיי אין אַ פאַסענדע ווייטקייט פון זיך.

צוליב זיין טאָכטערס אַהיימקומען, האָט וולאַזאַוו פאַראַנשטאַלטעט אַ פעסט און פאַרבעטן אַלע אָרטיקע אָפיצירן פון באַטאַליאָן. נאַדיאַ, איז באַשעפטיגט געווען מיט׳ן אויספּוצן די צימערן און סערווירן די טישן לויט יעוראָפּעאישן געשמאַק. אין אָוונט זיינען די געסט געקומען עטלעכע ציווילנע און די אָפיצירן אין גאַלאַ-אוניפאָרם. געפעלט האָבן נאָר צוויי אָפיצירן. נעמלעך: דער באַטאַליאָנגע קאָמאַנדיר פאָלקוניק וואָראָנקעוויטש, אַ קרענקלעכער מאַן, וואָס ווערט ברוטאַליזירט פון אַ מאַיטרעסע, און פּאָרוטשיק סאַדיק איזמאַאיל אַבדראַכמאַנאָוו, (פון טאַטאַרישע אָפּשטאַמונג) אַ מאַן וואָס פאַרברייינגט זיין פרייע צייט מיט אַסטראָנאָמישע און אַסטראָלאָגישע שטודיען. פון די פאַרהייראַטע האָט איינער נאָר מיטגעבראַכט זיין פרוי, אָבער ווי איך האָב שפּעטער געזען, האָט ער עס געטאָן, כּדי איר צו קרענקען, דען ער איז נאָר אַרומגעשפּרונגען אַרום פריילן וולאַזאָוו און מיט איין אויג באַטראַכט זיין פרוי און זעענדיק ווי זי ווערט רויט פאַר ערגערניש, האָט זיך אַ שפּאָטישער שמייכל געלייגט אויף זיין ברוטאַל אָבער שיין געזיכט. צווישן די אָפיצירן האָט אויך ניט געפעלט קאַפּיטאַן באַכמאַטאָוו, דער וואָס האָט דעם הונט דערשאָסן.

ווען די געסט האָבן פלאַץ פאַרנומען אַרום דעם שיין געדעקטן טיש זיינען די גלעזלעך אנגעפילט געוואָרן מיט שנאַפּס, און קאַפּיטאַן באַכמאַטאָוו, האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע צו דער ערע פון פריילין וולאַזאָוו. ער האָט אויפגעוויזן ווי מיט איר

אהיימקומען האָט זי אריינגעטראָגן אפּוועקסלונג אין דעם דאָרפישן,
איינפאָרמיקן לעבן, און ער האָפט, אז דאָס פייגעלע וועט ניט
זוכן ווידער אוועקצופליען פון איר נעסט... דער עולם האָט גע=
נומען היפּש צובייסן, און נאָך היפּשער צוטרינקען, קיין וואָרט
איז ניט געוואָרן אזוי פיל מאָל ווידערהאָלט, ווי דער וואָרט „נאַ
זדראָוויע"... בשעת די ציווילנע האָבן גערעדט וועגן פּאָליטיק,
האָבן די אָפיצירן נאָר געהאַט אין זינען פריילין נאַדיאַ. יעדער
האָט געזוכט איר צו געפעלן. פּארוטשיק פּראַלאָוו, דער וואָס
האָט מיט געהאַט זיין פרוי, האָט כסדר געהאַלטן אין דערציילן
הומאָריסטישע איבערלעבנישן, וואָס האָבן דערגרייכט די גרעניץ
פון דאָס אוממעגלעכע און אוואַנטיוריסטישע, און איבעראַל גע=
זוכט זיך ארויסצושטעלן אלץ צענטראַלע פיגור, ארום וועלכע די
געשעענישן האָבן זיך געדרייט. איך האָב דערקענט אין נאַדיאַס
געזיכטס אויסדרוק, דאָס זי פאַרשטייט אים... א צווייטער יונגער
פּאָדפּארוטשיק, האָט באַוויזן זיין בקיאות אין ליטעראַטור, און גע=
צויגן א פּאַראַלעל צווישן מאַליערס און בייראַנס דאָן זשואַן. א דריי=
טער האָט גערעט וועגן זיינע העלדישקייטן אויף יאַכט אין אוסו=
ריסקי קראַי, וואו ער האָט זיך געפונען עטלעכע יאָר אין דינסט,
און מערקווירדיק, וויפיל נסים מיט אים האָט פּאַסירט... פּונקט
ווי באַ נאַט פינקערטאָן. שטאַבּס קאַפּיטאַן וואָראָנצעוו האָט גע=
רעט וועגן די קלאַסישע און מאָדערנע מוזיק, און באַוויזן די מאָ=
מענטן דעם מילעאו, וואָס האָט בעאיינפלוסט די קאָמפּאָזיטאָרן אין
זייערע שאַפונגען. ער האָט גערעט זייער זאַכלעך. ניט געזוכט
סענסאַציע, און אין אלגעמיין איז ער געווען דער סימפּאַטישסטער
פון זיינע קאָלעגן.

פריילין נאַדיאַ איז אויך ניט געזעסן ליידיק, זי האָט
איבערגעבן כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון די פּראָווינציאַלס כאַראַ=
קטער, באַזונדערס, פון די פּראָווינציעלע פרוי אין איר ערשטן
לעבן. מען האָט אבער דערקענט אז דאָס רעדט א פרוי וועגן א
פרוי... די גרעסטע צאָל אָפיצירן צוליב דעם דראַנג זי צו גע=
ווינען, האָבן געזוכט איר נאָכצוגעבן, אין אלע אירע אנשויאונגען
און קריטיק. בלויז קאַפּיטאַן באַכמאַטאָוו, האָט זיך ארויסגעוויזן

ניט נאָר אַלץ ספּעציאַליסט צו שיסן הינט, נאָר אויך אלץ פּרויען פּסיכאָלאָג. ער האָט גענוי שטודירט פריילין נאַדיאַס כאַראַקטער און אויסגעפונען, דאָס זי האָט פיינט ווען מען שאָקלט צו מיטן קאָפּ, צו אַלע אירע באַטראַכטונגען, נאָר האָט ליב מען זאָל ארויס־זאָגן אַנ'אייגענע מיינונג, דערפאַר האָט ער געזוכט אין איר קרי־טיק, זי ארויסצושלאָגן פון אירע גרונד פּרינציפּן, און אפילו אין פּראָבלעמען וואָס ער האָט גוט געוואוסט דאָס זיי זיינען לאָגיש פון איר באַטראכט, האָט ער געזוכט צו באַווייזן פונקט פאַרקערט. און ניט קוקנדיק וואָס נאַדיאַ איז ראַפינירט, איז ער אבער א פּיל מער ראַפינירטער חברה מאַן, אזוי, דאָס זי האָט ניט געקענט איינ־זען זיין קאָמעדיע-שפּיל, דערפאַר האָט זי אים פיל אופמערקזאַמקייט געשענקט, און די איבעריקע אַפּיצירן האָבן געאייפערט בלויז די אַפּיצערסקע ווייבל איז צופרידן געווען... אבער דאָך האָט איר צופרידענהייט איר ניט געשטערט, ווען זי האט געזען דאָס איר מאַן איז גוט שכור צו פאַרשווינדן מיט אַנ'אָפיציר ערגיץ אויף א שטונדע צייט...

אין פאַרלויף פון עטלעכע שטונדן, ווען די פלאשן מיט געטראַנקן האָבן זיך אויסגעליידיקט און די אָפּיצערענס קעפּ זיך אנגעפילט, איז בא א טייל פון זיי אפּגעפאַלן די מאָראַלישע און עטישע אפּצוימונגען, און זיי האָבן גענומען דערציילן פּיקאַנטע געשיכטן, וואָס האָבן באַלד דערגרייכט דאָס פאַרנאַגראַפישע. פריי־ליין וולאַזאָוו האָט ניט ארויסגעוויזן קיין באַזונדערע באַוועגונג אפשר, ווייל צווישן די פאַריזער באהעמע קרייזן איז איר ניט געווען א נייעס פליוואליטעט? אדער האָט זי ניט געזוכט די געסט איינצוצוימען אין באַנד פון עטיק? ווער קען פאַרשטיין א פרויען זעעלע? לויט ווי איך האָב באַמערקט איז די אָפּיצערסקע ווייבל אויך יעצט אייפערזיכטיק געווען, ווען איר מאַן האט זיך דער־נענטערט פריילין וולאזאָוו...

נאָך האַלבע נאכט זיינען די געסט אריינגעבעטן געוואָרן אין קלאוויר צימער, פריילין נאדיא האָט גענומען שפּילן די לעצטע פאַריזער מעלאָדיען און די אפּיצירן האָבן באגייסטערט אפּלאָדירט. אין שפּייז צימער איז געבליבן זיצן א זייער שיכורער פּאָרוטשיק

און ביטער געוויינט. ווען פריילין נאדיא האט דאס באמערקט, איז זי צוגעשטאנען, ער זאל אריין צווישן די איבעריקע געסט און צוליב טאקט אים ניט געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט, אבער דאס האט געטאָן א ציוויליסט, און דער אפיציר האט גע־ענטפערט מיט אפגעהאקטע, שטאמלדיקע ווערטער... דאס ער האָט זיך דערמאנט: אז ווען ער איז קליין געווען, האט אים זיין שטיפפאָטער געשלאגן און אים ארויסגעטריבן פון דער היים. דער ציוויליסט, וואָס איז ניט ווינציקער שיכּור געווען, האט זיך הויך צעלאכט, און באקומען א פאָרוואורף פון פריילין נאדיא, און דער אָפיציר האט זיך שטארק צעוויינט.

ס'איז שוין באלד געווען טאג, ווען די געסט האבן פארלאָזן דאס הויז, און די טרעפּן האבן געטרעשטשעט אונטער זייערע וואקעלנדיקע שריט, און זייערע שפּאָרן האבן נערוועיזש גע־קלונגען...

געוויינטלעך האָב איך זייער ווייניק געטרונקן, אבער אויך דאָס איז פאַר מיר צופיל געווען, און איך האָב זיך גענייטיקט אין לופט, צו פארטרייבן די קאָפּ שמערצן, בין איך אַרויס אין דאָרף. דער טאג האט זיך איינציקווייז אדורכגעשלאגן דורך די נאכט פינצטערניש. די צוויי עטאזשיקע קאזארמע האט אנגע־פאנגען זיך צו באמערקן מיט איר ווייסע פארב, אין הויז פון די קאזארמע איז געשטאנען דער דניעוואלנע און געשמאק געגעניצט. פארן בעקעריי, האט פון פענצטער ארויסגעשלאגן א געשמאַקער ריח פון טייג און פריש ברויט, און דעם בעקערס זינגען „יערמאַק“, האָט הויך אפגעקלונגען אין דער הערשנדע שטילקייט. פארביי די וואָיענע קאַניושנע, האָט זיך געהערט א פעסט שנאָרכן פון דניעוואלנע, וואָס האָט געדאַרפט היטן די פערד. אין די אוסאל־סקאַיאַ גאַס, איז באַ אנ׳אפן פענסטער געזעסן א האַלב אנגעקליי־דעטער פויער מיט א שיינע גרויסע באָרד און ארויסגעלאָזן זיילן רויך פון א גרויסע פייקע. אויף מיין גוט מאָרגן האָט ער פריינ־טלעך געענטפערט. פון אנ׳אנדער הויז האָט זיך געהערט א קינדס שטאַרקן וויינען און א פרויס צוזינגען אנ׳אנגענעם לידל, און דאָס טרעשטשען פון א וויג. פון א הויף ארויס האָט זיך א הונט געריסן

פון קייט און געבילן מיט אלע כוחות דערהערנדיק גיין. פון זעלבן הויז האָט זיך געעפנט א פענצטער און א יונגער פויער האָט ארויסגעקוקט אין גאַס און באַלד עס פאַרמאכט. אין אַ ווייַלע ארום, האָב איך געהערט א קראַפטיגע שטימע: „מאַלטשי נעראָ״ און באַגלייט מיט א רוסישע ברכה, וואָס לאָזט זיך ניט איבערגעבן... און דאָס האָט געהאָלפן.

קומענדיק צו דעם גראָז באַוואַקסענעם ברעג פון די אנגאַראַ, האָב איך זיך אויף א ווייַלע אפגעשטעלט און באַטראַכט דאָס מאַיעסטעטיש פליסענדע וואַסער, וואָס האָט פאַרשפרייט א דערקוויקענדע קילקייט. פון דערווייטנס האָט זיך געזען די טשאסאָוואָיען, וואָס האָבן געשפרייזט מיט דיסציפלינארנע שריט מיט די ביקסן אויפן אָרים ארום זייערע פאָסטענס. די טונקעלע סאָסנע בוימער פון דאָרפישן בית עולם האבן אנגענומען א פרייַנטלעכער אויסזען אונטער דער ווירקונג פון די טאָג ליכט. ארום די הויכע שרענקעס האָלץ, וואָס איז באַרעכנט פאַר די דורכפאָרענדיקע שיפן, האָט שפאַצירט דער נאַכט וועכטער מיט א ריזיקן שטאָק אין האַנט און גערויכערט אָן אָנ׳אויפהער און פון צייט צו צייט ארויסגענומען פון טאַש א פלעשל און א זופּ געטאָן. אז עס איז ניט געווען וואַסער, צווייפל איך ניט. פון אירקוטסק צו האָט זיך דערזען א שווימענדיק הייזל אבער ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט, האָב איך דערזען, דאָס עס געפינט זיך אויף א ריזיקן פלאט, (צוזאמענגעקלעפטע קלעצער) וואָס איז געשוואומען אין דער ריכטונג צו אלעקסאַנדראָווסקאיע און די וועש, וואָס איז געהאַנגען אויף שטריקלעך צו טריקענען האָט זיך געהוידעט הין און צוריק אונטערן לופט דרוק און אונטער די באוועגונג פון פלאט.

ווען איך בין צוריקגעגאנגען צו מיין קוואַרטיר האָט שוין דאָס דאָרף דערוואַכט. דער בעקער האָט זיך געלאָזט איבערן דארף מיטן ברויט אויף א וואָגן און געשמייסט דאָס פערד כאָטש ס׳איז געגאנגען... פון די דאָרפישע שענק זיינען ארויס און אריין אַרבעטער, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער ארבעט אין דער שפירט פאַבריק און ווי ס׳ווייזט אויס זיך געניייטיקט אין א שנאפס ביז זיי קומען אין פאַבריק וואו זיי קענען טרינקען גראַטיס. און ווען זיי

האָבן דערהערט די פאַבריק פייפל האָבן זיך די עלטערע ארבעטער געלאָזט גאַלאָפּ צו דער ארבעט און מייסטענס פון די יונגערע אר־בעטער זיינען מיט נאָרמאַלע שריט צו דער ארבעט געגאנגען... פאַר דער קאזארמע איז שוין געווען דער באַטאַליאָן סאָלדאַטן אויסגעסטראיעט צו גימנאַסטיק, וואָס איז באגלייט געוואָרן פון פארשכר׳טע שטימען פון די פעלדפעבלס, וואָס האָבן קאָמאנדעוועט און צוגעוואָרפן די סאָלדאַטן שאַרפע קאָמפּלימענטן...

נאָר בײַ וולאַזאָוון אין הויז האָבן אלע נאָך געשמאַק געשלאָפן, בלויס די דינסט קסעניא א קלוג פויעריש מיידל, איז שוין וואַך געווען און נאָר געוואַרט אויף אַ סיגנאל פון די הער־שאַפט, אַז זיי ווילן טיי טרינקען.

ד. 6־טן יוני.

באלד בײַ מיין אהערקומען, האָב איך זיך דערוואוסט דאָס דאָ געפינט זיך אַ פּאָליטיש פאַרשיקטער פון רוסלאַנד מיטן נאמען אַבראַם יאקאָוולעוויטש נאָרדענטאל אַדאָקטאָר מעדיצין. און נאַטירלעך האָב איך געזוכט זיך מיט אים צו באקענען און געכטן האב איך אים באזוכט. ער באוואוינט אַ שטיבל אין אַ פויעריש הייזל, פון וועלכן דער בעל־הבית וויל פון אים ניט נעמען קיין דירה געלט, אבער ער וויל ניט וואוינען אומזיסט. דאָס ערשטע ווען מען קומט אריין צו אים וואַרפט זיך אין די אויגן אַ שראנק מיט פיל ביכער, וואָס ער האָט באַקומען פון דער היים צוגע־שיקט, פילאָזאָפישע און שיין ליטעראטור פון אַלעריי דענקער און שריפטשטעלער און לויט ווי ער האָט מיר איבערגעבן האָט די אדמיניסטראציע אונטער וועמעס אויפזיכט ער געפינט זיך קאָנפיס־קירט בײַ אים אַ גרויסע צאָל ביכער.

ער האָט מיך פריינטלעך געבעטן זיצן און זיך באלד גענומען אויפוואַרימען דעם סאַמאָוואַר. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאס איז ניט נויטיק און ער האָט מיר געענטפערט דאָס ביז יעצט האָט ער נאך ניט געטראָפן אין סיביר א מענטש, וואָס זאָל ניט קענען טיי טרינקען אין יעדע צייט פון טאג. אין דעם צימער

איז געווען זויבער, יעדע זאך אויף זיין אָרט און איך האָב גע־גלויבט דאס א פרוי האלט פאר אים ריין, אבער לויט ווי ער האט מיר איבערגעגעבן האט די פויערטע, די ווירטין אָנגעבאטן פאר אים ארדנונג צו האלטן נאר ער האָט זיך ניט געוואלט באַנוצן מיט פרעמדע ארבעט און ער האלט אליין ארדנונג אַפילעט זיין וועש וואשט ער אליין. אין דער היים האט ער געהלטן א דינסט אבער ווי ער אליין זאגט:

— דורך דעם דריטן יאָר, וואס איך געפין זיך אין סיביר, בין איך אף אַנדערע געדאנקן געקומען...

אין אַביסל ארום, האָט דער וואסער געקאָכט און דאקטאר נארדענטאל האט טיי איינגעגאָסן. פון וואוקס איז ער א הויכער, מיט א לענגלעך געזיכט, וואָס דריקט אויס קלוגשאפט און וועלכעס איז פול מיט קנייטשן, א חוץ וואָס ער איז ערשט 42 יאָר אלט... א שווארץ, שוין מיט גרויע האר געשפרענקט שפיציג בערדל און זיינע גרויסע ברוינע אויגן הארמארנירן מיט זיין מילדן וועזען.

מיר האבן גערעדט וועגן ביכער, וועלכע איך האב אויך געלעזן און מיר געבילדעט א מיינונג וועגן די פארפאסערס טענדענץ און וועגן די כאראקטערן פון די העלדן, האבן פאר מיר אנגעפאנגען צו דערשיינען אין א גאַנץ אנדערע פארב, ווען דאָק־טאר נאָרדענטאל האט זיין קריטישע מיינונג ארויסגעזאגט. אזוי, דאס איך האב דערפילט דאס אנטקעגן אים בין איך א נול. און איך ווייס ניט צו האט ער באמערקט אָדער בעסער געזאָגט דער־קענט, וואס איך דענק, יעדנפאלס האט ער איבערגעריסן דעם געשפרעך און אָנגעפאַנגען צו ריידן וועגן זאַכן, אין וועלכע איך האב זיך מער געפונען אין דער היים. און וואָס מער איך האב מיט אים גערעדט דאָס מער האב איך איינגעזען, אז דאָס איז א מענטש מיט א גרויסע נשמה און אַ ברייט הארץ און באזיצט א פרימיטיווע גוטקייט. און וועגן זיין פארשיקונג האָט ער מיר פאל־גענדעס איבערגעגעבן און איך גיב דיר דאָס איבער מיט זיינע אייגענע ווערטער.

איך האב געענדיקט די 8 קלאסיקע גימנאזיע אין פעטער־

בורג און אפגעפארן נאך אויסלאנד שטודירן מעדיצין. מיין שטודיום האב איך פארבראכט אין שווייץ און אין דייטשלאנד און צום לעצט פראקטיזירט עטלעכע יאר אין א ווינער שפיטאל. ווען איך בין צוריקגעקומען נאך רוסלאנד האָב איך זיך באַזעצט אלס פראקטיזירנדער דאקטאר מעדיצין. איך האָב געהייראט, דערביי האט ער מיר געוויזן אַ בילד פון זיין פרוי און אַ 5 יאריקע מיידעלע. ער האָט געקושט דאס בילד עס אַוועקגעלייגט און פארטגעזעצט:

איך האב מיך אינגאנצען געאָפּפערט פאר מיין פראקטיק און ניט צייט געהאט זיך אָפּצוגעבן מיט פאליטיק. איך האב געהאט טעג, וואס ס׳איז מיר ניט צייט געבליבן די טעגלעכע צייטונג אַדורכצוזען. צווישן מיינע פּאַציענטן האט זיך געפונען א יונגער קאנדידאט יורי קראַסנאוו, וועלכן איך האב א צייט קורירט. אויף איינמאל איז ער פאַרשוואונדן ניט קוקנדיק דערויף, וואס ער האט נאָך געדארפט קומען אויף באהאנדלונג. עטלעכע וואכן שפעטער האב איך באקומען אבריוו מיט 10 רובל פון אים אויס לאנדאן. ער דאנקט מיר פאר מיין גוטן קורירן אים און בעט אנטשולדיקונג, וואס ער האט מיר ניט פריער אפגעצאלט, דען ער האט געמוזט צוליב וויכטיקע ענינים פאַרלאזן רוסלאנד און יעצט שיקט ער מיר געלט פאר די לעצטע וויזיטן. איך האב דעם בריוו אוועקגעלייגט צווישן מיינע איבעריקע בריוו אין שרייבטיש. וואָלט איך דענסטמאל געוואסט, דאס דער אומשולדיקער בריוו וועט מיך צושיידן מיט מיין פאמיליע און מיין פראקטיק, וואלט איך אים געוויס פארניכטעט.

א פאר וואכן שפעטער האט מען ארעסטירט מיין פריינט, דאקטאר וולאדימיראוו, מען האט אים באשולדיקט אין סימפאטי פאר די רעוואלוציאנערן און געפינענדיק בא אים מיין וויזיט קארטע האט דאס פאראורזאכט, וואס מען האט אין מיטן דער נאכט בא מיר געמאכט א רעוויזיע, פארלאנגט די שליסלען פון אלע שרענק און טישן, אלעס צוואארפן און אפילעט געזוכט אין די מאטראצן פון די בעטן. אין א קורצע צייט האבן די צימערן געענדלט ווי נאך א פאגראם. די ענדע איז געוועז, וואס זיי האבן אויף א וואגן ארויפגעלייגט אלע מיינע ביכער דאקומענטן און בריוו און אפגע=

גאנגען. און א קורצע צייט ארום האט מען מיך גערופן אין זשאנ־דארמעריע אויף א פארהער און מען האט מיך חשד געווען, דאס איך שטיי אין פארבינדונג מיטן קאנדידאט קראסנאוו, וואס איז א געפערלעכער רעוואלוציאנער און ס׳איז אים געלונגען צו אנט־לויפן נאך ענגלאנד, ווען מען האט אים גדארפט ארעסטירן. ווייל זיי האבן געפונען פון אים זיין בריוו צו מיר און כאטש דער בריוו האט דייטלעך באוויזן, דאס ער איז ניט מער ווי מיין פאציענט, האט מען מיך אין ארעסט פארשפארט און ניט צוגעלאזט מיין פרוי אדער וועמען פון די פאמיליע צו מיר. איך בין אפגע־זעסן נאנט צו א יאר און אדמיניסטראטיוו פארשיקט געווארן אויף 5 יאר נאך סיביר. איך וואלט געקענט אייך אפשילדערן דעם וועג אונטערן עטאפ, אבער איך טו דאס ניט איך האב פיינט זיך צו קלאגן... איך וויל אייך נאר בלויס זאגן, דאס אין עטאפ געפענקניש אין סעמיפאלאטינסק, האב איך זיך אפגעשטעקט מיט טיפוס און איבערגעבליבן אין שפיטאל ארום 5 וואכן צייט און ווען כ׳בין געזונט געווארן קען מען דאס ניט צושרייבן אויף די רעכנונק פון די מעדיצין באהאנדלונג וואס איך האב באקומען... איך בין נאך רעכט שוואך געווען, ווען מען האט מיך ווייטער טראנספארטירט מיטן עטאפ אין א דארף אין אמסקער גובערניע, וואו איך האב זיך געפונען אונטער די פרייע קאמאנדא און געוואוינט אין א שטיבל מיט א ריכטיק פאליטישן, ראזענצווייג, אנ׳אדוואקאט פון אודעס. מיט מיין פראקסיס האט מען מיר ניט דערלויבט זיך צו באשעפטיקן. די בריוו, וואס איך האב געשריבן אדער באקומען, זיינען דורכגעלעזט געווארן דורך די אדמיניסטראציע, דאס האט מיך אממיינסטנס געערגערט.

איך בין דארט אפגעוועזן איבער צוויי יאר ביז ס׳איז געפאלן א חשד אויף ראזענצווייגן, דאס ער האט פארבינדונג מיט די ארטיקע באפעלקערונג, האט מען אים פארשיקט נאך נערטשינסק און געפונען פאר נויטיק אויך מיין וואוין ארט צו איבערבייטן און מיך געשיקט נאך אינאקענטעווסקאיא, וואו איך בין אפגעוועזן 8 חדשים און די לעצטע 2 חדשים געפין איך זיך אין טעלמא.

פון איבעריקן געשפרעך האב איך זיך דערוואוסט, דאס

זיין פרוי פאַרלאַנגט אַהערצוקומען, אָבער ער וויל ניט נעמען אויף זיין געוויסן, אז איר זאָל אויסקומען צו ליידן צוליב אים בשעת אין רוסלאַנד איז זי פאַרזאָרגט מיטן טעכטערל בא איר פאַמיליע. און אויך רעכנט ער אין א 2 יאָר ארום פריי צו ווערן...

דאָקטאָר נאַרדענטאל האָט נאַטירלעך ניט געזאגט וועגן זיין יעצטיקע פאָליטישע ריכטונג... נאר צווישן די שרות האָב איך פאַרשטאַנען, דאָס אויב ער איז ניט געווען א רעוואָלוציאנער ביז זיין ארעסטאַציאָן, איז ער עס יעצט...

איך האָב זיך מיט אים געזעגנט און ער האָט זיך זעער געפרייט איבער מיין פריינטשאַפט פונקט ווי איך איבער זיינע. נאָר ער האט מיך געבעטן, דאס איך זאל זעער פאָרזיכטיק זיין, ווען איך וויל צו אים קומען, ווייל ער טאָר ניט האבן קיין צו־זאַמענקוועס מיט די ארטיקע באַפעלקערונג און איך אליין קען וועקן חשד ווען איך קום צו אים.

איך בין אפגעגאנגען און זיך אומגעקוקט אין אלע זייטן ווי א גנב...

ווען איך בין געקומען פון דאקטאר נארדענטאל, האט זיך מיר כסדר געפלאנטערט דער געשפרעך מיט אים און זיין לאַגע. איך האב באַוואונדערט זיין מוט ווי ער האט גערעדט וועגן זיין טרויריקן גורל, גאַנץ גלייכגילטיק אן זיך צו באַקלאָגן און גלייכצייטיק האב איך געטראַכט וועגן די צענדלינגער טוי־זענדער נאַרדענטאלס, וואָס שמאכטן אין די סיבירער געפענקנישן ווער פאַר ריכטיקע רעוואָלוציאָנערע מעשים און אנדערע צוליב די רעגירונגס דומהייטן. איך בין געלעגן וואַך שעהן נאכאיינאנד פאַרזינקן אין געדאַנקען. דער קירך זייגער האט געשלאָן 12. א ביסל שפעטער האָב איך געהערט ארונטערגיין פון טרעפ קאפיטאן באכמאטאוו, וואס האט באזוכט פריילין וולאזאוו. זייט דעם פעסט אונט זיינען זיי אפט צוזאמענגעקומען. צוזאמען ארויסגעריטן אין דער אומגעגנט אדער ווען זי האט וואו אויף דער פריי געמאלט, האָט ער זיך ארום איר געפונען. קיינער האט ניט געצווייפלט

דאס זיי וועלן הייראטן. אנדערע האבן געמיינט דאס צוליב דעם; ווייל דער אלטער ולאזאוו געט זיין טאָכטער א היפשן נדן און באַכמאַטאָוו נייטיקט זיך אין געלד צודעקן זיינע פיל חובות. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס איך האב אים פיינט פאַר זיין ברוטאליטעט, דאָך וואָלט געווען אומערלעך ווען איך זאָל צוגעבען מיט באַשטימטהייט, דאָס ער הייראַט נאָר צוליב דעם געלט. ס׳קען זיין אז יאָ און ס׳קען זיין אז ניט. אפילעט בא א חיה קען מען אויך געפינען ליבע...

ס׳האט גאר ניט לאַנג געדויערט נאָך זיין אָפּגיין ווי א רעוואָלווער שאָס האָט זיך געהערט פון דערווייטנס. איך האָב אויף דעם קיין באזונדערע אַכט ניט געלייגט. וואָס פאַר א וואונדער צו הערן שיסן אין סיביר? לעטצטנס האָב איך געדענקט אפשר האָט באכמאַטאָוו אויפן וועג א הונט באַגעגנט...

צעמארגנס האָט מען זיך דערוואוסט, דאס באַנאַכט האָט מען געפונען קאַפּיטאַן באַכמאַטאוו א דערשאסענעם און ער ליגט פארלייפיג אין מיליטער אקאלאדאק און אזוי ווי זיין רעוואָלווער איז אומבאַרירט, איז אויסגעשלאסן דאס ער איז זעלבסטמארד באַגאנגען. איך האָב זיך דערמאָנט אויף דעם שאָס וואָס איך האָב געהערט באנאכט אויך בא וולאזאוון האָט מען געהערט שיסן און אויך דעם קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט. פריילײן נאדיא איז זעער נידערגעשלאָגן.

פון אירקוטסק איז געקומען מיט אנ׳עקסטרא צוג דער סלעדאוואטעל מיט זיין סעקרעטאַר, צוויי זשאַנדאַרן און א מארד עקספערט. דער מארד פלאַץ איז אונטערגעזוכט געווארן און אויך דער דערמארדעטער. עס איז פעסטגעשטעלט: דאָס ער איז דערשאָסן געוואָרן אין קאָפּ. זיין זייגער און געלד איז געווען אומבאַרירט, אלזא, א נקמה אדער לוסטמאָרד. די פאמיליע וולאזאוו איז פאַרהערט געוואָרן, באַזונדערס פריילײן נאַדיאַ, און דעם סלעדאוואַטלס מיינונג איז געווען, דאָס ווער פון די סאָלדאַטן האט אים דערמאָרדערט, ווייל ס׳איז באקאַנט געווען; דאָס ער האָט זיי אומגעוויינטלעך בארבאריש באַהאַנדלט און מיט א צייט צוריק

איז איינער צוליב דעם זעלבסטמאָרד באַגאַנגען. מען האט אונטערזוכט די סאלדאַטן פון זיין ראָטע און דער דניעוואלנע האָט פאַרזיכערט, דאָס קיינער האָט באַנאַכט ניט פאַרלאזט די קאַזאַרמע. אויך באַ דאָקטאָר נארדענטאַל האָט מען געמאַכט א רעוויזיע, אבער גאָר ניט געפונען קיין פאַרדאַכטיקעס אויך האָט ער געקענט באַווייזן זיין אליבי. ווען ס'איז מיר געלונגן שפעטער צו וועקסלען א פאר ווערטער מיט דאָקטאָר נארדענטאל און איך האב באַרירט די רעוויזיע, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס פארוואונדערט אים ניט. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט מען באַגנב'עט א פויער, האט מען אויך באַ אים א רעוויזיע געמאכט...

די קאָמיסיע האָט זיך אומגעקערט אהיים אן א רעזולטאט.

באַ וולאזאוון האָט מען שטאַרק גערעדט וועגן מאָרד. נאַדיאַ מיינט, דאס ווער פון די סאָלדאטן האָבן אים געשאָסן. וולאזאוו קלערט, אפשר איז דאס דער פויער, וועמענס הונט באַכמאַטאוו האט דערשאסן. און פרוי וולאזאוו וואס איז שטאַרק רעליגיעז מיינט, דאס ווי ס'זאל ניט זיין, איז דאס גאטס שטראף, ווייל ער איז געווען שלעכט און געמיין צו מענטשן און חיות.

ליבער חבר! דו וועסט מיר אויך צוגעבן, דאס פרוי וולאזאווס מיינונג איז ניט מער ווי דאגמאטיזם. ווען מענטשן וואָס באַגייען שלעכטע טאַטן זאלן באַשטראפט ווערן דורך א געהיימע מאַכט מיט וויפיל באַנדיטן האט די וועלט געדארפט ווייניקער זיין? נעם א פאקט אונזער רוסלאנד, וועלכעס רעגירונגן פארשיקן און פאר'משפ'עטן צום טויט אין משך פון פיל דורות הונדערט טויזענדער פאליטישע און אומשולדיקע מענטשן. ווען די מויערן פון די סיבירער געפענקנישן זאלן קענען ריידן וויפיל טראגעדיען בעסטיאלישע טאַטן, וואלט מען געהערט וועגן מענטשן, וואס זיינען פארפייניקט געווארן פון מענטשען חיות און וויפיל האט די פארפעסטע לופט געטויטעט. און די אלע בארבארן, וואס האָבן פאראורזאכט אזויפיל פיזישע און גייסטיקע ליידן זיינען זיי באשטראפט געוואָרן?

ד. 9=טן יוני

איך בין ניט מער, ווי א שוועכלינג, א פאנטאזיאר, ווען איך האב זיך געקאנט איינבילדן, דאס איך בין שוין קוויט מיין אויפפלאמענדיקע ליבע צו דער שיינער אומבאקאנטע. דער פיבער האט מיך נאר געהאט אויף א ווײַלע אפגעלאזט און יעצט נאך מיט מער קראפט ארומגעקלאמערט מיין וועזען און איך בין ווי=דער א שקלאף בא דער ליבע, גרייט איר נאכצוגעבן אלע קאפ=ריזן. אלע מיינע פרינציפן, לאגישע באשלוסן, עקזיסטירן ווידער ניט פאר מיר. —

ווען איך בין דאס לעצטע מאל נאך אוסאליע געקו=מען און צופעליק אדורכגעגאנגען דעם בוכהאנדל... האט מיך ארומגענומען אזא שטארקער פארלאנג זי נאך א מאל צו טרעפן, דאס איך האב דערפילט דאס איך וועל זיך פריער ניט בארואיקן ביז איך וועל דערפילן מיין שטרעבן. דער געדאנק, דאס זי איז אפשר ניט א היגע, האב איך מיט געוואלט געזוכט קוויט צו בלייבן... איך האב זיך באטראכט, דאס אויב זי איז פון אוסא=ליע, איז עס דאך נאר א דארף ווי איינער קען דעם אנדערן. איך וועל אפשילדערן איר אויסזעען וועט מען מיר געוויס זאגן ווער זי איז, ס'איז מיר נאר געבליבן צו פרעגן בא א מענטשן, פאר וועלכן איך דארף זיך ניט שעמען מיט אזא פראגע. און דער גורל איז געפאלן אויף דעם פאלקאווניקס דענשטשיק זאכאר=קא, א מאלאראס. זיין אויסזעען האט מיך געשטארקט אין דאר=ווינס טעאריע וועגן די מענטשלעכע אפשטאמונג... ניט איין מאל האב איך געקלערט, פארוואס דער פאלקאווניק האט אויסגע=קליבן אזא פארשוין פאר א דענשטשיק און איך האב זיך געדענקט, אפשר האט ער ניט צוטרוי צו זיין יונגע, צווייטע פרוי...

זאג מיר, זאכארקא, קענסט דו א סאך מיידלעך פון אוסאליע? פרעג איך.

פונקט אזויפיל, וויפיל אוסאליע פארמאגט. דערביי האט ער זיך צעלאכט וואס האט זיין געזיכט נאך מיאוס'ער געמאכט. כ'האב אים געשילדערט איר אויסזעען.

זאַכאַרקא האָט פאַרקנייטשט זיין געלן שטערן ווי אַ שטודענט באַ אַ שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע און אַ ווײַלע נאָכ־געטראַכט און ענטפערט:

איך קען צוויי מיידלעך, וואָס זיינען ענדלעך צו די, וואָס איר האָט געשילדערט. איינע, איז אַניוטאַ בלומענפעלד, אַ טאָכטער פון אַ רייכן קאָרן טוחר און די אַנדערע אפראסענקא, אַ טאָכטער פון קאַפּיטאַן באַגאַלובאָוו.

איך האָב אים געגעבן אַ 3 רובל'דיקן אויף טיי. זאַ־כאַרקא האָט געקוקט אַ ווײַלע אויפן געלט און אַ ווײַלע אויף מיר... ערשט ווען איך האָב אים נאָך אַ מאָל געזאָגט, נעם צו זאכארקא, האָט ער מיט שמחה דאָס פּאַפּירל אַריין געשטופּט אין די גרויסע טאַש פון זיינע סאָלדאַטסקע הויזען און זיך פאַרנייגט.

פּאָקאָרנאָ בלאַגאַדאַריו, גאָספּאָדין אַבראַמזאָן.

יאַ, זאכארקא, איך האָב פאַרגעסן דיר צו פרעגן זייערע אַדרעסן.

דער איד וואוינט אויף סאַלנאַיאַ 13. ערשטער זאַל צום גאַס און די אַנדערע אין טעלמער גאַס אין דער נידער, דעם הויז נומער געדענק איך ניט, נאָר איר וועט טרעפן, ווייל אין דעם זעלבן הייז איז דאָס שוך געשעפט „נאַדיעזשדאַ”.

ווען כ'האב צום ערשטן מאל די מיידל געזען, האט די ראסן פראגע באַ מיר אַ קנאַפּע ראלע געשפילט, נאר יעצט, ווען כ'האב נאכגעטראכט וועלכע פון זיי קען זיין די ריכטיקע, האב איך מיך דערמאנט דאס זי איז אריין יידישער טיפּ און אזוינאך געוואוסט וואו איך דארף זוכן. באלד איז מיר געקומען אַ גע־דאַנק אפשר האט זאכארקא א טעות געהאט, אבער איך האב מיר מי געגעבן דאס צו פארגעסן. ס'איז שוין געווען פארנאכט האב איך באַשלאסן מיין אונטערזוכונג איבערצולאזן אויף מארגן.

מיין פאנטאזיע האט געארבעט מיטן פולן קראפט און מיך ניט געלאזט איינשלאפן נאר מיר געמאלט איין בילד שענער פון אנדערן. איך האב זיך שוין באַקענט מיט אניוטען און זי האט איין געוויליקט מיין פרוי צו ווערן, אבער אין מיטן די אלע אי־

לוזיעס, האט דער ניכטערער פארשטאנד. איך ווייס ניט ווי אזוי, זיך אויף א ווײַלע דורכגעבראכן און מיר געשטעלט פראגען: ווי איז, ווען זי וועט מיך שוין וועלן, וואס וועלן אירע רייכע על־טערן זאגן צו א לערער א קבצן און ווען דאס זאל שוין אויך ניט זיין א הינדערונג, האב איך דאך פעסט באַשלאסן אין קיין פאַל ניט צו הייראטן מיט א רייכע מיידל, וועלכע אויפּוואקסענדיק אין לוקסוס, קיינמאל ניט וויסענדיק פון נויט אוןליידן, מוז זיין אנ׳עגאאיסטקע, א ניטמיטפילענדע מיט יענעמס ליידן. אנ׳אנדערער געדאַנק האט ווייטער מיך באַשעפטיגט. וואס דאַרפסט דו טראכטן וועגן אירע איינגעשאפטן, ווען דו קענסט איר ניט. אפשר איז זי אנ׳אויסנאם און עס קען גאר זיין, דאס זי איז שוין אכלה דען אחוץ דיר זיינען אויך נאך פאַרהאַן מבינים אויף אזא מיידל. אבער אין נעכסטן אויגענבליק האט מיך ווידער די שטאַרקע ליבע צו איר באצווינגען און אין מיין קאפּ איז מער ניט פלאץ געבליבן פאַר ניכטערע באַטראכטונגען.

צעמארגנס בין איך מיט א קלאפּענדיג הארץ אין דער סאלנאיא גאס געגאנגען און זיך אפּגעשטעלט קעגן נר. 13 ארויפ־קוקענדיג צו די פענצטער פון 1־טן זאל און דערזעען א רייע טעפּ מיט בלומען, אבער ניט די בלום וועלכע איך האב געוואלט זעען. איך בין א ווײַלע געשטאנען און אריין אין די שענק אנטקעגן נר. 13 און זיך געזעצט לעבן א טישל באם פענצטער כדי צו קע־נען זעען אויב זי גייט ארויס פון הויז אדער קומט פון וואו. דער קעלנער האט מיך געפרעגט וואס איך פארלאנג און איך האב אים פאַרוואונדערט אנגעקוקט... און לעצטנס מיר געהייסן געבן טיי. כ׳בין געזעסן נאנט צו אנדערהאַלבן שטונדען און זי ניט באמערקט אזוי, דאס איך האב ווידער געקלערט אפשר האט זא־כאַרקא א טעות געהאַט. איך האב שוין געוואלט אפּגיין נאר זיך איבערגעדענקט דאס גראד ווען איך וועל אוועקגיין, קען זי זיך ווייזן און בין געבליבן נאך א שטונדע צייט. און אמענדע אפּגע־צאלט פאר די טיי און ארויס אין גאס. עטלעכע שטונדן שפּעטער בין איך אפּגעפארן נאך טעלמא.

ד. 15=טן יוני.

דאסמאל, האב איך דערגרייכט א שטיקל רעזולטאט. א רעזולטאט, וואס זאגט מיר גאנץ ווייניק צו אין דער צוקונפט, אבער וואס האט מיך אויף אווילע צופרידן געשטעלט. ווידער האב איך זיך געפונען ארום נר. 13 אויף סאלנאיא און אלץ געקוקט אין די פענצטער פון 1=טן זאל. כאטש מיין שטרעבן זי צו זעען איז גרעסער געווען ווי שטענדיק, דאך בין איך געווען מער געפאסט ווי ביז יעצט, ווייל איך האב זיך שוין צוגעוועגט צו די אומרואיקייט אין מיין הארצן. עס האט מיך פשוט פאר-דראסן וואס בלומענפעלד האט ניט א געשעפט, וואלט עס געמעגט זיין פון קוילן אדער וואגן שמירעכץ... וואלט איך געקענט אריין קויפן... און אפשר אזוינאך געקענט רייד, מיט פריילין אניוטא.

איך האב שפאצירט איבער די גאנצע לענג פון גאס היין און צוריק און יעדעס מאל אויפגעהויבן דעם קאפ פאר בלומענ-פעלדס הויז פונקט ווי א סאלדאט פאר א גענעראל. אויף שריט און טריט האט מען באקעגנט די קור געסט מיינסטענס פרויען אין שיינע קליידונג: עטלעכע פרויען זיינען געגאנגען מיט הערן קענטיק ניט זייערע מענער, ווייל זיי זיינען געווען זעער גאלאנט און העפלעך איינער צום צווייטן און זיך זעער ליבלעך אין די אויגען געקוקט.

צוויי וואגאבונדן האבן נאכגעפאלגט די פרעמדע און בא זיי געבעטן א נדבה און א טייל האבן געגעבן און דאס איז צענויץ געקומען דעם שטאט, ווייל ביידע האבן זיך אריינגעלאזט אין מאנאפאל און ארויסגעקומען מיט האלבע פלעשלעך כארא-קאיוקע. זיי האבן זיך אוועקגעשטעלט אין א טויער און ווי נאך א קאמאנדע האבן ביידע מיט איין מאל א קלאפ געגעבן די פלעשלעך אין דער פלאך פון האנט און די קארקעס זיינען גע-פלויגן אין דער לופט און זיי האבן שטארקע זופ געטאן זיך בא-לעקט מיט די צונגן און גענומען פלוידערן. א קליינער בארוועסער יונג, האט זיי באטראכט און נאכגעמאכט ווי זיי קלאפן ארויס די קארקעס מיט די הענט. איינער פון די וואגבאנדן האט אויסגעצויגן

זיין פוס ווילענדיק אַ בריקע געבן דעם קליינעם חברה מאַן, אבער דער קליינער יונג איז אפגעשפרונגען און אנטלאָפן און אוויילע ארום זיינען זיי ווייטער געווען אין גאַס איינער אויפן לינקן טראַטואר און דער אנדערער אויפן רעכטן און אפגעשטעלט רחמנות פנימ׳ער דערזעענדיק א פרעמדן.

א ביסל שפּעטער האב איך זי געזעען זיצן ביים פענצטער. מיין הארץ האָט גענומען נערוועריזש קלאפּן. איך וואלט גערן געווען ארויפגעשפרונגען צום פענצטער. זי איז געזעסן פאַרטיפט באַ אַ בוך. איר שיינער קאָפּ איז געווען א ביסל אפּגעבויגן און אירע אויגן האָבן געוואַנדערט פון איין שורה צו די אַנדערע. איך בין געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט און די אויגן פון איר ניט אראָפּ גענומען, נאָר ערשט ווען זי האָט איבערגעמישט אַ בלעטל, האָב איך זיך אפּגערוקט פון אָרט גלויבענדיק, אפשר וועט זי זיך אומקוקען. זי האָט אָבער דאָס ניט געטאָן. די זונען שטראַלן האָבן זיך אין אירע האָר פאַר׳גנב׳עט און געבילדעט אַ גלאָריע ארום איר קאָפּ. ווידער האָב איך גענומען גיין הין און צוריק און ווען איך בין פאר איר פענצטער געקומען, איז זי שיין מער ניט געווען נאָר זעענדיג ליגן אָפן דעם בוך, האָב איך פאַרשטאַנען, דאָס זי וועט נאָך קומען לעזן.

פון די קעגענאיבערעדיקע שענק האָט זיך ארויסגעוואקלט אַ שיכור און זיך געלאָזט הערן מיט אַ לידל פון אַ זעער פרעכן אינהאַלט און נאָך קיינמאָל ניט, האָב איך אזוי געהאַסט אַ שיכור׳ן ווי דאָסמאָל...

פאר אַ הויז איז אַ מיידל געשטאַנען און באַטראַכט מיין גיין הין און צוריק און איך גלויב, דאָס זי האָט געמיינט, אז דאָס איז צוליב איר כבוד, ווייל זי איז אויף אַ ווייל פאַרשוואונדן אין הויז און באַלד ארויסגעקומען מיט אַ ראָזערע געזיכט ווי פריער. —

איך בין אריין אין אַ טויער קעגן אניוטעס פענצטער און זיך געמאַכט קוקן אין אלע זייטן... איך בין אבער יעדעס מאל אָפּגעריסן געוואָרן צוליב א קוויטש פון אַ קליין קינד. איך האָב

זיך אומגעקוקט און געזעען אין דעם עק טויער וואָס צום הויף זיצן אויף אַ שמוציגע טוך אַ קינד אומגעפער פון 1 יאָר און לעבן דעם אַ מיידעלע פון אַ יאָר 5 און די מיידעלע האָט יעדעס מאָל דעם קינד אַ קניפּ געגעבן און זיך געוויילט; ווען דאָס קליינע האָט אַרויסגעגעבן אַ קוויטש. איך בין צו צו דער מיידעלע און איר אפגעשריגן, וואָס זי טוט דאס און לעצטנס איר געגעבן אַ פּאָר קאָפּעקעס אויף קאָנפעקט, אז זי זאָל דאָס מער ניט טאָן. זי האָט מיר צוגעזאָגט. איך האָב אַ גלעט געגעבן דאָס קלענסטע איבער זיין גראָב קעפל און עס האָט זיך צעוויינט... איך בין צוריק צו צו די זייט פון דער גאַס און נאָך אַ ווילע געשטאַנען און דערזעען אַביוטן צוריקקומען צום פענצטער. זי האָט זיך ארויסגעבויגן און געקוקט אין דער לענג פון גאַס. איר בליק איז אויך געפאַלן אויף מיר, איך האָב מיינע אויגן ניט אוועקגעכאַפּט. אין אַ מינוט ארום איז זי שיין ווייטער געזעסן און געלעזן דעם בוך.

איך האָב באַשלאָסן אוועק צו גיין גלויבענדיק; דאָס ווען זי וועט מיך נאָך אַ מאָל זעען, וועט זי מיר באַטראַכטן ווי אַנ'איינפאַכן פאַרפאַלגער און וואָס איז באַ אַ פאַרליבטן טייערער ווי דאָס, אַז די וואָס מען ליבט, זאָל וועגן אים ניט אַ שלעכטע מיינונג האָבן. פארן מאָנאָפאָל האב איך ווידער געזעען די צוויי בראָדיאַגעס.

אויף אינגאָקענטעווסקאַיאַ האב איך געטראָפן דעם פאַל־קאָוניקס דענשטשיק זאכארקא, שפּאַצירן מיט אַ פּויערן מיידל, וואס האָט געהאַלטן אין אַ טארבע סעמיטשקעס און ביידע האָבן געקנאַקט און געצירט דעם טראטואַר מיט שאלעכץ. ווען ער האט מיך געזעען האָט ער געגריסט מיט אַ שמייכל און ווי ס'ווייזט אויס מיר געוואָלט ווייזן, דאָס ער איז מיט דער מיידל גוטער חבר, דען ער האט די מיידל געגלאַנגט אַ קלאַפּ אין נאַקן און געקוקט אויף מיר אויב איך זעע. און זי האט ניט פּראטעסטירט און ווייטער געגלאַנגט אים סעמיטשקעס און ער האט זיך ניט גע־לאזט בעטן.

דיזעלבע נאַכט האָב איך פאַרבראַכט א רואיקערע ווייל איך ווייס וואו זי געפינט זיך.

צעמאָרגנס בין איך געגאַנגען מיט א פערטיקן פלאַן אויף דער סאלנאַיאַ דען איך האָב באַמערקט דאס אין בלומענפעלדס הויז געפינט זיך א קאלאניאל געוועלבל און גערעכנט, דאָס זיי קויפן דאָ און דערפאַר האָב איך באַשלאסען אריינצוגיין וואס קויפן מיט דעם האפענונג, דאָס איך וועל זיך אפשר וואָס דער־וויסן וועגן פריילין בלומענפעלד.

אין געשעפט האָב איך געטראָפן די פאַרקויפערין אדער די אייגענטימערן, אנ׳עלטערע פרוי, און זיך געהייסן געבן פאַפי־ראָסן. און באַמערקט דאָס די אלטע איז ניט קאַרג אויף ווערטער, האָט דאָס מיך זער געפרייט כאטש אין פרינציפּ בין איך ניט אנ׳אנהענגער פון די וואָס ריידן פיל. ווייסט איר ניט אויב עס געפינט זיך אין דעם הויז א ליידיק צימער פאַר מיר פרעג איך אין א זעער פריינטלעכן טאָן. ניין, ענטפערט זי. מיר האָט זיך אויסגעוויזן דאָס אויפן ערשטן זאַל געפינט זיך א ליידיקער צי־מער.

ניין ס׳איז ניט פארהאַן. דעם גאַנצן ערשטן זאַל באַ־וואוינט דער ווירט פון הויז בלומענפעלד, ענטפערט זי מיר.

דערווייל איז אריינגעקומען א פויער און דער געשפרעך איז איבערגעריסן געוואָרן. דאָך בין איך געבליבן שטיין, כאטש איך האָב זיך אומבאקוועם געפילט. דער קונד האס מיר אויס־געוויזן א צולאַנגזאמער אין ריידן... און ווען די סוחר׳טע האָט גענומען וועגן צוקער פאר אים, וואלט איך איר גערן געווען אונ־טערגעהאָלפן. ווען דער פויער האָט באַצאָלט, האָב איך זיך גע־פרייט דאָס ער גייט באַלד אוועק, זיינען דאָך אָבער פרויען זעער נייגעריקע און דאָס האָט דעם קונד צוריקגעהאלטן, ווייל די סוחר׳טע האָט געוואוסט דאס זיין טאָכטער איז כלה געווארן, האָט זי אים אויסגעפרעגט וועגן חסן און וועגן דעם חסנ׳ס עלטערן, און דער פויער האָט איר גערן געענטפערט און נאָך דערצו גע־האַט א נאַטור ניט צו צוגיין גלייך צום קערן נאָר פריער אריינ־

מישן זייטיקע זאַכן, וואס האָבן אַ קנאַפּע שכות געהאַט צום ענין. צו לעצט האָט זיך די סוחר'טע דערמאָנט, דאָס באַ אים אויפן הויף וואוינט עפּעס אַ איוואַן וואָס שלאָגט די ווייב ווען ער איז שיכור, האָט זי אויך געוואָלט וויסן ווי עס געט און דער פויער האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען אַלע איוואַנס מעריטן. מיך האָט די סוחר'טע מער ניט געזעען... ענדלעך האָט ער פאַרלאָזט די קראָם, זיך דערמאָנענדיק, דאָס מען וואַרט אין דער היים אויפן צוקער.

יאָ איך האָב פאַרגעסן צו נעמען אויך עטלעכע ציגארן זאג איך כדי צו באַגרונדן מיין וואַרטן. זי האָט מיר געגעבן. באַצאָלנדיק, זאָג איך ווייטער: גלויבט איר ניט, ווען הער בלומענפעלד האָט אַזאַ גרויסע וואוינונג, וואָלט ער אפשר מיר פאַרדונגען אַ צימער? דאָס גלויב איך ניט, בלומענפעלד איז רייך, ער נייטיקט זיך ניט צוליב געלד פאַרדינגען אַ צימער. דאָך וועל איך פּרובירן מיט אים ריידן.

איר קענט פאַרשפּאַרן אייער מי מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, ווייל היינט אין דער פרי איז די פאַמיליע בלומענפעלד אָפּגעפאָרען אין זייער דאטשע נאך זוויעזדאטשקא.

איך האָב איר געדאנקט פאר די אויסקונפט און אוועקגעגאַנגען. באַלד האָט מיך גענומען פייניקן דער געדאַנק, דאס אין זוויעזדאטשקאַ געפינען זיך יעדעס יאר צאלרייכע זומער געסט פון אירקוטסק און אומגעגנט און געוויס וועלן ניט ווייניק פון די מענער איר אויפמערקזאַמקייט שענקן און דער געדאַנק, דאָס אפשר איז זי שיין כלה, האָט מיר אויך ניט לייכטער געמאַכט.

איך האָב געפרעגט פאָלקאָווניק ראזנאאבראזוני, אויב ער האָט וואָס דאקעגן ווען איך וועל אויף אַ חודש צייט אפּפארן. ער האט גאָר ניט געהאַט קעגן. איך מוז דיר זאָגן ליבער חבר, דאָס דער פאָלקאָווניק איז אַ זעער געבילדעטער און ארנטלעכער מאַן און פון פּאָליטישע אנשויאונג אַ ליבעראַל און פאַר אַ צאַריסטישן אפיצער איז דאָס ניט ווייניק.

לויט ווי דו האָסט שוין געוויס פאַרשטאַנען רעכן איך

דעם חודש אויסצענוצן, כּדי צו באַקומען געדינגגן א צימער אין זוויעזדאטשקא...

ד. 16=טן יוני.

דו האָסט דיך, ליבער חבר, אויסגעדריקט דאס ס׳איז דיר ניט צופיל כאָטש יעדען טאג פון מיר אַ בריוו צו באקומען און איך טו דיר צוליב. אבער ערלעכער געזאגט איך טו זיך צוליב, ווייל איך נייטיק זיך מיט דיר וועגן מיינע איבערלעבנישן צו ריידן. און ניט איין מאָל בעוואונדער איך דיינע פּסיכאָלאָ=גישע אנאַליזן וועגן די געשעענישן.

איך האָב וולאזאוון געזאָגט, דאס איך וויל האַלטן א חו=דש פעריע און ער האָט מיר געענטפערט, דאס איך קען האַלטן 6 וואָכן, ווייל ער קלייבט זיך מיט זיין פאַמיליע נאך דעם דארף שאריזשאלגאי, וואָס ליגט צווישן באיקאל און די זאבאַקאַלער מיט וואלד באוואקסענע בערג. 120 וויאָרסט פון אירקוטסק און ער האָט מיר אויסגעמאָלט די ווינדערליכע נאַטור פון דער אומ=געגנט, און דערביי מיר געראַטן מיט זיי מיטצופארן, אָבער פאַר=שטייט זיך דאָס איך האָב מיך געמוזט אפזאָגן. מיין שטרעבן איז זיך איבערצוגעבן אין אנ׳ארט מיט א מער קלינגענדן נאָמען „זוויעזדאטשקא״, (א שטערענדל) וואָס האָט ניט אזוי ווינדערלעכע נאַטור ווי שאריזשאלגאי, אָבער דערפאַר א וואונדערלעך שטע=רענדל ווי אניוטאַ... באַזונדערס האָט מיך צוגערעדט פריילין נאַדיאַ, מיט וועלכע איך האָב אין די לעצטע צייט געהאַט פיל דיסקוסיאָנען וועגן פאַרשידענע פראַגן און אויב איך האָב געקענט מיט איר איינשטימיק זיין אין איניקע פראבלעמען, איז אָבער אויפן סאָציאַלן געביט צווישן אונדז א טיפער אפגרונט. דען זי איז אויסגעוואַקסן אין רייכטום און לוקסוס און אפילעט זייענדיק אין דער פרעמד, האָט זי ניט געדאַרפט אין איר פרייע צייט באַ=שעפטיקונג צו זוכן כּדי צו קענען באַצאָלן איר וואוינונג אדער פאַרן עסן אין פענסיאָנאַט, ווייל איר רייכער פאָטער אונטער ווע=מענס דירעקטאָראַט ס׳ארבייטן ארבעטער פאַר אַ הונגער לוין, האָט איר אויסגעהאַלטן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. דערפאַר

גלויבט זי דאָס די וועלט מיט אירע פאַרגניגנס זיינען נאָר פאַר די רייכע געשאַפן. זי גלויבט ניט דאָס באַ אַנ׳אַרבעטער קען זיך אויך געפינען אַ דראַנג צו גענוסן פון לעבן. זי גלויבט אַפילעט ניט, דאָס ער נייטיקט זיך אין אַ פּאָר וואָכן פרישע לופט. זי מאָטיווירט דאָס דערמיט, וואָס ער איז פון קינדוויז אָן אויפגע־צויגן געוואָרן אונטער די באַדינקונג אין וועלכע ער געפינט זיך דערפאַר פעלט אים ניט דאס, וואָס איז אַ לעבענס באַדינקונג פאַר די בורזשואזיע און במלא קען זי ניט איינזעען דאָס דער אַרבע־טער ווערט אויסגענוצט פאַר אַ קליינעם לוין. פאַרשטייט זיך דאָס איך האָב ניט ווייניק שטאָף געהאַט איר צו ענטפערן אויף אלעס, אבער זי קען ניט אדער וויל מיך ניט פאַרשטיין אין דער סאָציאַלע פראגע. נאָך מער וואונדערט מיך ווייל זי האָט זיך באַוואויגן צווישן די באהעמע קרייזן... און דאָך איז זי אזוי איינזייטיק און פאַרטייאיש אויפן סאציאלן געביט.

אנ׳אומאנגענעמע פראגע האָט אויפגעבליצט אין מיינע געדאַנקן. ווי איז, ווען אניוטא בלומענפעלד זאָל אויך זיין פון אזא אנשויאונג ווי נאַדיאַ וולאַזאָוו, וואָלט איך דענטסמאָל אויך אזוי געשטרעבט זי פאַר אַ פרוי צו האָבן? איך האָב מיר אָבער ניט מי געגעבן די פראַגע נענטער צו באַטראַכטן...

איך האָב זיך היינט געזעגנט מיט דאָקטאָר נאָרדענטאַל, וועלכן איך רעספעקטיר פאַר זיין אינטעליגענץ און אמת׳דיקייט. דורך די צייט וואָס איך קען אים האָט זיך אַ דאנק די געשפּרעכן מיט אים פאַרברייטערט מיין גייסטיקער האָריזאָנט.

מאָרגן פאַרלאָז איך טעלמאַ און מיינע בריוו וועל איך פאַרטזעצן ווי ביז יעצט.

ד. 20-טן יוני.

קומענדיק נאָך אירקוטסק, האָבן מיינע עלטערן און באַ־קענטע זיך געוואונדערט איבער מיין שלעכטן אויסזעען. נאך מער ווייל איך האָב זיך געפונען אין אַ דאָרף אין קאנטאַקט מיט די נאַטור... געוויינטלעך האָב איך געוואָלט וואָס שנעלער נאך

זוויעזדאָטשקאַ פֿאָרן, אָבער זעענדיק ווי מיינע עלטערן פֿרייען זיך מיט מיין אהיימקומען, האָב איך באַשלאָסן ערשט דעם נעכסטן טאָג אָפּצופֿאָרן.

דעמזעלבן אָוונט איז געקומען, מיינע עלטערן, באַזוכן אַ שכנ׳ס א טאָכטער רעבעקאַ לעדערמאַן, א 25 יעריקע פֿריילן, וואָס איבערזעצט פֿון פֿראַנצויזיש און ענגליש פֿאר אַ מאָנאַט זשור־נאַל אַרטיקלען וועגן פֿרויען עמאַנציפּאַציאָן. מיינע עלטערן האָבן זי פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט. זי האָט מיך א ווילע פֿאַראינטערע־סירט, באַטראַכט און זיך אוועקגעזעצט נאָנט פֿון מיר און באַלד פֿאַרקניפּט מיט מיר אַ געשפּרעך וועגן די פֿרויען פֿראַגע. ווי אַזוי איך באַצי זיך צו די פֿרויען עמאַנציפּאַציאָן. איך האָב איר געענטפֿערט, אַז איך האָב גאָר ניט קעגן די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון פֿרויען.

אין דעם זענט איר ניט ערלעך, ענטפֿערט זי.

וואָס הייסט איך בין ניט ערלעך, פֿון וואַנעט ווייסט איר דאָס?

ווייל איך האָב שוין מיט פֿיל מענער גערעדט וועגן די פֿראַגע און צוליב העפֿליכקייט און ראַדיקאַליזם ענטפֿערן זיי מיר דאָס זיי האָבן גאָר ניט קעגן און איך בין איבערצייגט, דאָס זיי מיינען דאָס ניט.

אבער איר קענט דאָך ניט ווייסן אויב איך בין אויך פֿון די מענער מיט וועלכע איר האָט גערעדט.

איר מענער זענט געוואוינט פֿון אלע צייטן צו פֿאַר־שקלאַפֿן די פֿרוי און ניט צו גלויבן, אז זי באַזיצט די אייגנ־שאפֿטן, וואָס קענען זי שטעלן אויף איין שטאַפּל מיט אייך. איר זענט אלע אנגעגריפֿן פֿון אטאַוויזם.

אבער איר גלייכט דאָך ווייטער מיך צו אַלע.

נו, גוט, וועל איך ריידן וועגן אייך אַליין.

זאָגט מיר דעם אמת, האָט איר ניט געזוכט סעקסועלע באַפֿרידיקונג?

אויגענבליקלעך האָט מיך איר פֿראַגע פֿאַרדראָסן, מיט

וואָס פאַר אַ רעכט, זוכט זי אַריינצודרינגען אין מיין פּריוואַטן לעבן, איך האָב אָבער אַיינגעזעען, אַז די פראַגע אירע איז ניט אַ פּראָדוקט פון געוויינטלעכע פרויען נייגעריקייט, נאָר זי זוכט דעם אמת. האָב איך איר געענטפערט יאַ.

גוט. און ווען איר וועט הייראַטן מיט אַ מיידל וועט איר זוכן, אַז זי זאָל זיין אומשולדיק?

יעצט האָב איך אַיינגעזעען וואָס זי באַצוועקט מיט איר פראַגע, אָבער דאָס האָט ניט געקענט דינען פאַר אַגרונט איך זאָל זוכן דעם אמת צו פאַרפאַלשן און איר געענטפערט, אַז איך וועל פאַרלאַנגען אומשולד. איר געזיכט האָט זיך אין גאַנצן אָנגעצונדן פון אירע אויסדרוקספולע אויגען האָט פייער געשפּריצט זי האָט מיר העפטיק געענטפערט.

אויב אַזוי זענט איר אַנידעריקער מענטש און איר קענט אַליין אַיינזעען, דאָס איך בין גערעכט געווען, ווען איך האָב גע-זאָגט דאָס איר מענער זענט אומערלעך ווען איר דאַרפט ענטפערן אויף די עמאַנציפּאַציאָנס פראַגע פון די פרויען. איר האָט אַליין געזאָגט, דאָס איר זענט ניט קעגן די פראַגע און עס האָט אַייך פאַרדראָסן, וואָס איך גלייך אַייך צו צו אַלע מענער און יעצט האָט איר מיר געוויזן, וואָס באַ אַייך הייסט פרויען גלייכבאַרעכ-טיקונג. דאָס ניט קוקענדיג דערויף וואָס איר האָט ניט געקענט קעמפן קעגן די נאַטור נאָר געפאָלגט איר געזעץ, אין דערזעלבער צייט פאַרלאַנגט איר פון די מיידל וואָס איר ווילט הייראַטן, אַז זי זאָל זיין מער העלד פון אַייך און האָבן געזיגט איבער די נאַ-טור. וואָס פאַר אַרעכט האָט איר צו פאַרלאַנגען פון דער פרוי, אַז זי זאָל זיין דאָס, וואָס איר האָט ניט געקענט זיין?

יאַ, איך בין פאָרט ניט אַגעגנער פון פרויען עמאַנציפּאַ-ציאָן נאָר אין די פראַגע אַנ'אויסנאַם.

ווען איך זאָל נעמען צעגלידערן די פאַרשידענע פראַגן פון די פרויען גלייכבאַרעכטיקונג, וועט איר נאָך זיכער אין אַסאַך פראַגן געפינען אויסנאַמען און זיכער אין אַלע פראַגן. אויף צו-לעצט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס וואָס אַייער פרוי וועט מעגן

עסן פונקט אַזאַ גרויסן שיסל קאַרטאָפל ווי איר, ווען איר דערמיט באַרואיקן אייער געוויסן, דאָס באַ אייך האָט די פרוי גלייכע רעכט מיט אייך.

ליבער חבר. איך האָב אויף די פריילײַן ניט געקענט בייז ווערן, וואָס זי האָט מיך גערופן נידעריקער מענטש דען ווען מען זאָל באַטראַכטן, איז זי דאָך פאָרט גערעכט געווען און מיר דעם אמת געזאָגט. ס'איז דאָך פאָרט אזוי מיר מענער מעגן זיך האָבן אַלעס דערלויבט און דאָך פאַרלאַנגען מיר אַן'אומשולדיקע מיידל. איך ווייס באַשטימט די מיידל, וואָס איך זאָל הייראַטן און זי זאָל ניט האָבן אָרנטלעך געווען, וואָלט מיך דער געדאַנק שטענדיק געפּייניגט און ווען איך וואָלט ניט דעם מוט אָדער גע-וויסן געהאַט זיך מיט איר צו שיידן וואָלט מיר איר פאַרגאַנגענ-הייט אייביקע אומרו פאַרשאַפט. איך פיל אליין אַז איך דעם פּרט בין איך אַ געמיינער עגאָאיסט און דאָך קען איך ניט זיין אַן'אַנ-דערער און דאָס וואָס די גרעסטע צאָל מענער זיינען אַזוי טוט אויף אַהאָר פון מיר ניט אַרופנעמען די שולד. דערפאַר האָב איך איר געענטפערט.

איר האָט מיט רעכט מיך נידעריקער מענטש גערופן. און וועגן די איבעריקע געביטן פון די פרויען גלייכבאַרעכטיקונג האָב איך ניט גענוי באַטראַכט וועגן וואָס איך וואָלט געוואָלט פאַר און וועגן וועלכע פונקטן קעגן, דערפאַר איז עס טאַקע אזוי ווי איר האָט געזאָגט, אומערלעך געווען, ווען איך האָב באַלד אָן זיך צו באַדענקען געזאָגט דאָס איך בין ניט קעגן.

איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער אָפענהערציקייט און ווייל איך זוכט צו זאָגן דעם אמת וועגן זיך אליין, דאָס האָב איך ניט געטראָפן באַ יעדן מאַן.

זי האָט מער די פראַגע ניט באַרירט נאָר גערעדט וועגן פאַרשידענע אַנדערע פראַגן, אין וועלכע זי איז ניט אזוי היציק אזוי ענערגיש געווען ווי אין די פרויען פראַגע, וואָס זי האָט אזוי שטאַרק פאַרטיידיקט.

מיר האָבן זיך געשיידט אַלץ גוטע פריינט. און כאָטש

איך האב איר גערעכט געגעבען, דאך דעם אמת געזאגט וואלט איך מיר ניט געוואונשן אזא פרוי ווי זי, וואס איז צופיל קאזאק און דאס בארויבט דאס ווייבלעכע, דאס צארטע וואס מען זוכט אין א פרוי.

ד. 22-טן יוני.

קומענדיק נאך זוויעזדאטשקא, האב איך גאנץ שנעל אויסגעפונען בלומענפעלדס דאטשע און דערפאר געזוכט א צימער נאנט צו זיין וואוינונג, אבער ניט געפונען. ענדלעך איז מיר געלונגן צו באקומען א צימער בא א יידישע פאמיליע ראזענבוים, אשפאר שטיקל וועגס פון בלומענפעלדן און געמוזט זיך באגניגן כאטש מיט דעם רעזולטאט. דער געדאנק, אז איך געפין זיך נאנט פון אניוטן, האט מיך בארואיקט אויף וויפיל א פארליבטער קען איבערהויפט רואיק זיין.

ווי מערקווירדיק, שוין וואָכן לאַנג ווי איך גיי אַרום אַ פאַר'חלום'טער און טראַכט וועגן איר און צו דער זעלבער צייט האָט זי קיין אַנונג ניט, אַז ס'עקזיסטירט א פערזאן מיט אַזאַ אומהויק הארץ ווי מיינס. א פערזאָן, וואָס וויל דערגרייכן אַ שטערן פון הימעל. —

דער ערשטער אָוונט איז געווען אַ רעגנדיקער און איך בין פאַרבליבן אין שטוב. איך האָב אָנגעפאַנגן צו לעזן און דורכגעגאַנען איין שורה נאָך די אַנדערע, אָבער די ווערטער האָבן נאָר דערגרייכט צו די אויגען...

איך האָב זיך שלאָפן געלייגט. פון אַ שכנות'דיקע דאַטשע האָבן זיך פאַרטראָגן די קלאַוויר טענער פון מענדעלזאָנס „דעם פרילינגס אָנקומסט”, דאָס האָט אויף אַ ווײַלע געצוואונגן מײַנע געדאַנקען אַרומצוקרייזן אַרום דעם פראַכט וואָס דער פרילינג פאַרמאָגט און דער לעבן איז מיר פאָרגעקומען שיין אחוץ אַלע באַקימערונגן און ליידן. איך בין ערשט אײַנגעשלאָפן, ווען פון דרויסן האָט זיך געהערט די טריט פון אלטן נאַכטוועכטער קירילאָוו, וואָס היט 3 דאַטשעס פון 12 באַנאַכט ביז 6 אין דער פרי פאַר 6 רובל אַ וואָך.

צעמאָרגנס פאַרטאָג בין איך אויפגעקומען מיט א פריידע

אין האַרצן און באַלד האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז צוליב אַניוטן. איך האָב געעפנט דאָס פענצטער און געזעען אַ בלויען הימל. אַ ווינדטל האָט פאַרטראָגן אַ גראָז און וואַלד ריח און מיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרישע האָפענונג.

נאָך פרישטיק בין איך ארויס אין וואַלד, וואָס האָט איינגערעמט די דאַטשעס. אנטקעגן בלומענפעלדס דאַטשע האָב איך זיך אויפן גראָז געזעצט. ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָבן זיך געזעען די ווילד צעוואַקסענע, פאַר׳חלום׳טע ביימער פון די אוראַלטע טייגא. די פאַרשידענע וואַלד בלימעלעך האָבן געבויגן די קעפלעך אונטער די מאַכט פון פרישן ווינדטל און די פייגיל האָבן געזונגען. אויף וויפיל כ׳בין געווען באַגייסטערט פון די פרימיטיווע נאַטורס שיינקייט, דאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, דאָס ווען דאָ זאָל זיך ניט געפינען אַניוטעס דאַטשע וואָלט די לאַנדשאַפט ניט געווען פאַרפולקומט... אַ קליינער באָרוועסער יונג מיט פאַרהאַרטעוועטע פון די זון אָפגעברענטע פיס, איז געקומען צעלויפן און זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ היפש שטיק סאלדאַטסקע ברויט אין די אַנדערע האַנט אַ ריזיקע, זויערע אוגערקע און גענומען עסען מיט דעם גרעסטן אַפעטיט. אין אַ ווייל אַרום איז שיין קיין אנצייכעניש פון דעם געווען נאָר אויף זיין צעריסענעם יאַק איז נאָר קענטיק געווען דער זאַפט פון די אוגערקע. פערטיק ווערענדיג מיט זיין פרישטיק האָט ער אָנגעפאַנגן צו קלעטערן אויף אַ הויכען בוים און יעדעס מאָל זיך צוריק אַרופגעגליטשט און אויפסנייס אַ פאַרזוך געמאַכט און ס׳איז אים ניט געלונגען אַרויפצוקלעטערן און ער האָט אויפגעגעבן זיין אונטערנעמונג. זיך אָפגעווישט דעם שווייס פון שטערן און אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיקל פאַפיראָס און פאַררויכערט. מיך האָט דער קליינער יינגל פאַראינטערעסירט און איך האָב געוואָלט אים אויספרעגן, אָבער פון דער זייט פון די אנגארא האָט זיך דערהערט אַ געזונטע באַס שטימע: ניקאָלאַי, אַ ניקאָלקאַ, דער טייפל זאָל דיך צונעמען. און דער קליינער יונג האָט זיך געלאָזט גאַלאָפ צום וואַסער.

אומגעפער אין צוויי שטונדן ארום איז אניוטאַ ארויסגע-
קומען פון דאַטשע און איך האָב זיך נאָך מער פאַרשטעקט צווישן די בוימער. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ גראָז-באַנק אין גארטן אונטערן שאטן פון אַ סאָסנע-בוים. זי האָט געטראָגן אַ ווייס, באַטיסטענע בלוזע. אַ ראָזע קלייד אַרום איר שלאַנקען קערפּער און די אָנגעצויגענע ווייסע שטרימף צוזאַמען מיט האַלבע ווייסע פאַנטאָפל האָבן ווי אַראָפּגעטאַנצט פון איר הויך און קליין פיסל. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קליין, שוואַרץ הינדטל מיט אַ רויט בענדל אויפן האַלדז, זי האָט דאָס געגלעט און אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז. דאָס הינדטל איז געלאָפן אַרום אַניוטן און מיט די מאָרדעטשקע געלעקט איר קלייד. ווי האָב איך מקנא געווען דעם הינדטל...

לאַנג זיך צו פרייען איבער אַניוטן, איז מיר ניט אויסגעקומען, דען ס׳איז ארויסגעקומען אַ מיידל, לויט די קליידער נאָך קענטיק אַ דינסט און גערופן אַניוטען אין שטוב. דאָס הינדטל איז ניט באַלד מיטגעלאָפן נאָר זיך געיאָגט נאָך אַ זומער פייגעלע. אַניוטע האָט זיך אויסגעדרעט און געשריגן מאַלטשיק. דאָס הינדטל האָט גענומען לויפן גאַלאָפּ און עטלעכע מאָל אַרויפגעשפרונגן אויף אַניוטען, וועלכע האָט זיך אָפּגעטרייסלט דאָס קלייד פון מאַלטשיקס לאַפּקעס. ענדלעך איז מיר אויך געלונגן צו הערן איר שטימע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ווייכן, מעלאָדישן קלאַנג, אַז ס׳האָט געזווארעמט ביים האַרצן. און איך האָב פאַרלאָזט מיין אבסערווירונגס פלאַץ.

מיין ווירטין פרוי ראָזענבוים האָט מיר פאָרגעשלאָגן, איך זאָל זיך באַנוצן מיט זייער לאָדקע, וואָס איז ביים ברעג און איך האָב דאָס מיט דאַנק אנגענומען. אין אַנדערע צייטן בין איך שטענדיק געווען קעגן, אַז יענער זאָל מיר אַ טובה טאָן דערמיט בלייבט מען אַ דאַנק שולדיק און דאָס באַרירט פריער אָדער שפּעטער די זעלבסטשטענדיקייט... אָבער אין יעצטיקע צייט בין איך זעער מילד צו מיינע פרינציפּן...

פאַרנאַכט, ווען די אונטערגעהענדע זון האָט צעשפּרייט אירע רויטע שטראַלן איבערן וואַלד בין איך צום ברעג פון וואַ-

סער געגאַנגען אויפזוכן ראָזענבוימס שיפל „דיאנא". די גרינלעכע אנגארא, אין וועלכע די אונטערגעהענדע זון האָט זיך געשפיגלט, איז זיך רואיק געפלאָסן און זיך לייכט אָפגעשטויסן אין ברעג. אין האָריזאָנט האָבן געפינקלט די פאַרגילדטע קופּלען פון דעם ביזאַנטישן קאַטעדראַל און די קאָנטורן פון די גרויסע פאָנטאַנע בריק האָבן זיך שוואַך געצייכנט אין פּערספּעקטיוו און דער בערג אויף וועלכן איך בין געשטאַנען איז אַ גראָז באַוואַקסענער ברעג, וואו אַ גרויסע צאָל זומער געסט זיינען געזעסן מיינסטענס פרויען אין קליידער פון אַלערליי קאָלערן, וואס האָט זיך האַרמאָניש צענויפגעמישט מיט דער לאַנדשאַפט.

איך בין אַראָפּ צום וואַסער און געזוכט צווישן די לאָדקעס די וואָס געהערט ראָזענבוימען. איין לאָדקע האָט געהאַט די איניציאַלן א. ב. לויט מיין מיינונג אַניוטאַ בלומענפעלד. איך האָב געפונען די געזוכטע לאָדקע און אַביסל אַרום בין איך שוין געווען אין דערמיט וואַסער און זיך געפרייט ווי הערלעך זוויעזדאַטשקאַ האָט אויסגעזעען פון דערווייטנס. איך האָב געררודערט אין דער ריכטונג צו מיכאַילאָווסקאַיע און די פאַנטאַזיע האָט אומאויפהערלעך מיינע געדאַנקען באַצווינגען. כ'האָב אָוועקגעלייגט די וויאַסלעס און פאַרמאַכט די אויגען און זיך פאָרגעשטעלט דאָס אַניוטאַ זיצט מיט אין לאָדקע און איך דריק פאַר איר אויס מיינע געפילן אונטערן אַקאָמפּאַניעמענט פון דאָס רוישן פון די כוואַליעס און איך פאָר אויפזוכן אנ'איינזאַם אָרט ווייט פון מענטשען און טומל און דאָרט זיך אויפבויען אַ הייזל, וואָס זאָל זיין אַרום מיט בלומען און בוימער און וואו איך וועל מיט אַניוטען דעם גאַנצען לעבן פאַרברייננגן.

דער געדאַנק, אפשר וועט אַניוטאַ אויך קומען זיך שיפן, האָט מיך געצוואונגן זיך צו האַלטן נאָענט פון די אין ברעג אָפּגעבונדענע לאָדקעס כדי צו קענען זעען אויב זי קומט. און רודערענדיק צום ברעג האָב איך געזעען ווי 3 מיידלעך און אַ קליינער יונג בינדן אָפּ אַ לאָדקע און זעצן זיך שיפן. זיי האָבן גערודערט אין דער לענג פון ברעג און באַלד האָב איך דערהערט דאָס יונגעלע שרייען. איך האָב באַמערקט ווי איין עק פון די

לאָדקע איז ארויף אויפן זאמד און די אנדערע העלפט האָט זיך געבויגען טיפער אין וואסער. די מיידלעך האָבן מיט די וויאס־לעס אָפּגעשטופּט די לאָדקע פון גרונט און ניט געקענט זי צוריק אריין קריגן אין וואסער. איך האָב וואָס שנעלער צו דעם אָרט צוגערודערט און זייער לאָדקע צוריק אריינגעקראָגן אין וואסער און דער קליינער יינגל האָט זיך בארויקט. די מיידלעך האָבן מיר באדאנקט פאר מיין הילף און ווער קען שילדערן מיין איבערא־שונג דערזעענדיג, דאָס איינע פון די 3 מיידלעך איז אניוטא.

כ׳האָב זיי געראטן זיי זאָלן זיך האלטן וואָס ווייטער פון ברעג כדי אויסצומיידן ענלעכע צופאלן.

פאָרן מיר פילייכט צוזאמען? זאָגט צו מיר א מיידל, א רוסישע.

יא, מיט פארגניגן האָב איך געענטפערט...

מיר האבן גערודערט אין א פּאַראלעלנע ליניע איינע צו די אנדערע און כ׳האָב מער ניט געפילט מידעקייט פון אַרבעטן מיט די וויעסלעס. כ׳בין געווען אזוי צעשטרייט פון גליקזעלי־קייט, וואָס איך געפין זיך נאָנט פון פריילין בלומענפעלד, דאָס כ׳האָב ניט באַלד אנגעבאָטן צו פירן די לאָדקע פאַר זיי, נאָר ערשט ווען אניוטאַ האָט גענומען די רודערס פון איר פריינדן און אליין געוואָלט וויאסלן, האָב איך פאָרגעשלאגן אריבערצוקומען אין זייער לאָדקע און צו רודערן פאַר זיי און מיין לאָדקע וועל איך צובינדען צו זייערע.

דער פאָרשלאָג איז אנגענומען געוואָרען פון די צוויי מיידלעך און עס האָט מיך באַרירט, וואס אניוטא האָט גאָר ניט געזאָגט וועגן דעם, דאָך בין איך אריין אין זייער לאָדקע און אַ ביסל ארום האָב איך גענומען די וויעסלעס און אוועקגערודערט אין דער ריכטונג צום באיקאַל. אנטקעגן מיר איז געזעסן אניו־טאַ האלטענדיק דאָס יינגעלע פון א יאָר 7 קענטיק איר ברודערל ארומגענומען. כ׳האָב געשמייכלט צו איר ברודערל, ווילענדיק דערמיט אויסנעמען באַ אניוטען, אדער גלייך ווי איך וואָלט דער־ווארט ער זאָל פאַר איר וועגן מיר א גוט וואָרט זאָגן. ווען מען

ליבט אַ מיידל און מען מעג זיין דער גרעסטער שורקע, דאָך שטרענגט מען זיך אָפּ העפלעך און פריינטלעך צו זיין מיט די אַלע פּערזאָנען וואָס קומען אין באַרירונג מיט די וואָס מען ליבט...

איינע פון די רוסישע מיידלעך, האָט מיט מיר די גאַנצע צייט גערעדט וועגן וועטער, וועגן די שיינע אומגעגנט און אַניוטאַ האָט זיך אריינגעמישט מיט אַ באַמערקונג נאָר דענטסמאָל, ווען איר פריינדן האָט ניט גערעדט דירעקט צו מיר נאָר צו אַלע... בשעת די מיידל האָט זיך מיט מיר אונטערגעהאַלטן, האָב איך באַטראַכט אַניוטען, כ׳וואָלט גערן געווען געלעזן אין איר געזיכט אייפערזיכטיקייט, אָבער דאָס איז ניט געווען צו באַמערקן אויף איר און מיך האָט דאָס געשמערצט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. און די לופט האָט געשוועבט אָנ׳אָנגענעם ווינדטל, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט די מיידלעכס האָר. פון וואַסער האָט זיך געטראָגן אַ דערקוויקענדע קילקייט און דאָס לייכטע רוישן פון די כוואַלעס אונטערן דרוק פון די וויאָסלעס, האָט אין די אוירן ווי אַנגענעמע מוזיק געקלונגען.

דאָס יינגעלע איז אויף אַניוטעס שויס איינגעשלאָפן און זיין שוואַרץ געלאָקט קעפּיל האָט אויף איר ברוסט גערוט.

איך האָב מקנא געווען דעם יינגל...

איך מיין מיר זאָלן זיך אומקערן אַ היים, האָט אַניוטאַ פאָרגעשלאָגן. מיך וואָלט געווען ווייניקער געאַרט, ווען איינע פון די אַנדערע צווי מיידלעך זאָל דאָס געווען זאָגן.

דאָס קענען מיר גוט, האָבן ביידע אירע פריינדינס געענטפערט.

ערשט יעצט האָב איך געמאָסטן מיטן אויג דעם אָפּשטאַנד פון ברעג און לויט ווי די פייערלעך פון די דאַטשעס און זוויעזדאַטשקאַ האָבן מיר געוויזן, האָב איך געזעען אַז ס׳איז ניט נאָנט און דאָס האָט מיך געפרייט... און ניט קוקענדיק דערויף וואָס איך האָב מיר מי געגעבן לאַנגזאַם צו רודערן... זיינען מיר דאָך אַזוי שנעל צום ברעג געקומען.

כ׳בין דער ערשטער פון לאָדקע אַראָפּגעשפּרונגען און

געהאָלפן די מיידלעך ארויסגיין אפן ברעג. וואָס פאַר א באַפרידיגונג איז דאס פאַר מיר געווען, ווען כ׳האָב געהאַלטן אניוטעס קלייע פארעמנע הענדטל בשעת זי איז גראציעז אויפן ברעג אַראָפגעשפרונגען. איר קליין ברודערל איז שוין וואַך געווען און זיך געטוליעט צו אַניוטן.

כ׳האָב פאָרגעשלאָגן צו באַגלייטן די מיידלעך און זיי האָבן דאָס אָנגענומען, אבער באַלד האָט זיך ארויסגעוויזן, דאָס איך בין ניט דער איינציקער באַגלייטער, ווייל ס׳זיינען צוגעקומען אהער און א דאַמע און זענען צוגעגאַנגען צו אניוטן.

האלט אניוטאַ דעם שאל טא אים אפ, ווייל ס׳איז יעצט קיל, דו קענסט דיך נאך דערקילן, זאָגט די פרוי צו אַניוטן. וועלכע האָט מיר פאָרגעשטעלט אירע עלטערן און מיר זיינען צוזאַמען צו די דאַטשעס געגאַנגען. מיר איז אויסגעקומען צו גיין מיט הער בלומענפעלד א הויכער, דיקער מאַן מיט אַ הערצל באָרד. גערעדט האָט ער מיט אַ זיכערן טאָן, גלייך ווי ס׳קען אנדערש ניט זיין נאר ווי ער זאגט. ער האט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין פראפעסיאן און וואו איך וואוין. איך האב ניט אים געגומען ריידן איבער די שיינע נאטור אין די ארומיקע געגנט, אבער איך האב באַלד ארויסגעזעען דאס עס אינטערעסירט אים ניט. דאס וואס האט אים יא אינטערעסירט, איז געווען געשעפט און געלט שפעקולאַציאנען אין די פראגן, האב איך זיך ווידער ניט געפילט אין דער היים.

ווען מיר זיינען געקומען פאר בלומענפעלדס דאַטשע האבן מיר זיך געזעגנט. אניוטאַ האט מיר געדריקט די האנט און נאך א מאל געדאַנקט פאַר די מיטהילף אויפן וואַסער, אבער דאך איז דאס געווען ניט מער ווי א טרוקענער דאַנק... ס׳האט זיך ארויסגעוויזן דאס די 2 מיידלעך זיינען געקומען פון אירקוטסק באַזוכן אניוטן, וועלכע איז צוזאַמען מיט זיי אין אירקוטסקער גימנאַזיאום געגאַנגען.

די נאכט האב איך פאַרבראַכט מיט פיל אנגענעמע חלומות, אין וועלכע אניוטאַ האט געשפילט די הויפטראלע. —

ד. 25=טן יוני.

נעכטן האָב איך געהאַט בעזוך פון מיינע עלטערן, וועל=כע האָבן באַ מיר דעם גאַנצן טאָג פאַרברענגט און וואָלטן מיינע געדאַנקן ניט געשוועבט ארום אניוטן, וואָלט זייער אנוועזנהייט מיר געווען מער פאַרגניגן פאַרשאַפט.

אין אוונט האָב איך די עלטערן באַגלייט צום לעצטן דאַמפער, וואָס פירט נאָך אירקוטסק. און צוריקגייענדיק אין דער שפעטער שטונדע איז קיינעם ניט געווען צו טרעפן אויפן וועג, אויף וועלכן באַנדיטן פלינדערן דורכגייער, אבער קלערענ=דיק וועגן אניוטן איז מיר קיין מורא פאַר אנ׳איבערפאַל אין די געדאנקן ניט געקומען. אין געגנטייל, די איינזאמקייט און די פינסטערניש, איז געווען ווי געווינטשן וועגן ליבע צו קלערן.

פאַרבייגייענדיק פאר בלומענפעלדס דאַטשע, האָב איך זיך אפגעשטעלט און אנ׳אנגענעמער געפיל האָט מיך אַרומגענו=מען. ס׳איז געווען שטיל אין הויז קענטיג אלע שלאָפן, אבער דאָס הינדטל האָט אנגעפאנגען צו בילן דערשפירענדיק א פרעמדן און מורא האבענדיק, דאָס ער וועט שטערן אניוטן אין שלאָף בין איך וואָס שנעלער אפגעגאַנגען.

קומענדיג נאנט פון מיין וואוינונג האָב איך געזעען אויפן גראָז עפעס א שוואַרצע מאַסע נאָר קומענדיק נענטער, האָב איך געזעען זי זיך באוועגן און אויפשטיין און איך האָב דער=קענט דעם נאַכטוועכטער קירילאָוו. ער האָט מיך באַגריסט און זיך פאַרענטפערט, וואָס האָט ער זיך אוועקגעזעצט זאָגענדיג:

יא, ס׳איז שוין ניט מער די יונגע יארן, ווען איך בין געגאַנגען פון אירקוטסק נאך וולאדיוואסטאָק צעפוס א משך פון 3000 וויאָרסט. יעטצט ווער איך מיד ניט נאר צו גיין נאָר צו שטיין א ביסל.

איך האָב אים דערקלערט, אז פאַר מיר האט ער זיך ניט וואס צו פאַרענטפערן, ווייל ער איז געזעסן און פון שטענ=דיק אן ליב האָבענדיק צו ריידן מיט עלטערע מענטשן, וועלכע קוקן אויף דעם לעבן ניכטערער און פראַקטישער ווי מיר יונגע,

האב איך אים געבעטן אויב ער האָט ניט חשק מיר איבערצוגעבן וועגן זיין לעבן. ער האָט געקוקט אויפן זייגער און זעענדיק, דאָס ס׳איז באַלד האַלב איינס זאגט ער:

יא איך וועל נאר פריער אפציען מיין קאָנטראָל זייגער און ער איז צוגעגאַנגען פריער צו ראָזענבוימס דאַטשע, וואו ס׳איז געווען צוגעקלאַפּט א קעסטיל, אין וועלכן ס׳איז געהאַנגען אויף אַ קייטעלע א שליסעלע, מיט וועלכן ער האָט אפגעצויגן דעם קאנטראָל זייגער און נאכדעם איז ער געגאנגען צו די איבעריקע צוויי דאַטשעס, וועלכע זיינען געווען אונטער זיין אויפזיכט און אויך דאָרט זיינען געווען קעסטלעך מיט שליסעלעך, מיט וועלכע ער האט אפגעצויגן דעם זייגער. ווען ער איז צוריקגעקומען האָב איך אים געפרעגט צו ער קען ניט מיר איין שליסעלע אפ-ציען דעם זייגער:

ניין, דאס קען מען ניט און ער האט מיר דערקלערט; דאָס יעדן טאָג, איידער ער געט ארויס אויף וואַך ווערט אין זיי-גער, וואָס האָט אַ רונדיק רעדל אַרויפגעקלעפּט אַ באַנדעראָל, וואָס האָט געדרוקטע שטונדן און די באַנדעראָל דרייט זיך צוזאַמען מיט די צייט פון זייגער און איבער די באַנדעראָל געפינען זיך 3 פּרוזשינעס מיט שאַרפע ציינדלעך און כדי מען זאָל אים קע-נען קאָנטראָלירן אויב ער איז וואַך געווען, מוז ער יעדע האַלבע שטונדע צוגיין צו אַלע 3 שליסעלעך פון די 3 דאַטשעס און יע-דער שליסעלע באַרירט אַנ׳אַנדערע פּרוזשינע, וואָס האַקט אויס אַ לעכל אין די באַנדעראָל, אזוינאך קען מען ביים ארויסנעמען די באַנדעראָל קאָנטראָלירן גענוי אויב ער איז יעדע האַלבע שטונדע געווען בא אַלע 3 דאַטשעס.

ניט אומזיסט צאָלט מען 6 רובל אַ וואָך, גיט ער צו.

דער זייגער איז געווען פון די גרויס כמעט ווי אַ וועק-זייגער און ער האָט אים אויף אַ רימען געהאַט הענגען אויף זיך.

יעצט זעצט ער ווייטער פאר האב איך מנוחה אַ האַל-בע שעה וועל איך באַפרידיקן אייער פאַרלאנג צו וויסן וועגן מיין לעבן:

איך בין געבוירן אין טשערעמכאווא. מיין פּאָטער האָט געאַרבעט אין די דאָרטיקע קוילן גרובן און ווען כ׳בין אַלט געווען 4 יאָר איז מיין פּאָטער צוזאַמען מיט נאָך אַ צענדליק אַרבעטער דערהאַרגעט געוואָרן אונטער אַן׳אויפרייס. אַ יאָר שפּעטער האָט מיין מוטער ווידער חתונה געהאַט מיט אַ קוילן גרעבער און דאָ האָט זיך פאַר מיר אנגעפאַנגן אַ גהינום, דער שטיף פּאָטער אַ ריזיקער, געזונטער מאַן, האָט יעדען טאָג גע׳שכורט און אַ היימגעקומען ווי אַ טיגער אַלעס איבערגעקערט אין שטוב געשלאָגען דער מאַמען און מיך. אָבער ווען ער איז ניכטער געווען האָט ער מיין מאַמען ליב געהאַט און געקענט זיך אַוועקזעצן וויינען, ווען זי האָט אים געוויזן די בלויע צייכנס, וואָס ער האָט אַנ׳אָוונט פריער איר געמאַכט און צוגעזאָגט, אַז מער וועט דאָס ניט פּאַסירן. נאָר ווען האָט ער ווידער געטרונקן, איז ווייטער געווען דאָסזעלבע. מיך האָט ער פיינט געהאַט אַפילעט ווען ער איז ניכטער געווען. זיין טרינקן האָט ער באַגרונדעט דערמיט, וואָס ער ליגט אָפּ אונטער דער ערד ווי אין אַ קבר און דערוואַרט יעדעס מאָל דעם טויט, נאָר ווען ער טרינקט פאַרגעסט ער אין זיין טרויריקע לאַגע און עס דאַכט זיך אים, אז ער איז אַ מענטש ווי יעדער אַנדערער.

ווען איך בין אַלט געוואָרן 12 יאָר האָב איך שוין געהאַט אַלע גלידער צעקלאַפּט פון מיין שטיף פּאָטער, אָבער אַ חוץ אַלעס בין איך געווען קראַפּטיק און אַ געזונטער יונג. און פּלוטצלינג איז מיר געקומען אַ געדאַנק, דאָס איך וועל אַנטלויפן פון דער היים. איך האָב באַנאַכט אונטערזוכט מיין שטיפפּאָטערס טאַשן און געפונען אַ בייטעלע מיט א 7 רובל געלט. איך האָב דאָס צוגענומען און אנטלאָפן נאָך דעם צווייטן דאָרף קאסיאנאָוו-קא 111 וויאָרסט פון אירקוטסק. דאָ האָב איך געטראָפן א דיליזשאַנס מיט פּאַסאַזשירן נאָך אירקוטסק, האב איך מיך באַהאַלטן אונטער א געזעס אבער דער פורמאַן האָט מיך געפּאַקט און מיר אפּגעריסן די אוירן און מיך געוואָלט משלח זיין אבער א רייכער מאַן האָט זיך פאַר מיר אַפּגענומען און באַצאָלט פאַר מיר פורגעלט, און מיר געגעבן א גאַנצן וועג צו עסן. אַז איך האָב

א פּאָר רובל, האָב איך פאַרשטייט זעך פאַרשוויגן.

אין דאָרף אינגאקענטעווסקאיא, איז דער מאַן אַראָפּ און מיר איבערגעלאָזט וואורשט, ברויט און קעז, וויפיל ער האָט נאָר איבעריק געהאַט, און נאָך ביז היינט דערמאָן איך מיט דאַנקבאַרקייט דעם גוטן מענטשן, וואָס האָט אויף מיר רחמנות געהאַט.

אין אירקוטסק האָב איך זיך ארומגעוואַלגערט ביז 19 יאָר אלט. געווען א יאָר א מאַלטשיק אין מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע פון א פיעכאָטנע פּאָלק און פון דאָרט אנטלאָפען. געווען א שיק יינגל. א האָלץ העקער באַ בעקערס. געפאָרן מיט פערד. א טרעגער באַ דער באַן. א גרעבער אויפן בית עולם. מיין אומרואיק בלוט, האָט מיך ניט געלאָזט זיך לאַנג בינדן צו א באַשעפטיקונג. און מיינע אפטע געשלעגן, האָבן מיר עטלעכע מאָל אין געפענקניש געבראַכט. פון מיין דאמאָלסדיק לעבן, האָבן זיך צוויי געשעענישן איינגעשניטן אין מיין זכרון נאך ביז היינט איינע, ווען איך האָב ניט געהאט וואו צו נעכטיקן איך בין דענטסמאל געווען אן ארבעט און במילא אן א גראָשן געלט, אלט אפשר א יאָר 16, בין איך אריין אין אוונט אין א קירך צום געבעט ס׳איז געווען א יום טוב און האָב זיך באַהאַלטן אין קירך כדי צו קענען איבערנעכטיקן. איך האָב געהערט ווי דער קירכע משרת פאַרשליסט אין דרויסן די טיר און האָב זיך רואיק געלייגט שלאָפן אויף די בימע, וואו דער גלח רעכט אפ גאָטס דינסט. אין דער פרי בין איך אויפגעשטאנען און ניט געקענט ארויסקומען פון דער פאַרשלאָסענער קירך בין איך ארויף און אויפגעמאַכט א פענצטער און געמאסטן דעם אָפּשטאַנד פון דער ערד, ס׳איז געווען ניט ווייניק הויך, אבער קיין זאַך פלעגט מיך ניט אָפּשרעקן. איך בין ארָאפּגעשפרינגן זיך איבערגעקייקלט, אבער געבליבן גאַנץ. א פאַרבאַגייער, האָט מיך געפאַקט און מיך אריינגעפירט צום שומר ער האָט מיר אפגעריסן די אוירן און מיך גענומען ביים קראגן אויפגעשלאָסן די קירך און קאָנטראָלירט אויב ס׳איז ניט וואָס צוגע׳גנב׳עט, פּרובירט די געלד פושקע און געזעען זי איז גאַנץ. דאָך האט ער מיך אריינגעפירט צום גלח,

אנ׳אלטער מאַן מיט אגרויע באָרד און אויסגעקראָכענעם קאָפּ און מיט ציטערענדיקע הענט. ער האָט מיך ניט געפרעגט פאַר-וואָס איך האָב דאָרט גענעכטיקט. ניט געפרעגט, אויב איך האָב וואס געגעסן די לעצטע צוויי טעג, נאָר מיך אויסגעזידלט, וואס איך מאַך אויס א קירך א גאַסטהויז און מיר אויפגעוויזן, וואס פאר א מיאוס׳ע בריאה איך בין, ווען איך פאַרשוועך גאטס הייליקייט און צום לעצט מיר מיט זיין ציטערענדיקע האַנט געגלאַנגט צוויי פעטש און מיך געהייסן גיין, אפזאגענדיג, וועט ער מיך נאך אַ מאל פאַקען אין קירך שלאפן, וועט ער מיך איבערגעבן אין פאַ-ליציי, אין שפעטערע יארן ווען איך האב זיך א מאל צוגעהערט צו די גלהימ׳ס פרעדיגן וועגן די גרויסקייט פון רחמנות, פון לי-בע איינער צום צווייטן, וואלט איך זיי גערן געוועזן אראפגעש-לעפט פון די שטענדערס, ווען איך האב זיך דערמאנט ווי מען האט מיך באַהאַנדלט פאַר איבערשלאפן א נאַכט אין קירך.

נאך א צופאַל האט מיט מיר פאַסירט כמעט אין דער-זעלבער צייט ווען דער גלח האט מיר געוויזן זיין רחמנות... איך בין ארומגעגאַנגען א הונגעריקער און געוועזן צו שטאלץ צו בעטלען, בין איך געקומען אויף לאנינסקאיא גאַס צום טאלטשאק און דערזעען ביידלעך מיט ברויט און פריש געבעקס, די שוים איז מיר געקומען פארן מויל פון בלויסן געשמאַק, און האב באַ-שלאסן צו גנב׳ענען א זעמעל. וואלט איך ניט געוועזן נאך א פריטץ און זיך געווען גערעכנט מיט די מעגלעכקייט, אז מען קען מיך כאפן, וואלט איך געוועזן געזוכט אויסצוקלייבן א ביידל, וואו ס׳איז געשטאַנען א פרוי, פון וועלכעס הענט איך וואלט גע-קענט זיך ארויסדרייען, בין איך גראד צוגעקומען צו א ביידל אין וועלכן ס׳איז געשטאַנאן א געזונטער חברה מאַן מיט א פאר הענט וואס ס׳גייט מיר אריבער א קעלט איבערן לייב נאך היינט, ווען איך דערמאן זיך אין די קלעפּ. איך האב אראפגעכאַפּט א זעמעל און גענומען לויפן, אבער אין א ווייילע, בין איך שוין גע-ווען אין דעם סוחר׳ס האַנט. דעם ערשטן פאַטש, וואס ער האט מיר געגעבן, איז מיר ארויסגעפליגן צוויי ציינער. דאַן האט ער מיט זיינע קולאַקעס גענומען האַקען אין מיין קאפּ און די פליי-

צעס און איך בין אנידערגעפאַלן, האט ער מיר געגלאַנגט צום אפשייד אַ בריקע אין דער זייט האָב איך דערפילט, אַז דער אטעם גייט מיר אויס און די איבעריקע פאַרקויפער האבן געיובלט, גוט אזוי, א גנב קומט דאס. אַז איך האב נאך געקענט אויפשטיין פון פלאַץ באַוואונדער איך ביז היינט. איך בין אפגעגאַנגען אַ צעבלוטיקטער און ניט געפילט קיין איין גליד אן א שמערצן און דער אַפעטיט איז מיר פאַרגאַנגען דעם טאג פון עסען.

באַ אַ ברונען האב איך זיך אַרומגעוואַשן פון בלוט און זיך פאַרנאַכט צוגעשלעפט צו די „יעראזאלימסקאיע קלאַדבישטשע", קוים געקענט פאַר שמערצן אַריבערקלעטערן דעם מויער און זיך געלייגט צווישן די קברים און כאטש ס׳איז געווען א זומער נאַכט, בין איך גוט געפרוירן געווארן פון קעלט. דער הונגער האט מיך ווידער גענומען פייניקן און די שמערצן אין מיין קערפער גלייכצייטיק, דאס איך האב דערפילט, איך בין נאנט פון חלשות און דאך פאר שוואַכקייט געפאלן אין שלאף ווי א דערהאַרגעטער.

אין דערפרי האט מיך געפינען דער בית עולם וועכטער און מיך אריינגענומען צו זיך. מיך גאר ניט געפרעגט ווי איך קום דא אהער, ער האט נאר מיך אריינגערופן אין זיין שטיבל און מיר געגעבן א שיסל וואַסער זיך צו וואַשן און געמאַכט טיי און צוגעגעבן ברויט מיט פוטער. מיין קערפער האָב איך נאָך געפילט ווי איבערפאָרן פון א וואגן, אבער געגעסן מיט א געוואַל־טיקן אַפעטיט און דער אַלטער וועכטער האט מיר מער ברויט געשמירט און טיי איינגעגאסן. ווען איך בין שוין זאַט געוואָרן, האט ער מיך ערשט אויסגעפרעגט ווער איך בין, און ווי איך קום אהער. דערהערענדיג פון מיין מפלה האט ער מיין קערפער אויסגעשמירט מיט קאַמפער און מיך באַ זיך געהאַלטן עטלעכע טעג, ביז איך בין צו זיך געקומען. און ער איז געווען אליין אנ׳ארימער און קראַנקער מאַן... זיין גוטסקייט האב איך אויך ניט פאַרגעסן ביז היינט.

באַ די ווערטער האָט קיריל־אָוו געקוקט אויפן זייגער און געזעען, אז ס׳איז שוין איבער איינס האָט ער זיך געאיילט

שנעל אָפּצוציִען דעם זייגער בא די 3 דאטשעס און צוריקגעקומען זאָגענדיג:

איך האלט אייך אויף מיט מיין דערציילן און איר ווילט אודאי שלאָפן גיין.

ניין. ניין. וועגן דעם קימערט אייך ניט קירילאָוו אויב איר האָט נאָר חשק ווייטער צו דערציילן, בין איך גרייט צו הע־רען אפילעט ביז אין דער פרי. ער האָט געוויקלט א פאפיראָס פון מאכאָרקע און געגעבן א פאר צי און דער פייער האט אויף א ווייַלע באלויכטן זיין געגרינצלט געזיכט און זיין גרויע באָרד, ער האט א הוסט געגעבן און ס'האט זיך געהערט דאָס זיינע לונגן זיינען קראַנקע. און ער האָט ווייטער געזאָגט:

זייענדיק אַ 19 יאָר אַלט האָב איך חשק געקראָגן צו זען אויך אנדערע לענדער ווי סיביר און האָב באַשלאָסן צו וואַנדערן צופוס נאָך וולאַדיוואָסטאָק און פון דאָרט זיך ארויסכאפן אין אַנדערע לענדער. אָבער פריער בין איך אָפגעפאָרן נאָך טשערע־מכאווא זען מיין מוטער און זיך דערוויסט; דאָס שוין מיט 5 יאָר צוריק ווי זי איז געשטארבן און אויפן בית עולם, האָט מען ניט געוואוסט גענוי וועלכעס איז איר קבר. און מיין שטיפפאָטער האט נאר געהאַט דעם לינקען פוס, דעם רעכטען האט מען באַ אים אראפגענומען נאך אַ שטאַרקן קלאַפּ פון אַראפפאַלענדיק שטיק קויל. דאס האב איך זיך דערוויסט. איך האב ניט גע־זוכט מיט אים זיך צו זען נאך די צרות וואס ער האט מיר אויסגעטיילט אין מיין קינדהייט.

אַזוי האב איך גענומען וואנדערן כמעט 1 יאר ביז וולאדיוואסטאק. אונטערוועגס האב איך געאַרבעט פארן עסן און ווייטער געוואנדערט און דאס ערגסטע איז געווען דער שפאציר איבער די הויכע זאבאקאילער געבערג וואו איך בין ניט איינמאל שיער דערהארגעט געווארן זיך אויסגליטשענדיק. אין כאבדאעכע־צזי (מאנדזשוריע) האב איך זיך באקענט מיט א וואגאבונד מיכא־איל לאווראוו, וואס האט אויך געוואלט נאך וולאדיוואסטאק און מיר האבן צוזאמען געוואנדערט. ער איז שוין איינמאל געווען

דעם וועג הין און צוריק און האט געקענט יעדעס דארף, יעדעס שטעגל און פאר מיר איז דאס געווען צו גרויסע הילף. אין א דארף וואו איך האב גענומען ארבעטן אויף עסן האט ער געבעטלט אדער גע׳גנב׳עט און געלאכט פון מיין ערלעכקייט. אבער צו בעטלען בין איך געווען צו שטאלץ און זייט דעם חלק וואס איך האב געכאפט אין אירקוטסק כאפענדיק א זעמעל, איז מיר דער חשק צו גנב׳ענען אויף שטענדיק פארגאנגען.

אין ניקאלסק-אוסוריסק, האט מען אים געכאפט בא א גנבה און מען האט אים ארעסטירט און ניט האבענדיג קיין פא־פירן האט אים דערווארט פארשיקט צו ווערן אויף שטראף אר־בעט אויף א 5 יאר. און איך בין ווייטער געבליבן אליין, אבער שוין ניט געווען ווייט פון וולאדיוואסטאק.

אין וולאדיוואסטאק האב איך א קורצע צייט געארבעט אין האפן צו זער א קליינעם פרייז צוליב די כינעזער און קארע־אנער וואס ארבעטן כמעט בחינם. און א ביסל שפעטער מיט א רוסישע טראנספארט שיף „כינגאן” אפגעפארן איבער יאפאן נאך זיד אמעריקע אלס ארבעטער אויפן שיף. געארבעט האב איך פאר דריי אבער געלט געקראגן פאר איינעם און עסן אויך פאר איינעם.

אין פארלויף פון 3 יאר בין איך געווען מיט שיפן אין אינדיען, ציילאן, בראזיליען, נארד אמעריקע, שפאניען און עגיפ־טען און נאך לענדער. ווער געדענקט זיי אלע. איבעראל אין די האפן שטעדט געלעבט, א לוסטיקן און זארגלאזן לעבן, אין די האפן קנייפעס צווישן פאר׳שכורטע פראסטיטוטקעס, און ניט איינ־מאל האט מיר אזא נקבה באלד אין ערשטן אוונט פון מיין אנ־קומען אין א האפן גייענדיק מיט איר אהיים מיר צוגע׳גנב׳עט מיין גאנץ ביסל געלט, וואס איך האב טיילמאל געהאט פאר 3 אדער 4 חדשים לוין. און שכור׳עהייט האב איך זיך ארייגעלאזט אין געשלעגן. ס׳האט זיך מיר אויסגעוויזן, דאס איך קען די גאנצע וועלט באזיגן און ניט איין מאל געכאפט א צעשפאלטענעם קאפ אדער א מעסער שטאך. מיין גאנצער קערפער האט צייכנס פון

מעסער שטיך פון יענער צייט.

נאך א 3 יאר זיך ארומוואלגערן אין דער וועלט האב איך חשק באקומען צוריקצוקומען נאך סיביר און בין איבער וולאדיוואסטאק און כארבין און פון דארט איבער מאנגאליען מיט א טיי קאראוואנע נאך אירקוטסק געקומען.

אין אירקוטסק האט מען מיר געגלאנגט 3 חדשים געפענקניש פארן ניט צושטעלן זיך צו 21 יאר צום מיליטער און אפזיצענדיג, האט מען מיך אין מיליטער צוגענומען און מיך נאכאטשעט נאך ווארשע אין פיעכאטע און ביז מען וועט מיך מיט נאך פיל רעקרוטן קענען אוועקשיקן, ווען דער אייז וועט צוגיין אויף די אנגארא, האט מען מיך איבערגעלאזט אין אירקוטסק אין 27-טען מזרח סיבירער פיעכאטנע פאלק, אין וועלכעס מוזיק קאמאנדא איך בין אפ געווען א יאר אלץ מאלטשיק. ערשט אין יוני חודש האט מען אונז אוועקגעשיקט מיטן דאמפער צעסארעוויטש. אזוי זיינען מיר געפארן איבער די אנגארא און יעניסיי און געגאנגען וואכן לאנג איבערן לאנד וועג און דאן ווידער מיט די וואלגא און קאמא ביז פערם און פון דארט שוין מיט באן ביז ווארשע.

אין פאלק האב איך ניט נושא חן געווען באם פעלדוועבעל פון מיין ראטע, ער האט מיך פארפאלגט אויף יעדן שריט און טריט און מיך גערופן סיביריאק טשאלדאן, ביז איך האב פארזעען זיין נארישע צורה מיט אלערליי פיגורן. מען האט מיך ארעסטירט און פאר׳משפט אויף 3 יאר דיסציפלינארנע באטאליאן.

אין דיסציפלינארנע איז ערשט געווען דער אמת׳ער גהינום. ניט רויכערן, ניט קומען אין שטאדט און א שטראף פאר די מינדסטע קלייניקייט. און ווען איך האב פאר געלט באקומען אריינגעשמוגלט א פעקל מאכארקע און גערויכערט אין געהיים האט מיך געפאקט אנ׳אונטעראפיצער און דאס דערלייגט דעם קאמאנדיר קאפיטאן דאראטשענקא, וואס האט אין אדעס א סאלדאט פון זיין ראטע מיט די שווערד דעם קאפ אראפגעהאקט און באקומען א שטראף צו זיין 10 יאר קאמאנדיר איבער די דיסציפלינארנע

אפטיילונג... און דער מערדער האט געהאלטן שטרענגע יוסטיץ צווישן די סאלדאטן. דערהערענדיק וועגן מיין רויכערן, האט ער מיך פאר׳משפט צו 15 שמיץ מיט ריטער אויפן בלויסן לייב און דאס איז אויסגעפירט געווארן פון אנ׳אונטעראפיצער אונטערן קא־פיטאנס אויפזיכט. מען האט פון מיר אראפגעצויגן די קליידער אויף די שטעל וואו די קלעפ דארפן פאלן... און געציילט ביז 15 בא דעם 5־טען קלאפ האט די בלוט געגומען שפריצן. איך האב פארביסן די ציינער און ניט געוואלט שרייען אבער בא דעם 9־טען שמיץ, האב איך זיך ניט געקענט מער צוריקהאלטן און געשריגן ווען דער 15־טער שמיץ איז געפאלן, האב איך ניט גע־גלויבט, אז פון דעם טייל קערפער, וואס איז מיסהאנדלט געווארן איז נאך וואס צוריקגעבליבן. עס האט געברענט ווי פייער און די בלוט האט זיך געגאסן אן אנ׳אויפהער. מען האט געגאסן שפריט און דאס האט געברענט געפערלעך. דערנאך האט מען מיר באנ־דאזשירט די ראנעס און מיך געלייגט אויף מיין בעטל, פארשטייט זיך מיטן פנים אראפ... און די שמערצן האבן מיר די גאנצע נאכט ניט שלאפן געלאזט און איך האב באשלאסן בא דעם ערשטן געלעגנהייט דעם אונטעראפיצער, וואס האט אויף מיר דערלייגט, פערטיק צו מאכן, אפילעט ס׳זאל מיך דאס לעבן קאסטן.

8 טאג בין איך פריי געווען פון זאנאטיעס און ארבעט, ווייל איך האב ניט געקענט גאר פארנעמען, נאכדעם האט דער מיליטער דאקטאר אונטערזוכט מיין קערפער און אויסגעפונען, דאס מען קען מיך שוין נעמען אויף זאנאטיעס. איך האב מיך שוין געהאט אפגעקילט א ביסל פון כעת און באשלאסן אים ניט צו דערהארגענען, ווייל עס לוינט ניט צו באצאלן דערפאר מיטן לעבן אדער מיט אייביקע קאטארגע, נאר גערעכנט, אים אזוי צו גלאנגן א ביסל קלעפ, אבער שפעטער זיך באטראכט, דאס אזוי ווי אין דיסציפלינארנע איז פאר יעדע פארזעעניש טאפלט די שטראף ווי אין קאזארמע, האב איך באשלאסן אים גאר ניט צו טאן כדי צו קענען נאך די שטראף צוריקקומען אין קאזארמע און פון דארט וועט מיר לייכטער זיין צו אנטלויפן און ווען איך האב מיין באשלוס ניט געקענט האלטן, איז געווען דעם אונטער-

אפיצערס שולד. דען באלד אין דעם ערשטן טאג וואס מען האט מיך אויף זאנאטיעס גענומען, האט דער אונטעראפיצער מיר שפּאַטיש געשמייכלט אין צורה ווי איינער זאגט: ווערסט דו געדענקען די פּארציע וואס דו האסט באקומען? מיין בלוט האט אנגעפאנגען קאכן. זיין איראנישער שמייכל האט מיך ווי מיט מעסערס געשטאכן. איך האב פארלוירן די באהערשונג און מיטן קוליאק אים געגלאנגט אזא קלאפּ אין געזיכט דאס עס האט אים אנגעפאנגען גיין בלוט פון מויל און נאז און ארויפפאלענדיג אריפן קאנט פון טיש, האט אים אויך גענומען גיין בלוט פון קאפּ. עטלעכע אונטעראפיצערן האבן מיך אנידערגעווארפן אויף דער ערד און מיך געבונדן און לויטן באפעל פון קאמאנדיר מיך אפגעפירט אין קארצער.

מיין נקמה האט מיך געקאסט נאך 3 יאר דיסציפּלינארנע און 1 יאר אין סעקרעטנע קארצער. ס׳איז מיר אוממעגלעך איבערצוגעבן וואס איך בין א דורך געגאנגען אין פארלויף פון די 8 יאר געפענקניש, ד. ה. מיטרעכענדיק די צייט ביז דעם משפט ווען איך בין ענדלעך באפרייט געווארן האב איך שוין מער ניט געהאט די כוחות פון אמאל און געקראגן קראנקע לונגן.

ווידער האט קיריילאוו אפגעצויגן דעם זייגער און צוריק פארויכרט דעם פּאפּיראס געגלאנגט עטלעכע ציי זאגענדיג:

דעם איבעריקן לעבן וועל איך איבערגעבן אזוי קורץ ווי מעגלעך, אז ניט וועל איך דארפן נאך עטלעכע נעכט כדי אלעס אויסצודערצעלן.

איך בין ארויס פון דיסציפּלינארנע בין איך שוין פערטיק געווען מיט די דינסט ווייל אלס אלטער סאלדאט האט זיך די פארשפּארונג צוגערעכנט צו די סלוזשבע און איך האב געווינטשן איבערצובלייבן אין ווארשע און גענומען זוכן באשעפטיקונג און באקומען ארבעט אין א גלאז מאגאזין אויף די נאלעווקעס צו פּאקן סחורה אין קאסטענעס אויף אוועקצושיקן. און זיך געדינגען א קליין שטיבל אויף די קנוינע (אנ׳אונטערגאס אין ווארשע) די ארבעט איז געווען א שווערע און דער לוין א

קליינער, וואס איך האב קוים געהאט די דירה צו באצאלן און פון נייע קליידער איז געווען אפגערעדט. די ערשטע צייט האב איך צוגעצערט פון די געלט, וואס איך האב באקומען אויסגע־צאלט אין דיסציפלינארנע צו 45 קאפ פאר יעדע צוויי חדשים דעם לוין וואס אין קאזארמע.

אפגעארבעט א האלב יאר האב איך באקומען ארבעט אלס קוטשער פון א אמניבוס וואס איז געגאנגען פון אייזערנעם טויער ביז פראגע און אויך באקומען א קליינעם לוין און נאך געמוזט פאסן א פאר פערד. צודערזעלבער צייט האב איך זיך באקענט מיט א פוילעשע מיידל יאדוויגא סאבטשיק, זי האט גע־ארבעט אין א וועבער פאבריק. מיר האבן חתונה געהאט און איך האב באקומען א פלאץ אלץ דווארניק פון א הויז. מיר האבן שטיל און רואיק געלעבט. זי איז געווען זעער א בראווע און גוטע פרוי, אבער אונז איז ניט אויסגעקומען לענגער צו לעבן צוזאמען ווי 10 חדשים, ווייל אין קינדבעט איז זי נאך א אפע־ראציאן געשטארבן צוזאמען מיטן קינד. איך האב א צייט געטרוי־ערט נאך דעם פארלוסט און באשלאסן אפצופארן צוריק נאך סי־ביר.

און זיך דערוויסענדיג ווען עס גייט אפ א פארטיע רעק־רוטן נאך סיביר, האב איך פארהאנדלט מיט דעם קאנוואינע אונ־טעראפיצער און פאר א סומע פון 15 רובל האט ער מיך מיטגע־נומען און מיך פארשריבן אין ליסטע פאר א רעקרוט. און נאך 7 חדשים רייזע מיט באן און וואסער און צעפיס טראנספארט בין איך געקומען נאך אירקוטסק.

אין אירקוטסק האב איך ארבעט באקומען אויף א טראנ־ספארט דאמפער וואס איז געגאנגען צווישן אירקוטסק און באיקאל. און ווידער חתונה געהאט מיט א מיידל פון ניזשעאודינסק, וואס האט געדינט בא א יידישע פאמיליע אויף סאלאמאטאווסקאיא.

דורך דער צייט האב איך אדורך געמאכט אלע פארשי־דענע ארבעטן: געארבעט אויף א האלץ פלאץ, געווען א דווארניק, עטלעכע מאל א קוטשער פאר רייכע הערשאפטן, אנ׳ארבעטער אין

אנ׳אייזן לאגער. צופירט ביער פון פ. א. ריפּעסטאלס ברויעריי. פיל צייטן געווען אן אנ׳ארבעט און געליטן הונגער מיט מיין פאַ־מיליע, און ווען איך האב געהאט ארבעט האב איך אויך ניט געקענט לעבן מענטשלעך צוליב די קליינע פארדינסטן. און ווען כ׳בין אלט און שוואך געווארן אנ׳אויסגעפּרעסטע ציטרין... האט מען מיך אין ערגיץ ניט געוואלט האלטן... מיין פרוי איז שוין פון לאנג געשטארבן און מיינע צוויי זין זיינען אין אמעריקע איך הער פון זיי קיינמאל ניט.

דער הארטער לעבן האט שוין לאנג אפּגעטויטעט אין מיר יעדן פונק פון שטאלץ און ערענגעפיל איך נעם נדבות אויב עס געט ווער אדער א ביסל עסן, וואס איז בא א רייכן איבער־געבליבן פון נעכטן... איך ווייס דאס לאנג לעבן וועל איך שוין ניט. דא האט איר אין קורצן מיין לעבן.

וואוינט איר דא אין זוויעזדאטשקא קירילאוו?

ניין, אין אירקוטסק אויף די נאבערעזשנאיא. יעדן אויף דער נאכט קום איך צו גיין און אין דער פרי גיי איך צו־ריק...

נאכדעם ווי אייער לעבן האט געהאט אזא טרויריקן, אבער דאך רייכן אינהאלט, וואס קלערט איר יעצט וועגן די וועלט און מענטשן?

די וועלט איז גרויס און שיין, אבער די מענטשן זיינען ריינע בעסטיעס, איינער אביסל מער און דער אנדערער אביסל וויניקער און זיי מאכן די וועלט פאר א גהינום. דער שטארקער באזיגט דעם שוואכן און דער שוואכער וואס האט ערענגעפיל און לאזט זיך ניט טרעטן פאר אים איז דאס לעבן אומערטרעגלעך.

צווישן וועלכע מענטשן האט איר פארט געטראפן גוטע הערצער?

צווישן בראדיאגעס, איז געווען זיין ענטפער.

וואס פאר א מיינונג האט איר וועגן פרויען?

פרויען קענען מאכן פארן מאן דאס לעבן צו א פארא־דיז אדער צו א גהינום. אין אלגעמיין זיינען פרויען מערקוויר־

דיגע באשעפענישן, איר קענט קיין מאל ניט קלוג ווערן אויף זייער כאראקטער.

וועלכע מענטשן גלויבט איר דארף מען דאך רעספעק־טירן?

די געשטארבענע... איז געווען זיין ענטפער.

איך האב באַדאַנקט דעם אַלטען קירילאוו פאַר זיין לע־בענסגעשיכטע און אריינגעגאַנגען אין מיין וואוינונג.

איך האב מער ניט געקענט איינשלאפן. קירילאווס לעבן האט זיך מיר געטומלט אין די געדאנקען. איך האב מיך גענו־מען באַטראַכטן אזוי קליין אזוי נישטיג אין פאַרגלייך מיט דעם לעבן, וואס קירילאוו האט געפירט, אפילעט וועגן אניוטן צו טראַכטן איז מיר פארגעקומען קליינלעך און נאַריש...

ד. 30־טן יוני.

דו באַטראַכסט ליבער חבר, דעם אלטן קירילאוו פאַר א העלד דאס טו איך אויך. יעדעס מאל וואס איך טרעף אים פיל איך מיך קעגן אים ווי א חדר יינגל... דו ביסט אויך גע־רעכט דאס א טיכטיגער ראמאניסט וואלט פון זיין לעבן שטאף גענומען צו א גרויסן רעאליסטישן ראמאן.

איך שעם זיך פשוט דיר ווייטער דעם קאפ צעדולן מיט מיינע אייגענע איבערלעבונגען, אבער דאך קען איך ניט אנדערש און איך ווייס דאס דו וועסט עס מיר ניט פאַר אומגוט האלטן:

נאך מיינע עלטערנס אהיימקומען האבן זיי איבערגעבן מיינע חברים, וואס פאר א פיינע דירה איך האב אין זוויעזדאדשקא און אזוינאך האבן מיך נעכטן 2 חברים באזוכט איינעם קענסט דו, דאס איז מישא פאכודזקי. מיר האבן אלע דריי ארומשפא־צירט דעם גאנצן טאג, דאך האב איך זיך געהיטן מיט זיי א דורכצוגיין בלומענפעלדס דאטשע, ניט ווילענדיק אניוטא זאל זיי זען. אזוי קאַפּריזנע און נאריש איז א פאַרליבטער.

פארנאכט זייענדיג זיי אהיימגעפאָרן איך האָב זיי באַגלייט און צוריקקוועגס זיך אוועקגעזעצט אויפן גראז לעבן ברעג און בא־

טראכט די שפּאַצירענדע געסט...

פון דערווייטנס האָב איך באַמערקט אַ פּאָרל און די פּרויענצימער האָט מיר אויסגעוויזן דאָרף זיין אַניוטא, אַבער אַזוי ווי ס'איז מיט געווען אַ מאַן האָב איך מיר פּרובירט איינבילדן אַז ס'איז ניט זי... אָבער באַלד האָב איך מיר געדענקט, אַז ס'מוז יאָ זיין זי, דען ווי איז דען מעגלעך אַז צווישן די אַלע זומער-געסט זאָל זיך ניט געפינען נאָך ווער, וואָס פאַרשטייט די ווערט פון איר. דער געדאַנק האָט מיך געשווידערט. דערווייל האָט זיך דאָס פּאָרל דערנענטערט און כ'האָב געזעען אַז דאָס איז אַניוטא.

דער יונגער מאַן מיט וועלכן זי האָט שפּאַצירט, איז געווען אַשיינער מיט אַ שטאָלצן זיכערן גאַנג ווי איינער וואָס ווייס, אַז ער קען אַלעס אַ דורכפירן וואָס ער וויל נאָר. זיין קליידונג איז געווען אַריסטאָקראַטיש. כ'האָב געזוכט פון אַניוטעס געזיכט צו לעזן, וואָס פאַר אַ שכות זי קען האָבן מיט אים און אויף וויפיל איך בין בא מיינע צעשטרייטע געדאַנקען אים-שטאַנד געווען צו אַנאַליזירן, האָט מיר אויסגעוויזן, דאָס זי באַ-ציט זיך צו אים גאַנץ פריינטלעך און בא מיר איז קיין צווייפל ניט געווען דאָס ס'איז איר חתן. ווען זיי זיינען שוין גאַנץ נאָנט געווען פון מיר, האָב איך זיך געזעצט צו זיי מיטן רוקן... ערשט ווי זיי זיינען שוין געווען ווייט האָב איך זיי נאָכגעקוקט ניט מיט פריילעכע בליקן און ווען זיי האָבן אויסגעדרייט אויף צוריק צו גיין האָב איך מיט אַ טרויריק האַרץ דעם ברעג פאַרלאָזט.

אַ היימקומענדיק האָב איך זיך אַן אוונטעסן שלאָפן גע-לייגט, אָבער מיין האָפנונגסלאָזע ליבע האָט מיך געמאַטערט און מיך פיל שטונדן וואָך געהאַלטן. --

ד. 7-טן יולי.

זייט דעם אָוונט, וואָס איך האָב פריילין בלומענפעלד באַגעגנט מיט דעם יונגן מאַן און זיך פאַרזיכערט, דאָס ער איז איר חתן, האָב איך איינציקווייז זיך אויסגעניכטערט און צוריק מיין רו באַקומען און באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם קאַמף זי צו גע-וואונען. ווען זי האָט אַ חתן וואָס פאַר אַ מאָראַלישע רעכט האָב

איך זי צו פארפאלגן און ווען איך זאל שוין אוועקלייגן דעם מאראל אין א זייט ווערט זי דאך אויך מיר קיין אויפמערקזאמקייט ניט שענקען, ווען זי ליבט אנ׳אנדערן. מיט איין ווארט איך האב באשלאסן דאס ווען איך זאל פארטזעצן מיין ווייטערדיקן קאמף וועל איך זיין א דאן קיכאט.

זייט יענעם אוונט מייד איך אויס פארבייצוגיין בלומענ־פעלדס דאטשע.

איך האב פארבראכט צוויי טעג אין שטאדט און אויס־גענוצט די געלעגנהייט וואס ס׳געפינט זיך דא א מאלאראסעסקע טרופע, וואס וועקט אויפזיכט מיט זייערע אפערעטן. איך האב געזעען נאטאלקא פאלטאווקא און כמארא און געפילט א ווירקליכן גייסטיקן גענוס. דער טעאטער איז געווען געפאקט אחוץ די ווארעמע אוונטן. ביידע פארשטעלונגן זיינען געווען באזוכט פון גענעראל גובערנאטאר סעליוואנאוו, וועלכן א צענדלינג דעטעקטיוון האבן געהיטן און פון דרויסן א סאטניע קאזאקן און אנפאנגס האט דאס מיך דענערווירט גלויבענדיג, דאס ס׳וועט זיך הערן א רעוואלווער שאס אין ג. ג. לאזשע... אבער אזויבאלד ווי דער שפילן האט זיך אנגעפאנגן האט עס מיך אויף אזויפיל ארויסגע־ריסן פון אלטעגליכן לעבן, דאס איך האב פארגעסן אין דעם גע־נעראל גובערנאטאר מיט זיינע שומרים.

צוריקקומענדיג פון שטאדט האב איך זיך גענומען צום לערנען און שוין פון לאנג ניט געהאט אזא גענוס ווי יעצט.

ד. 9־טן יולי.

בא מיין דאטשע ווירט ראזענבוים איז געווען פארלוי־בונג פון זיין 17 יעריקע טאכטער ראזא. און זיך דערוויסענדיג דאס אויך פאמיליע בלומענפעלד איז געלאדן האב איך זער ניט חשק געהאט צו זעען פריילין אניוטא מיט איר חתן... אבער דאך צוליב העפלעכקייט וואס מען באהאנדלט מיך פאמיליאריש, האב איך ניט געקענט מיך אפזאגן פון די איינלאדונג.

א גאנצן טאג איז געווען א סומאטאכע. פון שטאדט איז אלע מינוט געקומען א וואגן מיט פארשידענע עסענווארג און

געטראנקען. פון קיך האט זיך געהערט א געקלינגעריי פון טע־
לער און גאפל מעסער. פרוי ראזענבוימס קאמאנדא צו דער
דינסט וויערקא און דער זאגן דו צו איר האט מיך ניט ווייניק
געארט. אפילעט אין הייזער וואו די מאדאם איז 20 יאר אלט
און די דינסט 50 זאגט מען איר דו און דערמיט ווייזט מען איר,
אז זי געהערט צו א קלאס, וועלכע מען דארף ניט רעספעקטירן
און מיט וועלכע מען דארף זיך ניט צערעמאניען און כאטש דאס
איז דער פאל אין גאנץ סיביר און אין רוסלאנד דאך איז די
האנדלונג געמיין סיי ווי סיי.

פרוי ראזענבוים איז א קולטיווירטע פרוי און רעדט כסדר
וועגן הומאניטעט, און דאך די דינסט באהאנדלט זי ווי א הונט.
אין א ווונט האט זי איר געזידלט, וואס זי האט זיך דערלויבט אין
10 אוונט אוועקצוגיין אויף א שטונדע און די טאכטער ראזא האט
געמוזט אליין דעם סאמאוואר אויפקאכן... פאר ראזענבוימען
וואס איז פון שטאדט געקומען.

די דינסט וויערקא זעענדיג דאס איך פיל מיט איר מיט,
האט זיך פאר מיר דאס הארץ אויסגערעדט, דאס זי איז אוועק
אויף א שטונדע, ווייל איר חתן א סאלדאט, וואס שטייט יעצט
אין לאגער בא אושאקאווקא (א וואסערל) איז געקומען. און ווען
איך האב זיך דערוואוסט דאס איר חתן איז פון סמאלענסק, האב
איך איר געפרעגט אויב זי גלויבט ניט, אז נאך דער דינסט וועט
ער א היימפארן און איר איבערלאזן אזוי ווי עס טאן טויזענדער
סאלדאטן. זי האט מיר געענטפערט:

איך האב שוין געהאט א חתן, א סאלדאט פון וויאטקער
גובערניע און געהאט מיט אים א קינד, וואס מיינע עלטערן אין
דארף האבן עס צוגענומען, ער האט טאקע מיט מיר געזאלט
חתונה האבן נאכן דינסט און איז אבער אהיימגעפארן... נאר
מיין יעטצטיקער וואנקא איז אנ׳ערלעכער מענטש. ער וועט
מיט מיר באשטימט חתונה האבן...

פארנאכט האבן זיך פארזאמלט ארום 30 געסט אין די
שיין אויסגעפוצטע צימערן פון ראזענבוימס דאטשע, אבער ניט

קליין איז געווען מיין איבערראשונג, ווען אניוטע איז געקומען אן דעם יונגן מאן. מיין רו פון די לעצטע צייט איז באלד פארוואנדלט געווארן ניט נאר אין אומרו, נאר אויך אין האפע־נונג; דאס אפשר איז דער יונגער מאן געווען ניט מער ווי א געווײנטלעכער באקאנטער. דאך איז מיין האפענונג צעשטערט געווארן בא דעם געדאנק, דאס ס׳קען גוט זיין דאס ער איז יא איר חתן, נאר ער איז פון וואו ווייט און דערפאר איז ער ניט מיטגעקומען.

די געסט האבן זיך אנגעפאנגן ווײלן. אבער מיך האט די אומוויסהייט געפייניקט. דאך האב איך זיך מי געגעבן א פריי־לעך פנים צו האבן דען פארוואס זאל איך אנדערע באטייליקן אין מיין אומרו...

פון אויבען אן זיינען געזעסן חתן און כלה אויף צווי מיט בלומען באפוצטע שטולן און זייערע געזיכטער האבן געש־טראלט פאר פריידע.

פריילײן ראזענבוים איז פון די וואוקס ווי א 12 יעריקע מיידל אומגעוויינטלעך מאגער און מיט א געזיכט מיט געשווירלעך פון אלערליי גרויס. א קורץ ברייט נעזל און גרויסע צײנער, אבער א קלוגע.

דער חתן מאטויע קראסיק, איז א מיטעלוואוקסיגער, גוט אנטוויקלטער מאן מיט א נארמאל געזיכט און מיט א קאפ שיינע געדיכטע האר. 23 יאר אלט. בוכהאלטער בא ראזענבוימען אין זיין גרויס מאנופאקטור געשעפט. ער שטאמט פון ארימן שטאנד און איז א יתום. ווען מען האט אים צוגענומען אין מיליטער, האט ראזענבוימען געקאסט 5 טויזנט רובל פאר די מיליטער דאקטוירים, וואס האבן בא אים אויסגעפונען א הארץ פעלער... און נאך דער חתונה נעמט אים ראזענבוים פאר א שותף צום געשעפט.

ליבער חבר שטעל דיר פאר ווען אנ׳ארבעטער פאמיליע זאלן האבן אזא טאכטער...

ביים טיש איז מיר אויסגעקומען צו זיצן נאנט פון

פרייליין אניוטא... וועלכע האט זיך אונטערהאלטן מיט א מיידל, וואס איז מיר זעער קענטלעך פארגעקומען, אבער דאך האב איך זיך אויגעבליקלעך ניט געקענט דערמאנען, וואו איך האב איר פריער געזעען. זי האט מיך אויך אויפמערקזאם באטראכט און זאגט מיט א שמייכל:

אויך איר הער אבראמזאן געפינט זיך אין זוויעזדאטשקא?

יא, פרייליין.

איר קענט מיך ניט? מיט יארן צוריק פלעג איך אפט קומען צו פאמיליע יוציס און אויך איר פלעגט דארט קומען.

ווען אזוי זייט איר ניט פרייליין סאפיע זילבערמינץ.

יא, גאנץ ריכטיק.

איר זענט מיר פרייליין טאקע קענטלעך פארגעקומען, אבער ס'איז שוין א יאר 4 ווען איך פלעג דארט אריינקומען און דענטסמאל זענט איר אודאי אלט געווען ערשט א יאר 15 און זייט דענטסמאל האט איר זיך פארענדערט.

ניין דענטסמאל בין איך ערשט 14 יאר אלט געווען...

און וואו געפינט איר זיך יעטצט באשעפטיקט?

טיילווייז אין טעלמא און טיילווייז אין אוסאליע.

קענט איר פרייליין יעווגעניא קראווטשענקא אין טעלמא.

יא, פון זעען.

זי איז געווען מיין שולע קאמעראט אין אירקוטסקער גימנאזיום.

און אויך מיינע, מישט זיך אריין פרייליין בלומענפעלד.

איך האב געפילט ווי א רויטקייט טרעט ארויס אויף מיין געזיכט.

בא וועמען געפינט איר זיך אין אוסאליע? פרעגט מיך אניוטא.

איך לערן מיט די קינדער פון פאלקאווניק ראזנאאבראזני.

מיר שיינט, אז איך האב אייך ווען געזעען אין אוסאליע.

דאס איז גאנץ מעגלעך פרייליין בלומענפעלד און איך

בין נייגעריק געווען צו האט זי מיך געזעען אין גאס אדער גע־דענקט זי, אז איך בין אנטקעגן איר פּענצמער געשטאנען. די גאנצע צייט וואס איך האב מיט איר גערעדט האט מיין שטימע ווי געציטערט פאר באוועגונג איבערהויפט נאך ווען איך האב גע-קוקט אף איר און די כלה׳ס געזיכט... און איך צווייפל ניט דאס אניוטא האט באמערקט מיין זעעלע צושטאנד.

אונדזער געשפּרעך איז איבערגעריסן געווארן, ווייל דער חתן האט גענומען דעקלאמירן „אויפן בוזים פון ים״ פון מאריס ראזענפעלד. און שפּעטער האט זיינער א קאמעראט דעקלאמירט עטלעכע לידער פון פּושקינען.

לויט אויפפאדערונג האט די כלה זיך געזעצט צום קלאוויר און געשפּילט אן א געפיל עטלעכע פון שאפּינס סאנאטן און פּרעלודיען, אבער די אפּלאדיסטעמענטן זיינען צוליב דעם ניט קלײנערגעווען...

ווען דער גייסטיקער כאראקטער פון אוונט האט זיך געענדיקט האבן די סוחרים אויפגעלעבט און גענומען מיט ליידענ־שאפט ריידן פון וועקסלן, דיסקאנטען, וואליוטא, אבליגאציאנען און בירזשע שפּעקולאציאנען און דער צענטרום איז געווען בלו־מענפעלד.

די צוויי סערווירער פון אנ׳אירקוטסקער האטעל צוזא־מען מיט די דינסט ויערקא זיינען כסדר באשעפטיקט געווען מיטן טראגן פארשידענע געריכטן און אלערליי געטראנקן און אין דער קיך איז געזעסן דער אלטער קיריללאוו און מיט זיינע שוואכע הענט געדרייט א מאשינקע פון סאכאר מאראזשענאיע.

אויפן טיש האבן זיך באוויזן צוויי טעלער מיט צעטלן פון ביקור חולים און ציון און ביידע זיינען אנגעפילט געווארן מיט געלט צעטלן פון פארשיידענע פארבן, ווייל יעדער געבער האט געהאט עדות צו זיין נדבה...

מיר איז דעם אוונט מער ניט אויסגעקומען צו ריידן מיט אניוטן.

פאר א ראמאן פארפאסער, וואס האט ליב צו באשרייבן

יעדע קלייניקייט, וואס ס׳איז געגעסן אדער געטרינקן געווארן, וואלט אויף דעם פעסט געקענט האבן שטאף צו עטלעכע זייטלעך, אבער דו ווייסט דאך ליבער חבר ווי מיך אינטערעסירט דאס ניט. אויך ווען איך לעז א בוך, לאז איך א דורך די ארט באשרייבונגען און איך פארשטיי איבערהויפט ניט וואס מיר נוצט צו וויסן, וואס די העלדן פון די ראמאנען האבן געגעסן אדער געטרינקען. שילדערט דער שרייבער מיר א רייכן, פארשטיי איך אליין; דאס ער האט ניט געגעסן טרוקן ברויט. שילדערט ער אנ׳ארימאן, ווייס איך אויך וואס ער עסט אדער בעסער געזאגט וואס ער עסט ניט...

ווען אין דרויסן האבן זיך שוין באוויזן די ערשטע ליכט שטראלן פון טאג האבן די געסט איינציקווייז פארלאזט דעם פעסט.

איך האב זיך געזעגנט מיטביידע מיידלעך און אין מיין צימער געגאנגען. פארשטייט זיך דאס איך בין צופרידן געווען, וואס איך האב דאס געלעגנהייט געהאט אנ׳אוונט צו באטראכטן פריילײן בלומענפעלד. אלע אירע באוועגונגען און מאניערן האבן אין זיך פאראייניקט גראציע און הארמאניע, אבער די דערינערונג אין דעם יונגן מאן, איז געווען דער שווארצער וואלקן אויף מיין הימעל.

ד. 13=טן יולי.

11 פון די פארלויבונגס געסט, וואס זיינען אפגעפארן אין 3 דראזשקעס נאך אירקוטסק וועלן באשטימט געדיינקען דעם אוונט, ווייל צווישן זוויעזדאטשקא און גלאזקאווסקאיא פרעדמעסטיע, זיינען זיי בארויבט געווארן פון א באנדע באנדיטן, וואס האבן פארהאלטן די 3 דראזשקעס און 1 קוטשער, וואס האט ניט חשק געהאט זיך באלד אפצושטעלן האבן זיי דערשאסן אויפן ארט און זיי האבן די געסט צוגענומען דאס גאנצע געלט און צירונג און די אויבער קליידער און אפגעטרעטן מיט דעם באפעל, אז אין די ערשטע האלבע שטונדע זאלן זיי זיך ניט רירן פון ארט אז ניט וועלן זיי ניט לעבן בלייבן.

און אפשר שטונדן שפעטער ווען די געזעלשאפט האט

אפגעפירט 2 פרויען אין שפיטאל אויף א נערוון אנפאל, איז דער וועג אונטער׳זוכט געווארן פון פאליציי און דעטעקטיוון און זיי האבן קיין שפור ניט געפונען. —

פארנאכט ווען די זון איז שוין געהאט אונטערגעגאנגען און דער הימל האט זיך געפארבט אין פארשידענע קאלערן וועלכע האבן אפגעשלאגן אויף מיין פענסטער, און האבן עס פארוואנדלט ווי עס וואלט זיך געפינען אין א לעגענדאריש שלאס, בין איך געזעסן בא מיר אין צימער און געלעזן די לעצטע נייעס פון „סיבירסקאיא זאריא״ ווי איך דערהער דורך דעם האלב אפען־נעם פענסטער א פרויען שטימע: גוטן אוונט הער אבראמזאן. איך קוק זיך אום און זע פריילין זילבערמינץ. איך בין צו צום פענסטער און איר באגריסט און צו מיין פארוואונדערונג דערזעען א 10 שריט ווייטער פריילין בלומענפעלד. איך האב צו איר געגריסט און זי האט צוריקגעגריסט, אבער איז ניט נענטער צוגעקומען און מיר איז קלאר געווען דאס ניט זי האט געמיינט דא א הערצוקומען נאר פריילין זילבערמינץ.

מ׳זעט אייך גאר ניט הער אבראמזאן דערפאר פארבאגייעענדיק, האב איך זיך דערלויבט צו דערקונדיגן זיך וואס איר מאכט...

איך האב איר געדאנקט פאר די באקימערונג און זי געפרעגט אויב זי וועט דערלויבן, איך זאל איר באגלייטן, ווייל עס פאנגט שוין אן טונקל צו ווערן, אבער אין דעם אמת׳ען, האב איך דאס געוואלט טאן אניוטן צוליב, ווייל זי ניט מער זעענדיק מיט דעם יונגן מאן, האב איך אנגעפאנגען צו גלויבן, דאס זיי האבן קיין שכות איינער צום אנדערן. וואלט פריילין זילבערמינץ געווען אליין געקומען וואלט איך מיט איר פארקניפט א געשפרעך און געזען ארויסצוקריגן, וואס פאר א שכות דער יונגער מאן האט מיט אניוטן, דען זי אלס חבר׳טע ווייס עס פיליכט.

ארויסקומענדיג פאר דער דאטשע, האב איך געדריקט אניוטעס ווייסע הענדטל און געפרעגט אויב זי דערלויבט איך זאל זי באגלייטן. זי האט זיך באדאנקט און טרוקן געענטפערט יא.

אויפן וועג האט פריילין סאפיע מיט מיר פריינטלעך גערעדט און קאקעטיש מיר אין געזיכט געקוקט און איך האב אויפגעכאפט א פארוואורפס בליק פון אניוטן צו איר פריינדען. איר בליק האט געקענט באדייטן: האב שטאלץ סאפיע און קאקעטיר ניט מיט א מאן. ניט דו דארפסט זיין די ערשטע צו האנדלען. צו מיין צופרידענהייט האט סאפיע ניט געוואוינט ווייט פון מיין וואוינונג, האב איך זיך מיט איר געזעגנט פאר איר טיר און די געלעגנהייט באקומען צו גיין אליין מיט אניוטן. איך בין ניט געווען ביים בעסטן מוט וויסענדיג דאס פריילין אניוטא איז גאנץ עגאל אויב איך באגלייט איר אדער נישט דערפאר, בין איך א ווילע געגאנגען אן א ווארט אויסצורעדן און דאן געזאגט:

איך וואלט אייך געראטן פריילין בלומענפעלד, איר זאלט ניט גיין אליין באנאכט צוליב די ארומשטרייפענדע באנדיטן. זי האט געענטפערט:

איך דאנק אייך הער אבראמזאן פאר די ווארנונג, אבער אזוי פרי ווען ס׳איז נאך גרויס דער שפאציר פון די זומער געסט, איז נאך ניט אזוי געפערלעך. איך האב זיך געשיפט צוזאמען מיט פריילין זילבערמינץ. אנ׳אנדערש מאל ווארטן מיך די על־טערן אפ ביים וואסער, אבער היינט זיינען זיי אין שטאדט און קומען ערשט מיטן לעצטן דאמפער. די עלטערן האבן מיר גע־ראטן היינט זיך ניט צו שיפן, אבער איך בין אויף דעם ניט איינ־געגאנגען נאר בלויס צוגעזאגט פרי צוריקצוקומען.

ווי ס׳ווייזט אויס ליבט איר די אנגארא? פריילין בלו־מענפעלד.

יא, די אנגארא האט אויף מיר א גרויסע צוציאונגס קראפט. ווען איך שיף זיך אויפן וואסער און באטראכט די ארו־מיקע געגנט, ווייזט זיך מיר אויס דאס איך געפין זיך אין א צוי־בער וועלט. ווען איך זאל קענען וואלט איך מיר אויפן וואסער א הייזל אויפגעבויט כדי איינצושלאפן אונטער די מוזיק פון די כוואליעס.

איך מיין ליבע פריילין, ווען מען בויט זיך אזא הייזל

אין דער פאנטאזיע, האט עס מער אינטערעס און שיינקייט ווי מ׳וואלט דאס אין דער ווירקלעכקייט געטאן, כאטש איך מוז אנ־ערקענען אז ניט שטענדיק באפרידיקט די פאנטאזיע ווי צ. ב. ש. מ׳זעט שפילן א דראמע אדער מען לעזט א ראמאן, אין וועלכן עס געפינט זיך א פערזאן א ברוטאלער, ער צעשטערט מענטשלעכע לעבענס, אמענדע לויט דעם פערפאסערס פארלאנג, קריגט דער פארברעכער געוויסנביס, וועלכע טרייבן אים צום טויט און פארן שטארבן בעט ער מחילה בא די געליטענע און די פאנטאזיע איז אזא האנדלונג גאנץ שיין און רירענד, אבער זאל מען באטראכ־טען די ווירקלעכקייט פאסירט זעלטן, דאס א מענטש מיט א פער־הארטעוועט הארץ זאל חרטה האבן אויף זיינע טאטן.

איך קען אייך זאגן דאס איך אליין האב שוין אויך פילמאל וועגן דעם געטראכט און איך בין געקומען צום באשלוס: דאס די פארפאסער, וואס רופן ארויס געוויסענביס בא זייערע ברוטאלע העלדן, זיינען ניט אויף אזויפיל באאיוועט כדי צו גלויבן דאס אזוי איז עס אין דער ווירקלעכקייט, נאר ווען זיי טאן דאס פארט איז עס נאר דערפאר, ווייל זיי ווילן די מענטשן אויסבע־סערן, ווייזן זיי, דאס נאך שלעכטע טאטן מוז קומען געוויסענ־ביס און חרטה, כדי זיי זאלן דערשטיקן די שלעכטע זייטן פון לעבן.

דערווייל זיינען מיר צוגעקומען פאר איר וואוינונג און דאס הינדטעלע דערשפירענדיג אניזטן, איז געקומען איר אנטקעגן זיך געלאסטשעט און ארומגעטאנצט ארום איר.

א גוטע נאכט הער אבראמזאן האט פריילין בלומענ־פעלד די ערשטע אויסגעשפראכן... און א הארציקן דאנק פארן באגלייטן.

גוטע נאכט פריילין בלומענפעלד. איר האט מיר ניט פארוואס צו דאנקן. איך וויל אייך דאנקן, וואס איר האט מיר די געלעגנהייט געגעבן מיט אייך געדאנקן אויסצוּוועקסלען. אין דעם מאמענט וואס איך האב איר האנט געהאלטן אין מיינע און געפילט דעם צויבער פון איר שווארצע אויגן, האב איך זיך ביש

געקענט באהערשן, נאר זיך צו איר נענטער צוגעבייגן און איך געוואלט אין געזיכט קושן. זי האט זיך מיט א שנעלע באוועגונג פון מיר ארויסגעריסן זאגענדיג:

וואס טאט זיך מיט אייך און איז אין שטוב אריינגעגאנגען.

כ'בין געבליבן שטיין א פארשעמטער און א פארצווייפלטער. כ'האב זיך געפילט ווי איך וואלט א פאטש אין געזיכט באקומען. איך האב איינגעזעען, באגענען א נארישקייט, און ווען כ'האב זיך א ביסל בארואיקט, איז מיר פארגעקומען דאס אין געגנטייל מיט מיין טאט, האב איך נאך געוויזן דאס איך האב איר ליב און ווען זי זאל מיר זאגאר פיינט האבן, דארף זי דאך איינזעען, דאס איך האב קיין שלעכטס דערמיט ניט געמיינט. אבער דער געדאנק, דאס אפשר דערפאר האט זי מיר א ווידערשטאנד געוויזן, ווייל זי איז שוין פארליבט, האט מיך געצוואונגען זיך צו פאראייניקן מיט איר האנדלונג.

ד. 15=טן יולי.

א טאג נאך מיין אויפטרעטן קעגן פריילין בלומענפעלד, בין איך זעער אומרואיק געווען און באלד פון דער פרי אן ארומגעשטרייפט אין וואלד איך אויסגעמיטן בלומענפעלדס דאטשע... קומענדיק צום ברעג וואו ס'קומען די שיפן פון אירקוטסק מיט פאסאזשירן, האב איך זיך אליין ניט וויסענדיג פארוואס זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן, וואס האבן וועמען דערמאנט צו טרעפן. און האב דערזעען פרל. זילבערמינץ, וועלכע איך האב באגריסט און זיך דערוואוסט, דאס איר מוטער דארף יעטצט קומען פון שטאדט.

אין א ביסל ארום איז דער דאמפער געקומען און צווישן די מענטשן, וואס זיינען ארונטער געקומען אפן ברעג, האב איך דערזעען דעם מאן, וואס האט אין יענעם אוונט מיט אניוטן שפאצירט. מיין הארץ האט גענומען האסטיק קלאפן... ווען ער האט דערזעען פרל. זילבערמינץ, וועלכע ער האט אפשר

געקענט צוליב אניוטען, האט ער זי באגריסט זי אויסגעפרעגט וועגן געזונט און אוועקגעגאנגען.

ס'האט זיך אויסגעוויזן דאס פרוי זילבערמינץ איז ניט געקומען און איך בין מיט פריילין סאפיע צוזאמען געגאנגען צו די דאטשעס.

פרל זילבערמינץ, מיר שיינט דאס דער יונגער מאן, וואס האט אייך באגריסט איז ניט פון אירקוטסק...

ניין, אלעקסאנדער מאסעיעוויטש. דער מאן איז בלו־מענפעלדס א ברודערן זון פון קראסנאיארסק און לויט ווי איך ווייס פון מיין פריינדין אניוטא, איז ער מיט א צייט פריער דאָ געווען צוליב געשעפט, אבער מיינסטענס צוליב דעם, וואס ער ווינשט מיט אניוטן פארלויבט צו ווערן. פאריקעס מאל איז ער באלד אפגעפאָרן, ווייל ער האט א טעלעגראמע באַקומען פון קראסנאיארסק ער זאל אויגענבליקלעך קומען. און יעצט ווי ס'ווייזט אויס איז ער ווידער געקומען א דורכצופירען זיין פאר־לאנג.

ווען מיר זיינען צוגעקומען פאר איר וואוינונג און איך האב זיך מיט איר געזעגנט, האט זי געפרעגט אויב איך האב ניט לוסט נאך א ביסל צו שפאַצירן. איך האב מיך מיט ענשולדיקונג ענטזאגט און זי איז מיט אנ'אומצופרידענע מינע אריין אין דאט־שע.

אין אוונט, כאטש איך האב געקלערט דאס אניוטא וועט צוליב איר קוזין היינט זיך ניט לאדקען און ווען יא געוויס צו־זאַמען מיט אים, דאך בין איך קעגן מיין ווילן צום ברעג געגא־נען און זיך אוועקגעזעצט נאָנט פון דעם אָרט ווי די דאַטשני־קעס'ס לאָדקעס זיינען געווען צוגעבונדן.

אין א ווייל'ע ארום האָב איך געזעען קומען פריילין זילבערמינץ מיט נאך א מיידל און איך האָב פארלאָזט מיין פלאץ... ערשט ווען זיי האבן פון ברעג אפגערודערט האב איך צוריק פארנומען מיין פריערדיקן פלאַץ. ס'האט אנגעפאנגן וואס מער טונקל צו ווערן און איך האָב באשלאָסן אפצופארן נאך אירקוטסק

צו מיינע עלטערן, אבער ביז איך האָב געזוכט מיין באַשלוס א דורכצופירן דערזע איך פריילײן אַניוטא. איך האב איר באגריסט און געבליבן שטיין ווי א זינדיקער נאך מיין טאט פון יענעם אוונט. זי האָט פריינטלעך צוריקגעגריסט, דאכט זיך, פיל פריינט־לעכער ווי ביז יעצט. איך האב באטראַכט איר געזיכט און גע־זעען אז ס׳איז צעפלאמט. אומרואיק און איך האב געקלערט, אז ווען איר קוזין איז נאר וואס געקומען און זי קומט אליין און דער־צו דענערווירט, האָט געמוזט וואס זאנדערבאַרעס פאסירן און דערצו איר פריינטלעכקייט צו מיר, האָט מיר מוט געגעבן איר צו פרעגן:

אויך היינט פריילײן, האט זיך אייך פארבענקט אין דער אנגארא?

יא, הער אבראמזאן!

גלויבט איר ניט פריילײן, אז ס׳וועט זיין צו אנשטרענ־גענט פאר אייך אליין צו רודערן?

כ׳האב מיינע פריינדינס אין דער היים ניט געטראָפן דערפאר בין איך אליין געקומען און וואס אנבעלאנגט וועגן אנ־שטרענגונג, האב איך צופיל ליב דאס וואסער כדי אזא קליי־ניקייט זאל מיך אנשטרענגען.

וואלט איר ניט געוואלט, געערטע פריילײן, מיר דאס פארגניגן פארשאפן און זיך שיפן צוזאמען מיט מיר?

אניוטא האט מיך א ווײלע באטראכט גלייך, ווי זי וואלט זיך געוואלט איבערצייגן אויב ס׳לוינט מיט אזא נאכאל גוטע פריינט צו ווערן און צולעצט געענטפערט:

יא, דאס קענען מיר גוט.

איך האב זיך געפילט אין זיבעטן הימל און פון איר דאס שליסעלע גענומען אויפצושליסן די קייט, מיט וועלכע די לאדקע איז געווען צוגעבונדן. מיינע הענט האבן מיר געציטערט און ס׳איז מיר ניט געלונגן אזוי שנעל דאָס שלאָס אויפצומאכן און איך בין אליין בייז געווארן אויף מיין אומגעלומפערטקייט...

און אַ ביסל אַרום האָבן מיר אָפּגערודערט פון ברעג און די לייכטע כוואלעס האָבן אומגעאַרמט די לאָדקע און באַלד צו־

ריק אָפּגעשפּרונגען, מאַכענדיק פּלאַץ פאַר די פּריש אָנגעקומענע פון די וויאָסלעס געבילדעטע כוואַליעס. איך האָב זיך געפילט גליקלעך ווי נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן און אין דעם מאָמענט אין גאַנצן אָן דעם יונגן מאַן פאַרגעסן... יעדעס מאָל וואָס איך האָב אויף איר געקוקט האָט זי אַ ביסל פאַרשעמט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי מ׳טרעפט דאָס בײַ אומשולדיקע מיידלעך, וועלכע קענען נאָך ניט אַלע געהיימנישן פון לעבן...

דער הימל איז געווען באַדעקט מיט מיליאָנען שטערן און די מיט וואַלד באַוואַקסענע בערגער, פון וועלכעס דאַטשעס פייערלעך האָבן געבלישטשעט, האָט אין די נאַכט טונקלקייט אַזוי לעגענדאַריש אויסגעזען. אַ פאַרביי־פאָרענדער דאַמפער, וועלכער האָט געבילדעט גרויסע כוואַליעס וואָס האָבן צעוויגט די לאָדקע, האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַ שטאַרקן פייף, וועלכער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן צווישן דעם גערויש פון די רודערס פון די פילע לאָדקעס און צווישן די כוואַליעס, וואָס האָבן געזונגען אַ הימן צו דער אייביקער נאַטור.

אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע פון אַ וויאָלין האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן. אַניוטאַ האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ווען דער שפּילן האָט זיך מער ניט געהערט נאָך דער עכאָ האָט דאָס נאָך שוואַך ווידערהאָלט פרעגט מיך אַניוטאַ: ווי געפעלט אייך די סענטימענטאַלע מוזיק?

איך האָב זיך געפילט מער באַוועגט בײַ איר פראַגע ווי צום עקזאַמען אין לערער סעמינאַריום... און געענטפערט: איך בין ניט אנ׳אויסגעשלאָסענער געגנער פון די לייכטערע מוזיק, אָבער אַ גרויסער אנהענגער פון די ערנסטע מוזיק, וואָס האָט אין זיך מער געפיל לאָזט איבער אַ טיפן איינדרוק אין געגנזאַץ צו די לייכטע מוזיק, וואָס באַרוישט נאָר אויף אַ מאָמענט. און איך האָב מיט גרויס נייגעריקייט געוואַרט צו הערן ווי קוקט זי אויף די ערנסטע מוזיק, אַ בורזשואַזנע טאָכטער... און זי האָט מיר צו מיין איבעראַשונג געענטפערט.

דערמיט האָט איר רעכט, הער אַבראַמזאָן איך אַליין

כאָטש איך בין אויפגעצויגן אין רייכקייט... דאָך קען איך ניט פאַרטראָגן די לייכטע מוזיק, אין וועלכע ס׳הערט זיך טיילמאָל דאָס קלינגן פון שאַמפּאַניער גלעזער דאָס טאַנצן פון פריילעכע פּאָרלעך דאָס קאָקעטישע געלעכטער פון פרויען. די אַרט מוזיק לאָזט אויף מיר איבער אַ פּוסטקייט. דאקעגן די ערנסטע, סענטי־מענטאַלע מוזיק וועקט און אפעלירט צו די בעסערע געפילן פון מענטשן אין לאָזט איבער אַנ׳איינדרוק וועלכן איר וועט אַזוי שנעל ניט פאַרגעסן.

ווען איך האָב געזאָגט, ליבע פריילײן, דאָס איך בין ניט אַ געגנער אויך פון די לוסטיקע מוזיק זיינען אבער פארהאן אין מענטשלעכן לעבן מאָמענטן אין וועלכע מען נייטיקט זיך אין דעם לייכטן. זי האָט געענטפערט:

איך פאַרשטיי אייך גוט הער אַבראַמזאָן...

באַלד האָט מיך געוואָלטיק פאַרדראָסן פאַר מיינע לע־צטע ווערטער, וואָס האָבן אויסגעזעען ווי איך קלאָג זיך אויף מיין גורל און דו ווייסט ל. חבר דאָס איך בין צו שטאָלץ כּדי זיך צו קלאָגן. איך האָב שוין אָבער ניט געקענט צוריקכאַפּן די אַרויסגעזאָגטע אומבאַרעכנטע ווערטער. און ווי ס׳ווייזט אויס האָט אַניוטאַ אויך געוואָלט איך זאָל זי פאַרשטיין און האָט פאָרט־געזעצט:

לויט ווי איך האָב שוין פריער דערקלערט; דאָס כאָטש איך בין אַ רייכנס טאָכטער, וואָס פון מיין קינדהייט אָן האָב איך געזעען אַרום מיר בלויס זאַטע און צופרידענע מענטשן, דאָך ווען כ׳בין צום שכל געקומען און זיך גענומען צוקוקן צום גייס־טיקן לעבן פון מיין סוחר׳ישן קלאַס, האָב איך אײנגעזעען, אַז דאָס זיינען מענטשן מיט טרוקענע, קרעמערישע נשמות די גרעסטע צאָל מענטשן וואָס באַזוכן מיין פאָטער, ריידן נאָר פון געשעפט און געלט שפּעקולאַציעס און קיינמאָל ניט וועגן ליטע־ראַטור אָדער מוזיק און טרעפט שוין יאַ אַ זעלטן מאָל זיי באַרירן די קונסט, ריידן זיי נאָר פון קאַבאַרעט קונסט און אַנדערע שונד... געוויינטלעך קען מען טרעפן אויך צווישן קרעמער

אויסנאַמען אָבער ניט אָפּט. און מענטשן מיט געפילן פאַר דאָס עסטעטישע קען מען נאָר געפינען צווישן די אָרימע אינטעלי־גענטע קלאַס, און טיילמאָל אויך צווישן אַרבעטער.

דו וועסט מיר גלויבן ליבער חבר, וואָס פאַר אַנ׳אייג־דרוק אירע ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט. נאָך מער, ווייל איך האָב ניט געגלויבט, אַז אַ רייכנס טאָכטער קען זיין פון אַזאַ אנשויאונג, כאָטש איך האָב געדענקט אין ווירא זאסוליטש, קאַ־טאַרינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ, מאריא ספירידאנאווא, סאפיע פעראווס־קאַיאַ און נאָך איינצעלנע וואָס אייניקע האָבן זאָגאר געשטאַמט פון אַדעל, דאַך איז דאָס געווען זעלטענהייטן. איך האָב פאַר באַגייסטערונג איר האַנט געדריקט מיט די ווערטער:

איך שעץ זיך גליקלעך געערטע פריילין, וואָס דער צופאַל האָט מיך מיט אייך צוזאַמענגעפירט און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, דאָס כ׳האָב ניט געגלויבט אַזעלכע ווערטער צו הערן פון אַ רייכע פריילין. יעצט זע איך ווי גרויס ס׳איז אייער ענערגי און ווי טיף אייער גייסט, אַז דאָס געלט האָט ניט די מאַכט געהאַט פון אייך צו רויבן דאָס אידעאַלע און ערהוי־בענע אין לעבן.

זיך אַזוי פאַרעדענדיג האָט דער שטראָם גאַנץ ווייט אונ־זער שיפל אַוועקגעפירט. מיר זיינען שוין געווען כמעט העלפט וועגס פון דאָרף מיכאילאווסקאיע. פון ברעג האָט זיך דערהערט שפילן א האַרמאָניע „בראַדיאגא באיקאלו פערעיעכאל" און דאָס בילן פון אַ הונט.

ס׳איז שוין צייט צוריק צופאָרן הער אַבראַמזאָן, מיינע עלטערן וועלן זיין באַקימערט וועגן מיר.

איך האָב גענומען רודערן אויף צוריק זיך האלטענדיג צום לינקן ברעג, פון וועלכן די וואַלד באַוואַקסענע בערגער האבן זיך צוזאַמענגעגאסן אין א שוואַרצן קאַלאס. הארט לעבן אונדז איז פאַרבייגעשווימען א לאדקע, פון וועלכע ס׳האט זיך געהערט א לייכטע שטימע זינגן „פאַטשעמו יאַ וועסך זאביוואיו טאלקא טע־בע אדנאווא זאַביט ניע מאגו" (פארוואס פארגעס איך אלע נאר

דיך אליין קען איך ניט פארגעסן) און די לייכט רוישענדע כוואַ־לעס האבן איר אקאמפאגנירט.

נאנט פון זוויעזדאטשקא האָבן זיך שוין געזעען די ליכט פון די דאטשעס און דער עכאָ האָט ווידערהאלט פון ערגעץ דאס וויינען פון אַ קינד. זיך רעכענענדיג דערמיט, דאס אויפן ברעג קען זי ווער אפווארטן און איך וועל מער מיט איר ניט קענען ריידן, האב איך זיך גענומען דרייסט און דאך מיט אַ ציטערנדעקע שטימע געפרעגט:

ווילט איר מיר ניט געערטע פריילין די ערע פאַרשאַפן און זיך מיט מיר מאָרגן ווידער טרעפן? אניוטא האט מיך אַ ווײַלע דורכדרינגנט באטראכט דאַן האָט זי אַ ביסל געזינקן די אויגן און געזאָגט:

יאַ, דאָס קענען מיר.

באַשטימט וואו, געערטע פריילין.

ס׳קען זיין אין 8 אָוונט אַ שטיקל נאָך מיין דאַטשע.

איך האָב געדריקט איר האַנט פאַר דאַנקבאַרקייט און זי פאַרזיכערט, דאָס איך וועל וויסן ווי איר פריינדשאַפט צו שעצן.

דערווייל זיינען מיר געקומען צום ברעג איך האָב די לאָדקע צוריק אָפּגעבונדן און איר געהאָלפן אַראָפּ גיין. און הער בלומענפעלד צוזאַמען מיט איר קוזין זיינען צוגעקומען. איך האָב זיי באַגריסט זיי האָבן צוריקגעגריסט און דער יונגער מאַן האָט מיר צוגעוואָרפן אַניט פריינטלאַכן בליק און ווען כ׳זאָל זאָגן, דאָס איך האָב אים פריינטלעך באטראכט וואָלט איך געווען אַ ליגנער...

איך האָב פארשטאנען דאָס די צוויי מענער וועלן ניט אַ גרויסן פרייז זעטצן אויף מיין געזעלשאפט, האָב איך מיך מיט זיי געזעגנט באזונדערס מיט פריילין אניוטא און איר געדאנקט פאר די אנגענעמע געזעלשאפט און אויך זי האט מיר צוריקגעדאַ־נקט און איר קוזין האט אויף איר אויסגעשטעלט ברוגז׳דיקע אויגן.

ווען כ׳בין אין מיין צימער געקומען, האב איך דעם לאמפ ניט אנגעצונדן, אין דער פינצטער איז מיר אנגענעמער געווען

און אויך לייכטער ארויסצורופן די בילדער פון די שטונדן צוזאמען זיין מיט איר. איך האב געזעען דאס אניוטע איז ניט נתפעל גע־ווארן, אז איר קוזין האט מיך געזעען מיט איר איז דאך א בעוויי, אז זי האלט ניט פון אים ווי איך האב זיך פארגעשטעלט, אבער דאך האב איך ניט געוואוסט וואס ס׳קען זיך נאך אנטוויקלן צווישן זיי. נאר ערשט אין שלאף ווען די פאנטאזיע האט איבער־געריסן מיט דער ווירקלעכקייט, האב איך איבערגעלעבט גליק־ליכע מינוטן.

ד. 17־טן יולי.

דעם טאָג וואָס איך האָב געוואוסט, אַז איך דארף זיך אין אוונט ווידער טרעפן מיט אניוטן האָט מיך אשטארקע גליקזע־ליקייט באצוואונגן אין אנ׳אנגענעמע אומרו און דער טאָג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, איז דער לענגסטער אין מיין לעבן. און ווען די פריידע האָט מיך אביסל אָבגעלאָזט, האב איך גענומען קלערן אפשר וועט זי ניט קומען. ניט ווייל איך האָב געצווייפלט אין איר צוזאָג, נאָר איך האָב זיך גערעכנט אפשר וועלן די על־טערן איר שטערן היינט די שטוב צו פארלאָזן און אפשר וועט איר אויסקומען צו פארברייינגן מיט איר קוזין. און די אומוויסנ־הייט האָט מיר דעם טאָג נאָך פארלענגערט.

איך האָב זיך אויפן דיוואן געלייגט ווילענדיג דעם טאָג פארקירצערן מיט אָפשלאָפן עטלעכע שטונדן, אָבער אין קיינפאל האָט קיין שלאָף ניט גענומען. נאָכמיטאָג האָט זיך באוויזן א גרוי וואָלקענדל איבערן הימל און דאָס האָט מיך שרעקן געמאכט, אז א רעגן וועט צושטערן מיין טרעפן זיך מיט אניוטן. אָבער אייג־ציקווייז האָט דער וואָלקן גענומען צוריק אָפטרעטן און דערמיט אויך מיין באקימערונג.

עטוואָס פאָר 8 אין אָוונט האָב איך זיך שוין געפינען נאָנט פון איר דאטשע און געוועזן געשפאנט אויב זי וועט קענען קומען אָדער ניט. און יעדער דורכגייער, האָט מיר אויסגעוויזן ווייס אויף וועמען איך ווארט.

פרעציז 8 האָב איך, איר געזעען פארלאָזן די דאטשע באגלייט פון הינדטל, וועלכעס אניוטע האָט צוריק אריינגעיאָגט. און איך האָב געקענט הערן דעם טיק טאק פון מיין האַרץ. איך בין איר אנטקעגן געגאנגען און זי באגריסט. זי האָט פריינטלעך צוריקגעגריסט, זאָגענדיק:

איר הער אבראמזאָן, זענט פרעציז.
דאָסזעלבע גילט אייך, פריילין בלומענפעלד.

וואו אהין גיין מיר? פרעגט זי.

וואו איר וועט באשטימען, פריילין בלומענפעלד.

זאל זיין אויפן אירקוטסקער וועג, ווייל ער איז אזוי אידיליש צוליב דעם וואס ער איז איינגערעמט צווישן די טאיגא.

אויך מיר, ליבע פריילין, געפעלט דער פרימיטיווער וועג, כאטש ער איז ניט אזוי באקוועם ווי דער ברוקירטער, אבער ער האט אין זיך א שיינהייט, וואס מען קען עס מער פילן ווי זעען.

יא, הער אבראמזאן, איבעראל, ווי די פרימיטיוויטעס ווערט דערשטאטעט פון די קולטור, פארלירט די פאעזיע.

אזוי זיך פארעדענדיק זיינען מיר שוין געווען אויפן אירקוטסקער לאנדוועג, אבער עטלעכע פורן האבן אויפגערודערט דעם שטויב און אניוטא האט פארגעשלאגן מיר זאלן גיין איבערן וואלד, אבער אין א פאראלעל ליניע מיטן וועג, ווייל ס׳איז לייכט צו פארבלאנזשען אין דעם גרעניטצלאזן וואלד.

אזוי אפגייענדיק אומגעפער א וויארסט וועגס זיינען מיר געקומען צו א שטיקל פעלד אין וואלד, וואס האט געהאט א קליין, זומפיק מיט גרינע באגנע באדעקט וואסערל. אניוטא האט זיך אפגעשטעלט און דאס מיט פריידע באטראכט זאגענדיג:

זעט ווי שיין דאס וואסערל איז, ווייל ס׳האט קרומע ברעגן ניט ווי א קונסטיק וואסערל וואס האט ברעגן גלייכע ווי ליניען און אויסבריקירט מיט שטיינער. די נאטור שאפט צעווארפן נאר מענטשן, וואס זוכן ארדענונג ארייננצוברייננגן אין דער נאטור, רואינירן די שיינע שטימונגן.

מיר האבן ווייטער געוואנדערט אין וואלד אין וועלכן ס'האט געהערשט שטילקייט, איינזאמקייט, וואס האט אזויגוט הארמאנירט צו מיין פארליבטקייט. קומענדיג אויף אנ'ארט וואו ס'איז געווען הויך גראז האב איך פארגעשלאגן מיר זאלן זיך זעצן, ווייל זי איז אודאי מיד גייענדיג. און זי האט מיר געענטפערט:

ווען איך געפין זיך אין די שויס פון נאטור, נעמט מיך ניט קיין מידעקייט, דאך האט זי זיך אוועקגעזעצט און איך נעבן איר.

האָט איר געלעזן הער אַבראַמזאָן, סידאראוויס לעטצטע דערצעלונג? „אויף די בערגער״?

יאָ, פריילײן בלומענפעלד.

געפעלט אייך זיין שאפונג?

יא, פריילײן, ער צייכנט גאַנץ גוט די פרימיטיווע טיפּן ער פאַרשטייט גוט ווי אַזעלכע פּערזאָנען רעאַגירן איבער געשעענישן, וואָס רינגלען זיי אַרום. אָבער ער שילדערט אַלעס צו געגוי צופיל אָפען און לאָזט גאָר ניט איבער פאַרן לעזער אַליין נאָכצודענקען.

די אייגענשאַפט האָט א חסרון, אָבער אויך אַ מעלה. פאַרשטייט זיך, אַז דער קולטיווירטער לעזער פאַרלאנגט פון פארפאסער, ער זאָל געבן ניט אין גאנצן פערטיקע שטאָף, כדי ער זאָל זיי קענען אליין אויספערטיקן, אָבער דער פּראָסטער לעזער, וואָס פארשטייט ניט פון צווישן די שרות, איז צופרידן מיט סידאראוויס געגויקייט און שילדערן, ענטפערט מיר אניוטא.

איך מיין, געערטע פריילײן, דאָס אנדערע שרייבער קלערן גאָר ניט וועגן גייסטיקן אונטערשיד צווישן לעזער נאָר זיי טאן זיך אליין איבערשעצן, גלויבענדיג דאָס ווען זיי וועלן ניט אלעס געגוי ארויסשרייבן, וועט דער לעזער, ווי אנטוויקלט ער זאָל ניט זיין, גאָר ניט קענען באגרייפן זייערע געדאנקען.

געוויינטלעך געפינט זיך עגאָאיזם בא אלע קלאסן מענטשן, דער אונטערשיד איז נאָר דער, וואָס דער עגאָאיזם פון א גרויסן מענטשן קען א מאל נוצן ברייגגן... אין דער צייט

וואס דעם קליין מענטשעלעס עגאאיזם ברייגגט אלע מאל שאדן, ענטפערט אניוטא.

וואס מער איך בין געזעסן צוזאמען מיט אניוטען, דאס מער האב איך געפילט די ווירקונג, וואס איר איידל ווען האט איבער מיר איבערהויפט, ווען זי האט גערעדט וועגן גייסטיקעס, האט זי גערעדט מיט אזא ערנסט מיט אזא באגייסטערונג, דאס מען האט געמוזט איר רעספעקטירן דערפאר. גלייכצייטיק האב איך געפילט דאס יעצט איז געקומען דער מאמנט, די געלעגנ־הייט, פאר איר מיינע געפילן צו אנטדעקן און וואס איך האב געוואלט פאר איר מיין הארץ עפענען, האב איך זיך דערפאר געשראקען... די אירקוטסקער קירכע זייגערס האבן געשלאגן 9 עס איז שוין פינצטער געווארן איבערהויפט אין וואלד צווישן די געדיכטע בוימער. איך האב זיך צו איר נענטער צוגערוקט און אומגערן מיט די האנט באריהרט איר געפארמטע ברוסט אויף איר געזיכט איז א רויטלעכע פארב ארויסגעטרעטן. איך האב גענומען איר האנט, וואס האט לייכט געציטערט און געזאגט:

געערטע פריילין בלומענפעלד איך ליב אייך. און דערביי געקישט איר האנט, וועלכע זי האט ניט ארויסגעריסן, האב איך מוט באקומען און געקישט אין געזיכט. אניוטא האט זיך אויפגעכאפט פון איר פלאץ און איז מיט אראפגעלאזטן קאפ אפגע־גאנגען עטלעכע טריט און זיך אפגעשטעלט בא א בוים אין וועלכן זי האט אפגעלענט דעם קאפ. מיט די הענט האט זי צוגעדריקט די אויגן און איר ברוסט האט זיך האסטיק באוואויגן.

כ׳בין געבליבן שטיין ווי א צעמישטער ניט וויסענדיג אין ערשטן אויגענבליק וואס פארצונעמען, אבער באלד האט מיך געפייניקט דער געדאנק, דאס אניוטא וויל אודאי ניט מיר געהערן. אויך אין מיין הארץ איז פארגעגאנגען א קאמף צו זאל איך צו איר צו און ווידער וועגן מיין ליבע ריידן אדער צוווארטן און זען, וואס זי וועט פארנעמען. דאך האט מיין שטארקע ליבע באזיגט מיין וואקלדיקייט, אבער ניט אין גאנצען מיין שטאלץ. איך בין צו איר צוגעגאנגען שוין ניט מיט דעם מוט וואס פריער זאגענדיג:

ליבע פריילין, ווען איר קענט מיך ניט ליבען, אזוי ווי איך אייך, האב איך צו אייך גאר ניט. מיט גוואלט וויל איך ניט אייער ליבע ארויסרופן אין דער צייט ווען איר פילט דאס ניט פרייוויליג. א געצוואונגענע ליבע איז א ווייניק דויערהאפטע און איז פריי פון יעדן פונק פאָעזיע. איך בין געבליבן שטיין און באטראכט איר יעדע באוועגונג. אבער אין דעם אויגענבליק איז געשעען וואס אומערווארטעטעס, אניוטא האט אויף מיר געווארפן א בליק פול מיט צערטלעכקייט. זי איז צו מיר נענטער צוגעגאנגען, גענומען מיין האנט און איר קאפ אנגעלענט אויף מיין ברוסט, זאגענדיג מיט א באוועגטע שטימע:

איך ליב אייך אלעקסאנדער מאסעיעוויטש. איר זענט אנ׳אידעאלער מאן וואס איך האב ניט באגעגנט צווישן די קרעמערישע נשמות.

ווער קען, ליבער חבר, איבערגעבן דעם גליק, וואס האט אנגעפילט מיין גאנץ וועזן. דאס איז געווען דער העכסטער, ערהויבענסטער מאמענט אין מיין לעבען. איך האב זיך געטאפט די אויגן כדי זיך איבערצוצייגן אויב איך בין וואך, ווייל ניט איינמאל האבן מיר מיינע חלומות געמאלט ענלעכע בילדער, אבער דאסמאל האב איך זיך איבערצייגט דאס ס׳איז ווירקלעכקייט. איך האב געפילט איר שיינעם קאפ אויף מיין ברוסט אויף אירע דינע, ראזע ליפן, האבן נאך געשוועבט די ווערטער; „איך ליב אייך אלעקסאנדער מאסעיעוויטש״. מיט מיינע ליפן האב איך געזוכט איר קליין מויל, וועלכעס איך האב געקישט און א ווײלע געבליבן אזוי שטיין ווי פארגליווערט. זי האט מער ניט פראטעסטירט כ׳האב נאר געפילט ווי א ציטער איז א דורך איבער איר וועזן. און זי האט ענדלעך געזאגט:

אלעקסאנדער מאסעיעוויטש, זאלן מיר אפשר צוריקגיין ס׳ווערט שפעט און מיינע עלטערן וועלן זיך איבער מיר באקימערן.

יא׳ פריילין אניוטא, דאס קענען מיר.

נו, נו, אלעקסאנדער מאסעיעוויטש, האט אניוטא מיר געדראעט מיטן פינגער רופט מיך ניט פריילין, נאר גאנץ איינ=

פאך אן טיטולן, אניוטא.

איך בין אייניג געווארן מיט איר און פארלאנגט זי זאל מיר זאגן דו און זי האט אויך דאסזעלבע פארלאנגט. און יעצט האב איך מיך ערשט ריכטיג געפילט נאנט מיט איר, ווען דער איר איז אוועקגעפאלן.

מיר זיינען צוריק ארויס אויפן וועג און געארמט צוריק־געגאַנגען נאך זוויעזדאטשקא. א ווייל זיינען מיר געגאנגען שטיל און זיך נאר צוגעהערט צו די שטימען פון אונזערע הערצער און אניוטא האט די ערשטע געבראכן די שטילקייט זאגענדיג:

אלעקסאנדער מאסעיעוויטש פון מיין פריינדין סאפיע ווייס איך; דאס דו האסט זיך נאכגעפרעגט וועגן מיין קוזין און יעצט ווען מיר זיינען נאנט געווארן איינער דעם אנדערן, וויל איך דיר איבערגעבן, וואס ס׳איז פארגעגאנגען צווישן מיר און אים.

מיין ליבע צו אניוטען האט מיך געהאט אזוי פאר׳שכורט, אז איך האב אין דעם אויגענבליק געהאט פארגעסן און איר קו־זין מיין ריוואל, אבער ווען אניוטא האט אים דערמאנט, האט מיר געגעבן א שטאך אין הארצן. כ׳האב אניוטעס ארם פעסטער גע־דריקט צו זיך, גלייך ווי איך וואלט מורא האבן, אז ס׳וועט זי ווער פון מיר אוועקנעמען און ניט מיט ווייניק שפאנונג געווען גרייט צו הערען, וואס אניוטא וועט איבערגעבן. און זי האט אנ־געפאנגען:

מיין קוזין איז ספעציעל געקומען פון קראסנאיארסק, מיט מיר פארלויבט צו ווערן, און רעדענדיק מיט אים, איז מיר באלד קלאר געווארן, דאס זיין העכסטער אידעאל אין לעבען איז געלט. קיין אינטערעס אדער געפיל פאר קונסט און ליטעראטור איז בא אים פארהאן און ריידענדיג מיט מיר וועגן פארלויבונג האט ער עס געזאגט מיט אזא טאן, גלייך ווי ס׳וואלט זיך גע־געהאנדלט אין קויפן א פארטיע סחורה און ער ווייס דאס ער האט די מעגלעכקייט דאס צו קויפן. איך האב איינגעזעען דאס זיך צו פארבינדן מיט אזא פראזאאישן מענטשן וואלט מיין גייסט געוועלקט. מיינע עלטערן צווינגען מיך זאגאר ניט, אז איך מוז

הייראַטן מיט וועמען זיי ווילן, אבער דאך האבן זיי מיך זעער שטארק צוגערעדט מיט אים פארלויבט צו ווערן, איבערהויפּט מיין פאטער, וואס זוכט אין אים מער ניט ווי דעם סוחר... איז פון אים שטארק צופרידן. איך האב מיינע עלטערן דערקלערט; דאס איך אייגן מיך ניט צו זיין די פרוי פון א מאן מיט א טרוקענע קרעמער-נשמה.

אין דעם אוונט לויט ווי איך ווייס פון מיין פריינדין, דאס דו האסט אים געזעען קומען און א ביסל שפּעטער, בין איך אַליין צום וואסער געקומען, איז ער געקומען מיט אַ קאָסטבאַרן ארמבאַנד פאַר מיר און געגלויבט דאס מיט דעם האָט ער מיך שוין אָפּגעקויפט און געזעען ווי שוואַך ער האָט מיך כאַראַקטעריזירט. ער האָט מיר געגלאַנגט דעם פּרעזענט און ווידער מיר זיין ליבע דערקלערט און מיט אַזאַ זיכערקייט אין טאָן, גלייך ווי יעצט, האָט ער מער ניט געצווייפלט, אַז איך וועל באַשטיין. איך האָב זיין געשאַנק ניט צוגענומען און אים דערקלערט זיין טעות, ווען ער מיינט דאָס אַ פּרעזענט קען באַווירקן מיין צושטימונג און אים פאַרזיכערט, דאָס קיינמאָל וועל איך מיט אים ניט הייראַטן. ער איז בייז געוואָרן און אויסגעשריגן:

דו אַניוטאַ רעדסט ווי אַ בהמה...

אַ ביסל שפּעטער ווען ער האָט באַמערקט, דאָס איך זאָג ניט דו צו אונזער דינסט און רעדט צו איר פריינטלאַך האָט ער באַמערקט:

איך וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט, דאָס דו אַניוטאַ באַזיטצסט אַזוי ווייניק ערענגעפיל און רעדסט צו אַ דינסט ווי צו דיינע אַ פריינדין און זאָגסט איר ניט דו, נאָר איר.

כ'האָב אים געענטפערט, אַז איך נויטיק זיך ניט אין זיין באַלערונג ווי אַזוי איך זאָל באַהאַנדלן מענטשן און אים דערקלערט דאָס אַ דינסט איז אויך אַ מענטש. ער האָט מיר געענטפערט:

דו, אַניוטאַ, ביסט אַ סאָציאַליסטקע, מעגסט דיך שעמען, דו פאַרשאַפסט זיכער דיינע עלטערן שאַנדע מיט דיין משוגע

אויפפירן זיך.

מיין ענטפער איז געווען, וואָס כ׳האָב אים איבערגעלאָזט און געגאַנגען צו די אנגארא, וואו איך האָב דיך באַגעגנט. און צוריקקומענדיג אַהיים אונטער די באַגלייטונג פון מיין פאָטער און קוזין, האָט ער מיר אויסגערעדט מיין לייכטזיניקייט, וואָס איך שיף זיך מיטן ערשטן בעסטן יונגען מאַן. און דאָך ווידער מיך געפרעגט אויב איך וויל זיין כלה ווערן. איך האָב אים געענט־פערט:

אויך יעצט ווילכט דו מיך פאַר אַ כלה, ווען דו ווייסט שוין, אַז איך בין לייכטזיניק און ווי דו האָסט פריער געזאָגט, האָב איך ווייניק ערענגעפיל.

מיר וועלן חתונה האָבן, גלויב איך, וועסט דו באַ מיר אַנ׳אַנדערער מענטש ווערען...

איך האָב אים דערקלערט דאָס טאַקע דערפאַר וויל איך אים ניט, אַז איך זאָל ניט דאַרפן אַנ׳אַנדערער מענטש צו ווערען... און ער האָט מיר געענטפערט:

ווען מען איז אַזוי רייך ווי איך, ברויך מען זיך באַ אַ מיידל ניט צו בעטן. איך האָב געזעען דו ביסט נאָך יונג, דיר פעלט נאָך שכל, האָב איך פשוט געוואָלט דיר אַ טובה טאָן און מיט דיר הייראַטן און צו זעען פון דיר אַ לייט צו מאַכן.

איך האָב אים דערקלערט דאָס איך זעע איין, דאָס עס נוצט ניט מיט אים פיל צו ריידן, ווייל אלעס וואָס האָט ניט צו טאָן מיט געשעפט קען ער שווער באגרייפן, ער האָט זיך ריכטיק דערבייזערט, וואָס איך א נארישע מיידל, דערלויב זיך אים צו קריטיקירן און ער האָט אויגענבליקליך אונזער הויז פארלאָזט און אויסגעשריגן:

וועסט זעען נארישע גאנז דו וועסט דיך נאָך בא מיר בעטן.

מיינע עלטערן האָבן צו מיר געזאָגט, כאטש דו קענסט אליין, אניוטא, טרעפן דיין וואל, דאך גלויבן מיר, דאס דו ביסט א גרויסן פעלער באגאנגען צו פארשטויסן אזא לייטישן קויפמאן

ווי דיין קוזין, און האבן מיך פארזיכערט, דאס מיינע פאנטא־
זיעס וועלן מיר קיין גוטעס ניט ברייגנען.

נאָר זייט איך האָב, אלעקסאנדער מאָסעיעוויטש, ריכטיק דיין גייסט דערקענט, האָב איך דיך איינציגווייז אָנעפאַנגען ליב צו קריגן, כאָטש איך האָב געקעמפט דיר דאָס ניט אַרויסצוווייזן.

און איך האָב דיך אַניוטאַ ליב געקראָגן זייט דאָס ערש־ טע מאָל וואָס איך האָב דיך אין אוסאָליע באַגעגנט.

און דיין קומען נאָך זוויעזדאָטשקאַ וואָס האָט באַטיי־ טעט? האָט זי מיך געפרעגט מיט די נייגעריקייט וואָס ס׳בעזיצט יעדע פרוי סיי אַ געבילדעטע סיי אַ פּראָסטע.

ספּעציעל צוליב דיר מיין אַניוטאַ. האָב איך געענטפערט.

כ׳דאַנק דיר ליבער אַלעקסאַנדער פאַר דיין טריישאַפט און האָט מיין האַנט געדריקט.

און איך דאַנק דיר טיירע, וואָס דו האָסט מיר דיין האַרץ געשענקט.

דערוויל איז שוין רעכט פינצטער געוואָרן. דער הימל איז פאַרכמארעט געוואָרן און ניט אַ דורכגעלאָזט קיין איין שטע־ רענדל און די בוימער פון ביידע זייטן וואַלד האָבן נאָך מער פינצטערניש צוגעגעבן, אָבער גייענדיק מיט אַניוטן אונטערן אָרים, האָט מיר אויסגעוויזן דאָס די גאַנצע אומגעבונג האַרמאָנירט פאַר ליבענדע הערצער און כ׳האָב מיך פאַרזיכערט ווען מיר זאָלן באַפאַלן ווערן פון באַנדיטן איבערהויפּט ווען אניוטן זאָל דראָען אַ געפאר וואָלט איך אַחוץ דעם וואָס איך בין אַ קליינער העלד און באַנוצן די פיזישע מאַכט קעגן אַנדערע, געקענט 10 מאַן באַזיגן...

ס׳האָט זיך דערהערט פון דערווייטנס אַ קנאַלן מיט אַ בייטש און דער גערויש פון אַ וואָגן, וואָס האָט זיך דערנענטערט. מיר זיינען אַראָפּ פון וועג, און אָפּגעוואַרט. ס׳איז פאַרבייגעפאָרן אַ פור באַזעצט מיט מענטשן, וועלכעס געזיכטער מען האָט ניט געזען אין טונקעלקייט, נאָר ס׳האָבן זיך געהערט פריילעכע גע־ לעכטערס פון מענער און פרויען. מיר זיינען צוריק אַרויף אויפן וועג דער גערויש פון וואָגן האָט זיך שנעל פאַרלוירן אין טיפן

שטויב פון וועג, נאָר דאָס קנאַלן פון די בייטש האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געהערט.

ווען ס'האָט זיך געזעגן די ליכט פון אַניוטעס דאַטשע האָט זי אויסגעשפּראָכן:

— אַך ווי שנעל איז דער וועג פאַרשוואונדן. —

— יאָ. ליבע אַניוטאַ, די אנגענעמע צײַט פאַרשווינדט שטענדיג שנעל.

פאַר איר דאַטשע האָבן מיר זיך הערצלעך געזעגנט זיך פאַרזיכערט אין אייביקע, טרייע ליבע און זיך באַשלאָסן ווען ווידער צו טרעפן. און בין אַ פרייליכער צו מיין וואוינונג געגאַנגען.

ליגענדיג אויף מיין געלעגער האָב איך קיין שלאָף ניט געפילט. מיין האַרץ איז געווען באַהערשט פון די געפילן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון דעם פּאַר מיר אַזוי גליקלעכן אָוונט, אַלע אירע ווערטער, האָבן ווי די שענסטע מוזיק אין מיינע אויערן געקלונגען. איך בין באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ פריידע, דאָס איך וואָלט גערן געווען אַראָפּ פון בעט און גענומען אַרומטאַנצן אין שטוב, ווען ס'זאָל מיר ניט געווען געקומען אַ געדאַנק, אַז מען קען מיך אָפּפירן אין אַ משוגע'אים-הויז. אַניוטעס קוזין, וועלכן איך האָב פריער פיינט געהאַט, ווייל איך האָב געגלויבט, דאָס ער וועט איר חתן ווערן, האָב איך יעצט געפילט פאַר אים אַ אינערלעכע דאַנקבאַרקייט, וואָס ער באַזיצט ניט די מעלות וואָס אניוטא זוכט אין אַ מאַן. ווען איך זאָל אים געווען אנקריגן, וואָלט איך אים זיכער געווען אויפן האַלדז געפאַלן, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער וואָלט מיך פאַר אַנ'אידיאָט באַטראַכט.

דערהערענדיג אין אַ שטונדע שפּעטער דעם אַלטן קירילאָוו גיין הין און צוריק פאַר די דאַטשע, בין איך אַראָפּ פון בעט און אויפגעמאַכט דעם פענצטער רופענדיק: קירילאָוו קומט נאָר. ער איז צוגעקומען און געגריסט.

— וועט איר מאַכן אַ שנאַפּס קירילאָוו? פרעג איך.

— מיט פאַרגניגן. ענטפערט ער.

איך האָב פון שענקל אַרויסגענומען אַ פלעשיל שנאַפּס

אײַנגעגאָסן צוויי גלעזלעך און מיר האָבן געטרינקן „נאַ זדאָראָוויע״ פון מײַן שאַכטל אײַגענגעמאַכטע פּאַפּיראָסן, האָב איך אַרויסגענומען אַ פּולע האַנט און אים געגעבן. דער אָרימער קירילאָוו האָט פאַרשטייט זיך ניט געוואוסט, אַז מײַן פּלוצלינגע מילדקייט אין מיטן דער נאַכט, האָט ניט מיט משוגע׳ת צו טאָן... ער האָט אַלעס צוגענומען און מיך פאַרוואונדערט און מיטליידיק באַטראַכט ווי אַ מענטשן, וואָס איז פּלוצלינג פון זינען גערירט געוואָרן, ער האָט זיך טיף פאַרנייגט און דאסמאָל האָב איך אויף אַנ׳ערנסט געהאַסט געלט וואָס האָט אַזאַ מאַכט צו בויגן אַנ׳אַלטן מאַן, פאַר אַ יונגן מענטשן ווי איך.

איך האָב צוריק דאָס פענצטער פאַרמאַכט און אפן געלעגער געגאַנגען און איך האָב זיך פּשוט געפרייט, וואָס די ווייטערע געדאַנקען וועגן ליבע האָבן מיך ניט שלאָפן געלאָזט, אין דער צײַט וואָס דער אַלטער קירילאָוו איז וואַך... דער רעגן וואָס האָט זיך לאַנג געקליבן האָט גענומען קלאַפּן אין פענצטער און אויפן דאַך. קירילאָוון האָב איך מער ניט געהערט גיין נאָר זײַן אָפּט הוסטן האָט געוויזן, דאָס ער שטייט ווי נאָנט אונטערן דאַך.

אמענדע, האָט פאָרט דער שלאָף, וועלכן דער נאַכטוועכטער האָט געמוזט מיט געוואַלט באַקעמפן, מיך אין זײַן קעניגרײַך אַרײַנגעצויגן.

ד. 19=טן יולי.

ליבער חבר! איך האָב זיך אין די לעצטע טעג אַזוי פאַרטיפט אין מײַן אייגן גליק, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אַז איך געפין זיך אין סיביר, אָבער דאס האָט מיך די פאָריקע נאַכט דערמאָנט דער סיבירער „טאָרקוואמעדאַ״ דער זשאַנדאַרן פּאָלקאָווניק גאוורילאוו, וועמענס קאנצעלאריע אויף ארסענאלסקאיא, איז א געטרייע קאָפּיע פון דער אַמאָליקער שפּאנישער אינקוויזיציע. הער ווי ס׳איז צוגעגאַנגען:

A-2594

די פאָריקע נאַכט צווישן 12—1 בין איך אויפגעקומען פון

שלאָף דערהערענדיג ביקסען שוס. פון אָנפאַנגס האָב איך גע־לויבט, דאָס שטאמט פון אַ באַנדיטן אָנפאַל וואו ס׳איז. אומגעפער אין אַ האלבע שטונדע ארום האָט זיך דערהערט דאס רייטער דער־נענטערן זיך און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַרום די דאטשעס. באלד האָט זיך דערהערט אַ קאמאנדא אראָפּ פון די פערד. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך געהערט קלאפּן אין די טירן פון ארום און ארום. באַ אונדז האט מען אויך געקלאפּט מיט אַן׳אויסגעשריי „אטוויערי״ מיין ווירט ראזענבוים, האָט אַ ציטערענדיקער געעפנט די טיר און ס׳זיינען אריינגעקומען א זשאנדארם און צוויי קאזאקן און מיטגעטיילט דאָס לויט דעם באפעל פון העכערע נאטשאלסטווא, ווילן זיי אונטערזוכן אויב ס׳האָבן זיך דאָ ניט באהאלטן פּאָליטי־שעי כאָטש דער נאכטוועכטער האָט דערקלערט, אַז קיינע פרעמ־דע זיינען דאָ ניט געקומען. זיי האָבן אונטערזוכט אין יעדן ווינקעל און פארלאנגט די פּאפּירן פון אלע שטוביקע און אויך מיינע פּאפּירן. די שלאָפענדיקע האבן געמוזט פארלאזן די בעטן כדי זיי זאלן זעען אויב ס׳איז ניט דא ווער פרעמדע און ערשט האלבע שטונדע שפּעטער ווען זיי האבן זיך איבערצייגט, אַז אַלעס איז כשר האבן זיי פארלאזט די וואוינונג. אזוי האט זיך א פּאר שטונדן דורכאיינאנד זיך געהערט דער קלאפּן מיט די טירן פון די שכנות׳דיקע דאטשעס. דער זייגער איז שוין באלד גע־ווען 3 ווען די קאזאקן האבן אפּגעריטן אין שטאדט אריין. אַנ׳אנדערט מאל יאגן יעגער זיך נאך חיות און היינט האבן חיות זיך געיאגט נאך מענטשן. —

אין דער פרי בין איך געפארן אין שטאדט און זיך דער־וואוסט וואס ס׳האט פּאַסירט:

אַרום 2 באַנאַכט האבן זיך פארזאמלט אין געהיים אין וואַלד באַ גלאַזקאווסקאיע פּרעדמעסטיע, אַרום 200 מענער און פרויען פון די ס. ר. פּארטיי און ווי ס׳ווייזט אויס איז דאס פאר־ראטן געווארן אדער אויסגעשפּיאנירט געוואָרן איידער דער ערש־טער רעדנער האט נאך צייט געהאט דאס ווארט צונעמען, זיינען זיי אַרומגערינגעלט געווארן פון צוויי סאטניעס קאזאקן אונטער די אנפירונג פון קאפּיטאן קאלאסאוו און אנ׳אפּטיילונג זשאנדארן,

מיט דעם זשאַנדאַרן פאַלקאָווניק גאַווריִלאָוו. די קאָזאַקן האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופט אַפּצושרעקן די פאַרזאַמעלטע, אָבער ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק צווישן די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען צו אַנטלויפן צוליב וואָס ס'איז קאָמאַנדעוועט געוואָרן, פון פּאַלקאָווניק גאַווריִלאָוו, פייער און די קאָזאַקן האָבן געשאָסן אין די אַנטלויפענדע און דערהאַרגעט 5 מענער און איין פרוי און 17 מאַן פאַרוואונדעט, און אַלע זיינען אונטער די באַגלייטונג פון אַ סאָטניע קאָזאַקן אָפּגעפירט געוואָרן אין אירקוטסקער טיורמע, און די געהאַרגעטע און געראַנעטע זיינען אין שפּיטאָל אָפּגעפירט געוואָרן. ווי ס'ווייזט אויס האָט די נאַטשאַלסטווע געגלויבט, דאָס ס'איז ווען געלונגען צו אַנטלויפן און אַזוי ווי די פּאָנטאָן בריק נאָך אירקוטסק איז געווען באַוואַכט, האָבן זיי אודאי געגלויבט; דאָס אויב ס'איז ווער אַנטלאָפן, האָט ער אודאי געזוכט זוויעזדאַטשקאַ.

דאָס האָב איך זיך דערוואוסט פון מיינעם אַ חבר, אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרזאַמלונג באַנאַכט און וועלכער איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג צו וואָיעני גאָראָדאָק און פון דאָרט איז אים געלונגען צו קומען אין שטאָדט אויסמיידענדיג די פּאָנטאָן-בריק נאָר מיט אַ לאָדקע זיך אַריבערגעשיפט דעם ברעג.

אַזוי ווי אירקוטסק איז נאָך אונטער דעם געזעץ פון סטאַן וואָיעני, דערוואַרט די אַרעסטירטע גרויסע שטראָפן און וויפיל פּיזישע ליידן וועלן זיי אַדורכגיין ביים פאַרהער אין דער קאַנצעלאַריע פון פּאָלקאָווניק גאַווריִלאָוו, דער זשאַנדאַרמעריע נאַטשאַלניק.

איך באַוואונדער די רעוואָלוציאָנערן, וואָס ריזיקירן זייער פרייהייט און אויך לעבן פאַר די באַפרייאונג פון רוסישן אַרבעטער-קלאַס און איך שעם זיך פאַר זיך אַליין, ווייל איך בין אַ טרוס און האָב ניט דעם מוט צו זיין מער, ווי אַ סימפּאַטיזירער פון די ס. ר.

צוליב דער טראַגעדיע, באַשרייב איך דיר ניט דעם ווייטערן גאַנג פון מיין ליבע צו אַניוטען. וואָס פאַר אַ ווערט האָט

מיין ליבע צו אַנ׳איינצעלנען מענטשן אין פאַרגלייך מיט די אַרעס־טירטעס ליבע צו מיליאָנען אונטערדריקטע.

ד. 3־טן אויגוסט

ליבער חבר! איך בין שוין ווידער אין טעלמאַ באַ מיין טעגליכע באַשעפטיקונג און וויל דיר אין קורצע שטריכן איבער־געבן פון מיין לעבן אין די לעצטע 2 וואכן:

זייט יענעם אוונט פון אונזער ליבע דערקלערונג, האבן מיר זיך געטראפן כמעט יעדן אוונט און שטענדיק האבן מיר אויס־געזוכט איינזאמע און אידילישע ערטער, וואס זאלן א פאסענדע ראם זיין ארום אונזער ריינע ליבע. און מערקווירדיק ווי יעדן אוונט פארברייינגענדיג פיל שטונדן איז שטענדיג געווען שטאף צו ריידן וועגן אונזער ליבע. די פאנטאזיע האט בא מיר געארבעט מיט א געוואלטיקע קראפט און געשאפן אויסדריקע, וועגן וועלכע איך האב קיינמאל ניט געדענקט. אויסדריקע וואס האבן געהאט דעם ציל צו באזינגען אניוטעס וועזן און מיין שטארקע אכטונג פאר איר. אין א זעלכע מאמענטן ווערט מען אי א פאעט אי א קינד.

קיינמאל האב איך איר ניט גערופן אין מיין צימער כדי ניט צו פאראורזאכן, אז ווער זאל זי חושד זיין. און כאטש מיר האבן זיך געפונען אויף איינזאמע ערטער, וואו ס׳איז טיילמאל ניט געווען א מענטשן צו באגעגנען, דאך האב איך קיין איין מאל ניט געטראכט וועגן דעם פיזישן אונטערשיד צווישן מיר און איר... ווי לאנג מיר זיינען נאך געווען אומפארהייראט, האב איך געליבט בלויס איר נשמה. אפילעט געקישט האב איך איר מיט די פאר־זיכטיקייט, וואס מען האט פאר א טיירע בלום, וועלכע מען האט מורא צו שטארק צום הארץ צו דריקן... נאר מען באגניגנט זיך בלויס מיט איר טיירן אראמאט.

איין טאג זיינען מיר אין שטאדט געווען און איך האב פון איר געזעען א שטריך, וואס האט מיך אנ׳איבעריקן מאל אי־בערצייגט אין איר פיין געפיל. מיר זיינען אריינגעגאנגען אין „אינטענדאנטסקי סאד" און ווי געוויינטלעך, בין איך געווען אזוי

פאַרטיפט אין געשפּרעך, דאָס איך האָב שוואַך באַמערקט אַלעס אַרום מיר און אַניוטאַ זאָגט צו מיר, אַז מיר זאָלן גיין לאַנגזאַמער און ווייזט מיר דאָס אויף אַ באַנק זיצט אַ זעער אַלטיטשקער מאַן, וועלכער קען געוויס קוים זיך באַוועגן און זי וויל ניט, אַז מיט אונדזער צו שנעלן גיין זאָלן מיר דעם אַלטן אַגמת נפש פאַרשאַפן, וואָס ער אַליין איז שוין אַזוי אַלט און שוואַך...

אַניוטעס עלטערן זיינען גאַנץ שנעל אויפמערקזאַם גע־וואָרן אויף אונזערע פאַרהעלטניש און ניט קוקענדיק אויף דעם, וואָס זיי ווילן מיקלומרש ניט שטערן איר וואָל, דאָך האָבן זיי איר פאַרוואָרף געמאַכט, וואָס זי האָט זיך פאַרליבט אַנשטאָט אין איר קוזין, אַ לייטישער סוחר, אין עפּעס אַ לערער, אַ קבצן, וועלכער וועט איר ניט קענען געבן רייכע צימערן און פיל געלט, אָבער אַניוטאַ האָט זיי דערקלערט; דאָס בּאַ איר שפּילט די הויפּטראָלע די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון אַ מאַן און זי האָט זיך ניט געלאָזט שטערן פון זיי יעדן אָוונט מיט מיר זיך צו טרעפן.

אַזוי זיינען פאַרלאָפן אַ פּאָר וואָכן מיט די שנעלקייט פון איין טאָג און איך האָב געמוזט צוריקקערן צו מיין אַרבעט. דו וועסט מיר גלויבן ווי שווער מיר איז געווען זיך צו שיידן מיט אַניוטן, וואָס דאַרף מיט אירע עלטערן קומען אַ וואָך שפּעטער צו־ריק נאָך אוסאָליע.

דעם ערשטן אָוונט אין טעלמאַ ווען ס׳איז געקומען די שטונדע אין וועלכע איך פלעג זיך די לעצטע צייט מיט אַניוטן טרעפן, האָט מיך באַצווינגען אַ גרויסע אומרו. איך בין אַוועק אויפן פעלד און זיך אַוועקגעזעצט און פאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגעבילדעט, דאָס אַניוטע זיצט נעבן מיר, אָבער ווי לאַנג האָב איך זיך געקענט אָפּנאַרן אַליין?

דעם צווייטן טאָג פאַרנאַכט האָט מיך אַרום גענומען אַזאַ בענקעניש אַניוטן צו זען, דאָס איך בין צום באַן געגאַנגען אָדער ריכטיקער געזאָגט געלאָפן, כאָטש איך האָב גוט געוואוסט, דאָס אין דער צייט גייט ניט קיין באַן און צו מיין פריידע איז מיר געלונגען מיט אַ טאָוואַרנע צוג צו פאָרן נאָך אירקוטסק און

איך וואלט ניט געראטן פאַרליבטע, וואס ווילן זייער געליבטע באזוכן מיט א טאוואַרנע צוג צו פארן אפילעט אויף סטאַציעס, וואו ער האָט גאָר ניט געהאַט צו באזאָרגן, איז ער אפּגעשטאַנען א לאנגע צייט אזוי, דאָס ענדלאך קומענדיג נאך אירקוטסק, האָב איך קוים אוספּעיעט מיטן לעצטן דאמפּער נאָך זוויעזדאטשקא צו קומען. דער זייגער איז שוין געווען באלד עלף.

איך בין געקומען פאר בלומענפעלדס דאַטשע און געזען דורך די פארהאנגענע פענצטער ליכט א באַוויז, מען שלאָפט נאָך ניט. אבער קיין געלעגענהייט ניט געהאַט אַניוטן צעוויסן צו געבן וועגן מיין דאָ זיין. אין א ווײַלע ארום האָב איך געהערט קלאַוויר טענער וואס האָבן פאַרראטן ווער ביים קלאַוויר זיצט, ווייל איך האָב געהערט שפּילן:

> אך! ווי בענק איך נאָך דיר מיין ליבער,
> קום, און באַפריי מיך פון מיין וועמוט.
> זעער שנעל איז די גליקלעכע צייט פאַראיבער,
> און צו גרויס איז יעצט מיין זעהנזוכט.

איך האָב חשק באַקומען אויסצושרייען אַניוטא, דאָ בין איך. אין א ווײַלע ארום הער איך פרוי בלומענפעלדס שטימע:

אַניוטא, ס׳איז צו שפּעט צו שפּילן. און באלד האָב איך דערהערט א קלאפּ פון קלאוויר דעקל, וואָס האָט פאַרדעקט די צאַנגענטן.

פון בלומענפעלדס דאַטשע האָט זיך די טיר געעפענט און איך האָב זיך איינגעבילדעט דאָס אַניוטא קומט, אבער אנ־שטאָט איר האָב איך געזען ארויסקומען זייערן א שכן, וועלכער איז צו זיין וואוינונג געגאנגען. ס׳האָט לאנג ניט געדויערט און די ליכט האָט זיך פאַרלאשן באַ בלומענפעלדן. איך האָב גע־וואוסט דאָס אין האלב איינס געט א צוג נאָך טעלמא, אבער ווי קומט מען נאָך אירקוטסק אין דער שפּעטער שטונדע. צו צעגיין האָב איך ניט געוואלט ריזיקירן. דער לעבן איז מיר יעצט טייערער געווען ווי שטענדיק... אויך האָב איך זיך אליין פאר־

זיכרט דאָס קיין אנדערער מאָן, וועט ניט וויסן ווי אזוי צו שעצן אזא בלום ווי אניוטן... איך בין צוגעגאנגען צו ראזענ־באום׳ס דאטשע גלויבענדיג דארט איבערצוגעכטיקן, אבער דארט איז מען שוין געשלאָפן.

א ווײלע שטייענדיק אין דרויסן האָב איך דערהערט קי־רילאווס הוסטן פון דערווייטנס און ער איז צוגעקומען און הע־רענדיג, דאס איך גויטיק זיך אין שטאדט האָט ער מיך אפגעראטן צו גיין אזוי שפעט באַנאַכט. און מיר איבערגעגעבן, דאָס פיל מאָל איז ער שוין איבערפאלן געווארן אויפן וועג פון באַנדיטן. טיילמאל האט מען אים צוגענומען די לעצטע פּאָר גילדן. אנ־דערע מאל איבערציילענדיג זיין קליינע סומע, האָט ער דאָס צוריקבאקומען פון די איבערפאלער און די לעצטע צייט דער־קענען זיי אים שוין אין זיין הוסטן און טשעפּן אים ניט. איינמאל האָט ער באַגעגנט צוויי חברה לייט, וואָס האָבן אים געגעבן שנאפּס און טאבעק. קירילאוו האָט אראפּגענומען דעם קאנטראל זייגער פון די אויסענווייניקסטע קיכן טיר, וואו ער איז געהאנגן פארזעען מיט א נייע באנדעראל. און איך האָב מיט קירילאוון געוואנדערט הין און צוריק די גאנצע נאַכט.

אין דער פרי בין איך צוזאמען מיט אים אין שטאדט צוריקגעגאנגען ווייל פארן האָט מען נאָך ניט געקענט אין דער שטונדע פאר אניוטעס וואוינונג האָב איך א פאר פעלד בלומלעך צוגעוואָרפן אלץ שטומען גרוס. — און נאָך טעלמא צוריקגעפארן.

ד. 6-טען אויגוסט.

פערטיק ווערענדיג מיט די לעקציעס ביים פאלקאווניק בין איך צוגעגאנגען צו בלומענפעלדס הויז און עס באַטראַכט מיט די גרעסטע פריידע און מיט ליבלעכע בליקן געקוקט אָפּן פענצ־טער, באַ וועלכן איך האָב צום ערשטן מאל אַניוטן געזעען אַ בוך לעזן. כ׳בין אַריין אין הויז אַנטקעגן בלומענפעלדס וואוינונג און אַרויפגעקוקט צום פענצטער אזוי ווי דענטסמאל... און שפעטער בין איך צום בוכהאַנדל געגאנגען און זיך אוועקגעשטעלט אויף

דעם אָרט ווי איך האָב געזען גאָר דאָס ערשטע מאָל אַניוטן אַרויסקומען.

אין אָוונט בין איך צו דער סטאַציע געגאַנגען דערוואַר־טענדיק דעם אירקוטסקער צוגס אָנקומען, כאָטש איך האָב גע־וואוסט, דאָס אַניוטע וועט נאָך היינט ניט קומען. נאָר אַ פֿאַרליב־טער גלויבט אין ניסים.

די סטאַציע, אַזוי ווי אַלע סיבירער סטאַציעס, געפֿינט זיך ווייט פֿון דאָרף אויף אַן איינזאַמען אָרט צווישן פֿעלד און וואַלד און די קליינע צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ געפֿינען האָבן ניט פֿיל געשטערט די הערשענדע שטילקייט. אַזוי, אַז ס׳האָט זיך גאָר ניט געגלויבט, אַז דאָ וועט באַלד קומען אַ רוישענדער צוג און שטערן די איינזאַמקייט. ווען ס׳האָט זיך דערהערט דאָס הווזשן פֿון לאָקאָמאָטיוו, האָב איך זיך געאײַלט אַרויסצוגיין אויפֿן פּלאַטפֿאָרמע גלייך מיט די פּאַסאַזשירן וואָס דאַרפֿן אָפּפֿאָרן. דער צוג איז אָנגעקומען מיט אַ שטורם גלייך, ווי ער וואָלט זיך ניט געוואָלט דאָ אָפּשטעלן, אָבער באַלד האָט זיך געהערט דאָס רוישן פֿון די טאָרמאָזן און די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

כ׳האָב גענומען באַטראַכטן די איינצעלנע פֿאַרשוינען וואָס זיינען דאָ אַראָפּגעגאַנגען פֿון צוג און כאָטש איך האָב ניט דערוואַרט אַניוטען, דאָך בין איך אומעטיק געוואָרן, זי ניט זעענ־דיק.

צווישן די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן איז געווען אַ פּיעכאָ־טנע קאַפּיטאַן פֿון אַ אירקוטסקער פּאָלק, אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ קאָקעטישע דאַמע, וואָס האָט הויך און פֿרעך געלאַכט און דער אָפֿיצער האָט איר געקישט פּאַר אַלעמען אין די אויגן.

איך בין צוריקגעגאַנגען אין דאָרף מיט אַ גרויס בענקעניש אין האַרצן און אַ גאַנצן וועג האָט זיך מיר געטומעלט אין די געדאַנקען די אָוונטן, אין וועלכע איך האָב מיט אַניוטן פֿאַרבראַכט און צעמאַרגן אָפּגעפֿאָרן נאָך טעלמאַ מיט די טרייסט, דאָס היינט מאָרגן וועל איך ווידער אַניוטן זען.

ד. 9=טן אויגוסט.

ליבער חבר! דעם טאָג וואָס איך האב געוואוסט, דאס אניוטאַ דארף נאָך אוסאליע קומען, האב איך מיט אומגעדולד דער-וואַרט א טעלעגראפנע מיטטיילונג לויט אפשמיס, אבער אזוי ווי ס'איז שיין געווען 3 אזייגער נאָכמיטיק אזויפיל שטונדן נאכדעם, ווי די באַן איז אנגעקומען נאך אוסאליע, האב איך שוין ניט גע-גלויבט דאס זי איז היינט געקומען, דערפאר האב איך באַזוכט דאָקטאָר נארדענטאל און מיט אים פאַרבראַכט א שטונדע צייט ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיינע איבערלעבונגן אין זוויעז=דאטשקא און וועגן די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך גע=טראפן און פון אים האָב איך זיך דערוואוסט, דאס דער מערדער פון קאפיטאַן באכמאטאוו איז דער פויער, וועמענס הונט דער אפיצער האָט דערשאסן. דער פויער זייענדיג גוט שכור, האָט זיך געבערימט מיט זיין טאט, ביז ס'איז דערגאנגען צו פאָליציי און יעצט געפינט ער זיך אין אירקוטסקער טיורמע און ס'דערוואַרט אים טויט-שטראף.

ווען איך האב פארלאזט דאָקטאר נארדענטאל איז ווי פון דער ערד ארויסגעוואקסן דער דארפישער פאליצעסקי זאגענ=דיג צו מיר: איר ווייסט אז איר דאַרפט ניט באזוכן א פאָליטישן פארברעכער? איך בין געצוואונגען דאס צו ראפארטירן צו די העכערע נאטשאלסטווא און באלד געזאגט אין א פארענטפערענ=דיקן טאן: איר ווייסט דאס איך מוז פאַסן מיין פליכט איבער=היפט איך האב א פרוי מיט 4 קינדער... איך האָב פארשטאנען וואס ער מיינט און זיך גענומען צו מיין פארטמאנע ארויסנעמענ-דיג 1 רובל און אים געגעבן, ער האט אים געדריקט אין האנט און מיך אנגעקוקט א בעווייז, דאָס גלויבט, דאס זיין שווייגן וועגן מיין פארברעך... האט א גרעסערע ווערט, האב איך אים געגעבן נאָך א האלבן רובל. ער האט זיך בעדאנקט און געגריסט אויף מיליטערישע ארט צום אפשייד און איך האב געזען אים פאר=שוואונדן אין שענק.

קומענדיג צוריק אין מיין וואוינונג האט מיר דער יונ=

גער וולאזאוו, א סטודענט פון טאמסקער אוניווערזיטעט, וואָס איז דא אויף וואקאציע, מיר א צעטעלע געגעבן וואס א שליח האָט פאר מיר איבערגעלאזט. דערקענענדיג אניוטעס האַנטשריפט האב איך מיט ציטערינדעקע הענט דאס בריוול אופגעמאַכט און געלע־זען פאלגענדעס:

טייערער אלעקסאנדער!

אנטשאט א טעלעגראמע בין איך אליין געקומען. כ׳גע־פין זיך באַ מיין שולע קאמעראד יעווגעני קראווטשענקא. קום אריבער צו מיר.

דיין אניוטא.

איך בין מיט האסטיקע טריט צום הויז פון פאמיליע קראווטשענקא געגאנגען און באגריסט אניוטען, וועלכע האָט גע־שטראַלט פאר שמחה מיך דערזעענדיג. פרוי קראווטשענקא האט זיך גענומען צום סאמאָוואַר פאר אונדז טיי צו מאכן און דאסמאל בין איך ניט צופרידן געווען פון דעם סיבירערס זיטלעכקייט יעדן אריינגעקומענעם מיט טיי צו טראַקטירן...

אָפטרינקענדיג טיי און איילנדיג ווערענדיג ווי לאַנג מיר דארפן דא נאָך פארבלייבן צוליב עטיקעטע, האָבן מיר זיך שפע־טער באַדאנקט פאר די גאַסטפריינטשאַפט און ארויס אין דארף. קומענדיג אויסערן דאָרף האבן מיר זיך ערשט באַגריסט ווי עס פאסט פאַר געליבטע... און איך פרעג איר:

ווי אזוי ביסט דו, ליבע אניוטאַ, געקומען נאָך טעלמא, ווען די באן געט יעצט ניט?

איך בין געגאנגען צעפיס.

וואס רעדסט דו מיין טיירע? אויף וויפיל דיין אנוויז־זענהייט איז מיר ליב און טייער אויף אזויפיל באַצווינגט מיר א שרעק, ווען איך הער, אז דו ביסט געגאנגען 8 וויארסט ווייט אויף א וועג, וואו באנדיטן פלינדערן און מארדען.

כ׳דאנק דיר, ליבער אלעקסאנדער, פאר דיין באקימע־רונג וועגן מיר, אבער דו האסט זיך ניט וואס צו שרעקן, דען

די מערדער זיינען ערשט טעטיג באנאכט. דאן גייט דער צוג נאָך טעלמא ערשט אין אוונט, וואלט איך ניט געקענט נאך היינט אהיימפאָרן און ווען כ׳זאָל וועלן באַ מיין פריינדין איבערנעכטיקן, וואָלטן מיינע עלטערן זיך באַקימערט וועגן מיין אויסן בלייבן און אויך האָב איך דיך ליבער אלעקסאנדער געוואָלט איבערראשן.

איך האב אניוטן געדאנקט פאר איר ליבע צו מיר און זי געבעטן דאס א צווייטן מאָל זאל זי ניט קומען צעפיס איבער דעם געפערליכן וועג, פון וועלכן דער טויטן-בריק מיט זיינע צלמים דערציילן וועגן אזויפיל גרויזאמע מארדן. —

מיר האָבן באשלאסן צוצעגיין צו די אנגארא, וועלכע מיר ביידע האָבן געליבט און אויף וועלכן מיר האבן אין די לעצ-טע וואכן פארבראכט אזויפיל זיסע שטונדן. מיר האָבן זיך גע-זעצט באַ דעם גראָז באַוואַקסענעם ברעג און אונדזערע אויגן אפ-געשטעלט אויפן וואסער און אין זיך איינגעזאפט דאס מעלאדישע רוישן פון די לייכטע כוואליעס, וועלכע די זון האָט פארוואנדלט אין אלערליי קאלערן. ארום און ארום אויף פילע וויארסטן האבן זיך געזעען די גרינע לאנקעס, וועלכע דאס וואסער האָט ווי מיט א זילבערנעם פּאַס אדורכגעטיילט. אויפן צווייטן ברעג האבן סטאדעס בהמות זיך געפאשעט און פון ערגיץ ווייט האָט א ווייס הייזל געבלאנקט אונטער די זונענשטראלן. מיר זיינען געזעסן ווי באַצויבערטע פון די אידיליע און קיין ווארט ניט אויסגערעדט נאר אין זיך איינגעזאפט די איינדריקן פון דער אייביקער נאַטור, וועלכע אפעלירט צו די בעסערע געפילן און פילט אן דאָס מענטש-לעכע האַרץ מיט ליבע און גוטסקייט צו אלעס וואס רינגלט אים ארום אין זיין אלטעגלעכן לעבן. וויפיל מאל, ליבער חבר, האָב איך געהאט טעג פיל מיט ליידן און זארג און דער אויפהאלט אין דער פרייער נאטור האט מיר פאר אלעס פארגיטיגט.

מיר זיינען געזעסן אומגעפער א האלבע שעה, ווען פון דערווייטנס האט זיך געזעען א שיף, פון וועלכעס קוימען ס׳האט זיך געטראָגן אין דער הויך א געדעכטע רויך מאסע. עטלעכע הונדערט שריט פון אונזער זיץ פלאץ האט זיך דער דאמפער

אפגעשטעלט און געוועקט אונזער נייגעריקייט. מיר זיינען נעַ־טער צוגעגאנגען און פאר די אויגען איז דערשינען א בילד, וואָס איז שוין אזוי אלטעגלעך אין סיביר. מיר האָבן געזעען דעם ארעסטאנטן דאַמפער באיקאל, וועלכענס פארדעק איז פארזעען מיט אייזערנע קראטעס, וואָס ענדלט צו א שטייג פון חיות, האָבן מיר דערזעען א מאסע יונגע מענטשן געקליידט אין די גרויע קאַ־טאָרזשנע קליידער און דיקע אייזערנע קייטן ארום די פיס און ווען מ׳האָט באטראכט זייערע אינטעלעגענטע געזיכטער, וואס האָבן עדות געזאגט וועגן די ליידן וואס דער טראַנספּארט האָט זיי פארשאַפן, איז קענטיג געווען, אז דאס זיינען פּאָליטישע. צווישן זיי האָט זיך געזעען צוויי מיידלעך, וועלכע זיינען ניט געווען געשמידט אין קייטן. די שיף האט זיך דא פארזאָרגט מיט האָלץ און דער קאנוואי אפיצער האט זיך ארומשפּאַצירט אויפן ברעג. אניוטא האט געפרעגט דעם אפיצער וואו אהין דער דאַמ־פער גייט, אבער ער האט איר העפלעך געענטפערט, דאס ער קען ליידער ניט באפרידיקן איר פראגע, ווייל דער רעגל פאַרבאט עס. פון שיפסקאַפּיטאן האבן מיר זיך דערוואוסט, דאס די פּאָלי־טישע, וואָס זיינען פון סעוואַסטאפּאָל און אנדערע רוסישע שטעדט זיינען אנגעצייכנט אין דער קאטארזשנער טיורמע אין אלעקסאנ־דראווסקאיע.

מיר האבן געוואוסט דאס געלט דערלויבט מען ניט צו געבען די פּאָליטישע, נאר עסענווארג, זיינען מיר אריין אין נאנסטן לאדן און איינגעקויפט ברויט, וואורשט און צוקער און דאס איבערגעבן דעם קאָנוואי, וועלכער האט קאנטראלירט דעם אינהאַלט פון די לעבענסמיטלן און די וואורשט האט מען אונדז צוריקגעגעבן, ווייל זי איז צו פעט. און איך האב מיך דערמאנט דאס די אדמיניסטראציע האָט מורא, דאס מיט פעטע זאַכן קענען די ארעסטאנטן זיך איינשמירן די פיס און זיי ארויסגליטשן פון די קייטן. די איבעריקע לעבענסמיטלן האט מען איבערגעבן די פּאָליטישע, וועלכע האבן זיך באַדאַנקט און זעענדיג, דאס אויך דא אין ווייטן סיביר געפינען זיך מענטשן, וואס סימפאטיזירן מיט זיי, האט זיי אודאי אנגעפילט מיט האפענונג צו זייער טרוי־

ריקן גורל.

די נייעס וועגן אַרעסטאַנטן דאַמפּער האָט זיך ווי ס'ווייזט אויס שנעל צעטראָגן איבערן דאָרף, דען אין אַביסל שפּעטער איז געקומען דער פאַר'שכור'טער דאָרפישער בעקער מיכאַילאָוו מיט אַ וואָגן ברויט און באַראַנקעס און דאָס איבערגעבן דעם קאָנוואָי פאַר די פּאָליטישע. אַ צווייטער פויער האָט געבראַכט צו פירן אַ פאַס מיט קוואַס און דער קאָנוואָי האָט מיט אַ טשערפּאַק דאָס פאַרטיילט. אַניוטעס אויגן זיינען מיט טרערן אָנגעפילט געוועזן אי צוליב די פאַראורטיילטע אי צוליב די פויערימס גוטסקייט.

ריידן מיט די פאַראורטיילטע איז פאַרשטייט זיך פאַרבאָטן געווען, אָבער מען האָט גוט געקענט פאַרשטיין, וואָס באַזיי געט פאָר אין האַרצן...

נאָכדעם ווי די לאַדונג איז פאַרטיק געוואָרן איז סיגנאַל געגעבן געוואָרן צו די שיפס אָפּגיין. דער דאַמפּער האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַ גראָבן פייף און אָוועקגעריירט פון ברעג אונטער דעם פאַכן פון די יונגע אידעאַליסטן מיט זייערע אַרעסטאַנסטקע היטלען און אונטער די צוריקגריסונג פון די אויפן ברעג שטייענדע מענטשן. מיר זיינען געבליבן שטיין, ווי לאַנג דער דאַמפּער האָט זיך נאָך געזען אויפן וועג צו דער קאַטאָרזשנע טיורמע...

דענק דיר נאָך, אַלעקסאַנדער מאַסעיעוויטש, זאָגט צו מיר אַניוטאַ מיט אַ מעלאַנכאָלישע שטימע, מען נעמט אַזויפיל יונגע מענטשן און מען שיקט זיי לעבעדיג אין קבר נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען אומצופרידן מיט דעם הערשענדן רעזשים.

ס'איז אָבער צו האָפן, ליבע אַניוטאַ, דאָס די אידעאַליסטענס אָפּפער וועלן ניט זיין אומזיסט, אַמאָל וועט זיי דאָך געלונגען צו וואָרפן דעם צאַריסטישן רעזשים און איינפירן אַ רעגירונגס סיסטעם, וועלכער וועט וויסן דעם ווערט פון אידעאַליזם און די אַרעסטאַנטן שיפן וועלן נאָר דינען פאַר די צאַריסטישע צווייפיסיגע חיות.

א שיף וואָס ווערט באַנוצט צו אַזאַ באַרבאַרישע האַנד־לונג, געבן זיי אַ נאָמען באיקאַל... וואָלט ניט פּאַסיגער געווען זי זאָל הייסן ניקאָלאַי דער 2־טער אָדער סטאָליפּין... זאָגט ווייטער אַניוטאַ.

מיר האָבן נאָך אַ ביסל אַרומשפּאַצירט, אָבער מיר ביי־דע האָבן ניט באַרירט אונזער ליבע — ווער האָט געקענט דענ־קען וועגן זיך אַליין אין אַזאַ מאָמענט. איך בין מיט אַניוטען צו דער באַן געגאַנגען און מיט איר מיטגעפאָרן ביז אוסאָליע און זי באַגלייט ביז איר הויז און זיך געזעגנט אָן צערעמאָניען...

איך האָב דאָ איבערנעכטיגט און אין דער פרי נאָך טעלמאַ צוריקגעפאָרן.

ד. 12־טן אויגוסט.

קומענדיג נאָך אוסאָליע האָט מיך אַניוטאַ בא דער באַן דערוואַרט און ניט דערוואַרטענדיג זי דאָ צו טרעפן, איז מיר איר אַנוועזנהייט טאָפּלט טייערער געווען.

צווישן די מענטשן וואָס האָבן זיך געפינען אויף דער סטאַציע, האָט מיר אַניוטאַ אָנגעוויזן אַף אַן'אָפיצער זאָגענדיג:

ער האָט מיך פּערפאָלגט אויפן וועג צו דער סטאַציע און יעדן אויגענבליק פּרובירט מיט מיר ריידן און כאָטש איך האָב אים אָפּן מיין פעראַכטונג אַרויסגעוויזן, דאָך איז ער נאָכגע־קראָכן ביז צום באַן.

ווען כ'האָב באַטראַכט דעם אָפיצער, האָב איך אין אים דערקענט דעם זעלבן, וואָס כ'האָב אין יענעם אָוונט געזען קו־מען מיטן באַן מיט אַ לעב־דאַמע אונטערן אָרים און שוין דעמאָלט זייענדיג זיין אומפאַרשעמטהייט, האָט מיך ניט געוואונדערט זיין יעצטיגע אויפפירונג. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אונדז און בעטראַכט אַניוטען מיט ליידענשאַפטלעכע בליקן און מיר האָט ער צוגעוואָרפן אַ ציניש שמייכל. מיר זיינען פון סטאַציע אָפּ־געגאַנגען און ער האָט באַשטיגן אַן'אַמעריקאַנקע און פאַרבייפאַ־רענדיג אונדז האָט ער צוגעוואָרפן אַניוטען אַ בלימל נאָכשרייענ-

דיג: איר באַרישניא זענט נאָך שענער ווי די בלום. אַניוטא האָט די בלום צעטרעטן און ער האָט דאָס באַמערקט און געש־מייכלט...

שטעל דיך פאר אַלעקסאַנדער, דאָס ער האָט די העזה, דיך אין די אויגן מיך צו פערפלגן.

דאָס וואונדערט מיך ניט, ליבע אַניוטא, ווייל כ׳קען גוט די רוסישע אַפיצערן. די גרעסטע צאָל פון זיי שטאַמען פון די אַדעל, וואָס איז אין אַ משך פון דורות דעגנערירט און די בירגערלעכע זייגען אויך ניט פיל בעסער. מיר האָבן זיך גע־זעגנט פאר איר הויז און באַשטימט פאַרנאַכט זיך צו טרעפן.

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך באַגעגנט און זיינען אַריין אין פּאַרק, וואו ס׳איז געווען צופיל טומל פון די פלירטענדע יוגנט און מיר האָבן געזוכט אַ איינזאַמערן פּלאַץ און זיך געזעצט אויף אַ לאַנקע. אַניוטא האָט מיר איבערגעבן, דאָס דער פּיעכאָטנע קאַפּיטאַן האָט אויסגעפאָרשט איר וואוינונג און שטונדן דורכאַיי־נאַנד פאר איר הויז געגאַנגען. און זי איז ספּעציעל ביים פענצ־טער געשטאַנען און ניט געווירדיקט אים מיט אַ בליק, כדי אים ווידער פאַרשטיין צו געבן איר פאַראַכט פאַר זיין אַראַגאַנצע. אויך האָט זי מיר איבערגעבן, דאָס פון איר קוזין אויס קראַסנאַ־יאַרסק האָט זי אַ בריוו באַקומען און זי האָט מיר אים געגעבן צו לעזן, ער האָט געלויטעט:

ליבע און טייערע קוזינע, אַניוטא אַבראַמאָוונאַ!

כ׳מוז דיר זאָגן, אַז מיין באַזוך אין אייער הויז האָט מיך אין גאַנצן ענטוישט. לויט מיין אַנקעלס בריוו, האָב איך מיר דיך פאַר אַ גאַנץ אַנדערע פאָרגעשטעלט. דערפאַר האָב איך געגלויבט, ווען כ׳וועל קומען און דיך פאַרלאַנגען פאַר אַ כלה, וועסט דו ניט בלינד זיין דערפאַר, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַר דיר, איבערהויפּט ווען דו ביסט געוואוינט צו אַ רייך לעבן און בא מיר וועסט דו קענען באַקומען אַלץ, צו וואָס דיין האַרץ גלוסט, דען מיינע פאַרדינסטן שטייגן טאָג צו טאָג.

ווען כ׳זאָל וועלן הייראַטן מיט אַ קראַסנאַיאַרסקער מיידל,

וואָלט איך געקענט באַקומען די שענסטע און מיט 50 טויזנט רובל נדן און מיין אנקל גיט נאר 20 טויזנט און איך האָב מיך גע־וואלט באגניגן דערמיט דיר צוליב... ניט קוקענדיג דערויף וואס פאר מיר וואלט דאס געווען א פארלוסט פון 30 טויזנט רובל און צורעכנענדיג די פראצענטער, וואָס אזא סומע קען ברייגנן באַ מיינע גוטע נעשעפטן, איז דאס א היזק פון נאך שיינע טויזנ־טער. ס'האָט זיך אבער ארויסגעוויזן, דאס דיך אינטערעסירט ניט א גליקלעך לעבן...

דו האָסט מיך געגומען עקזאַמינירן, אויב איך האָב אינ־טערעס פאר ביכער, פאַר מוזיק און טעאטער. זאָג מיר, קען מען פון דעם אלעס קריגן א איינבליק, ווי אזוי געלט צו פארדי־נען? ווען דו זאָלסט הייראטן מיט א מאן, וואס זאל האבן די אלע מעלות, וועלכע האבן פאר מיר גאר קיין אינטערעס ניט, ער זאל אבער זיין ארים, וועט דיר שוין גוט זיין? וועסט דו זאט ווערן פון גייסטיגע שפייז? פאַרן ערגסטן פאל וואָלט איך דיר איינגעשאפט ביכער, אבער פארוואס פארלאנגסט דו פון מיר, איך זאל מיך אפגעבן מיט זאכן, וואס זיינען פאר מיר אן א ווערט און קענען מיר גאָר ניט געבן...

צולעצט גלויב איך, דאָס דו, ליבע אניוטא, וועסט דיר ארויסשלאגן פון קאפ דיינע ווילדע פאַנטאַזיעס, וואָס די ביכער האבן באַ דיר אנטוויקלט... און דו וועסט איינזעען, אז איך בין גערעכט און דאס קיין גרעסער גליק וועט דיר קיינמאל ניט טרעפן ווי מיט מיר צו הייראטן. איך גריס דיר הארציק ווי אויך מיין ל. אנקעל עט. טאנטע און מיין קליינען קוזין וואלאדקע. דיין דיך ליבענדער קוזין, וואס ווינשט, אז דו זאלסט עפענען די אויגן... יאקאוו אראָנאָוויטש בלומענפעלד.

P. S. כ'קען דיר נאך מיטטיילן, ליבע קוזינע, דאס אין די טעג האב איך געשלאָסן א פארבינדונג מיט א פירמא, וואס וועט מיר אריינברענגן 15 טויזנט רובל מיט איין קלאפ.

נאר וואס איז בא מיר געווען א שדכן, וואס האט מיר פאָרגעשלאגן פאר א כלה, די רייכסטע מיידל פון שטאָדט, א חוץ דעם וואָס זי האט 55 טויזנט רובל, דערוואַרט איר קירצלעך א

א גרויסע ירושה. נאר איך האב דעם שדכן קיין באשטימטן ענט־
פער ניט געגעבן, ביז איך וועל האָבן פון דיר ענטפער אויף מיין
בריוו ד. א.

די גאנצע צייט וואס כ׳האָב דעם בריוו געלעזן האָט
אניוטע באַטראַכט מיין געזיכטס אויסדרוק און געשמייכלט. וואס
דענקסט דו אניוטא צו ענטפערן דיין קוזין?

כ׳קלער אים גאָר ניט צו ענטפערן. דו זעסט דאך שוין
פון זיין בריוו זיין קרעמער זעעלע און מיר איז שוין מיאוס פאר
אים צו ווידערהאלן מיין לעבענס אנשויאונג.

ליבע אניוטא, ווי גליקלעך וואלט איך געווען, ווען איך
זאל דיך קענען מיין כלה רופן...

אויך מיין וואונטש איז, אז איך זאָל דיך קענען חתן
רופן, דערפאר זע מיט מיין פאטער צו ריידן.

דיין רייכער פאטער וועט זיך ניט וועלן פארבינדן מיט
מיר קבצן.

איך האָב דאך אבער אויך וואָס צו זאָגן, ווען מיין פאָ־
טער וועט ניט איינגיין אויף אונזער פאַרבינדונג, וועל איך אים
דערקלערן; דאס ער דארף ניט וועלן פאַר מיר א מאן וואָס אים
געפעלט, נאָר וואָס מיר געפעלט.

ווען דיין פאָטער זאָל אבער א חוץ אלעם אָפּזאגן, וואלסט
דו ליבע אניוטא זיך באשלאסן צו פאַרלאזן מיט מיר אוסאליע
און הייראטן וואו אין א אנדערע שטאדט?

יא, מיין אלעקסאנדער, דאָ האָסט דו מיין האנט דערויף.

ניין אניוטא, איך נעם ניט דיין האנט. דיין בלויס
וואָרט איז פאר מיר א גענוגנדע גאראנטי, ווייל איך צווייפל ניט
אין דיין ליבע צו מיר און אויך קען איך דיין ענערגי, ווען
ס׳זאל אויסקומען צו האנדלן.

ס׳האָט אנגעפאנגן קאַלט צו ווערן נאָכן זונען אונטער־
גאַנג און אניוטא איז געווען צו לייכט געקליידט, האָב איך פאָר־
געשלאגן צוריקצוגיין אין דאָרף אריין. אניוטא האט מיר צוגע־

ווארפן א צערטלעכן בליק, ווי ס׳ווייזט אויס האט זי פאַרשטאַנען אז איך וויל איר שיצן פון די קעלט. מיר זיינען נאך געגאַנגען איבערן דאָרף א צייט און איך האב איר צוגעפירט צו איר וואוי-נונג און באַשטימט דעם נעכסטן טאג צו איר פאטער צו קומען ווענן איר האנט בעטן און אין אוונט ווידער זיך צו טרעפן.

איך בין אפגעגאנגען עטלעכע טריט און דערהערט א פענצטער עפענען פון ערשטן זאל. איך האָב זיך אומגעקוקט און געזעען אניוטן ארויסקוקן און אראָפּווינקן צו מיר. איך האָב איר צוריקגעענטפערט און זיך געפילט ווי ראָמעאָ, און מיין יוליע האָט מיר אראָפּגעווארפן א בלימל.

צוריקקומענדיג אין מיין שטוב ביים פאלקאָווניק, האָט מיר זאכארקא, דער דענשטשיק, מיט שמחה דערציילט, דאס ער ווערט מארגן חתן.

מיט די מיידל וואס איך האָב אייך געטראפן א מאל אין גאַס?

א, ניין, ענטפערט ער. יענע איז געווען גאָר ניט קעגן די.

וואס איז די?

דאָס איז א מיידל וואס וועגט 190 פונט... און ער האט א ווינק געגעבן מיט איין אויג.

זענט איר געווען אין קינא הער אבראמזאן?

וואָס, זאכארקא, ס׳שפילט א גוטע זאך?

די ערשטע פיר אקטען זיינען מיט ליבע, מען קישט זיך מען פארט ארום אויפן וואסער, נארישקייטן... אָבער א 3 אק-טער מיט געשלעגן און א קאַבאַק, אט דאס איז געווען גוט. אוי האָט מען דארט געקלאפט א מאָרדע! א פארגניגן געווען צו קוקן... נאר מיין כלה קען אויך גלאַנגן קלעפּ. פאר איארן האָט זי געהאט א חתן, אויך א סאלדאַט, האט ער צוגעזאגט מיט איר חתונה צו האבן און איז זיך געגאנגען אהיימפארן מיטן זא-פאס. זי איז אבער ארייין אין וואגאָן און אים געפאקט און געג-לאנגט אים פעטש, אז די ציינער זיינען אים געפלויגן. אט דאס

הייסט א הערזאיסקע נקבה...

און ווי לאנג האט איר נאָך צו דינען, זאכארקא?

נאך 1 יאר, אבער זי ווייס פון 2 יאר...

פארוואס האָט איר...

אין דעם האט זיך דערהערט פרוי ראזנאאבראזניס שטי־מע, זאכארקא! און דער דענשטשיק איז ארויסגעלאפן פון מיר מיט א אימפּעט, דאס ער האט א שטול אומגעוואָרפן לויפענדיג.

די זעלבע נאכט האב איך אזוי גיך ניט געקענט איינ־שלאפן צוליב מיין פארשטייענדע הינוועגדונג צו הער בלומענ־פעלד. כאטש אניוטא האט מיך פארזיכערט, דאס אין ערגסטן פאַל וועט זי מיט מיר אוועק, אָבער פאָרט וואָלט מיר ליבער גע־ווען אירע עלטערן זאָלן איינשטימען און מיר זאלן קענען דא פארבלייבן, ווייל איך האב געוואוסט, אז אניוטא ליבט שטארק אירע עלטערן און וואלט נאך זיי געבענקט.

אויף איינמאל געפין איך זיך בא אניוטעס עלטערן אין שטוב און הער בלומענפעלד אויסהערענדיג מיין פארלאנג; רופט מיך נארישער פאנטאזיאר און איך דערקלער אים אויב אזוי, וויל איך אנטלויפן מיט זיין טאכטער, ווארפט ער מיך אראָפּ פון די טרעפּ און פאלענדיג, בין איך אויפגעקומען מיט א האַרץ קלאַפּע־ניש און זעענדיג זיך אין בעט האב איך פרייער אפּגעאטעמט.

ד. 14־טן אויגוסט.

מיט ניט ווייניק אומרו האב איך אפּגעקלאפּט בא בלו־מענפעלדען און די טיר האָט מיר געעפנט אניוטעס מוטער. אויף וועלכע ס׳איז קענטיג געווען, דאס אין די יוגנט האט זי אזוי אויסגעזעען ווי אניוטא. אויף מיין באגריסונג האָט זי פריינטלעך צוריקגעגריסט. איר געזיכט האָט אויסגעדריקט ווי זי וואלט זאגן, כ׳ווייס וועגן וואָס איר זענט געקומען און לויט איר פריינטלעכ־קייט האָב איך דעם איינדרוק באקומען, דאָס אין איר האב איך ניט א זעער שאַרפן געגנער און דאס האט מיין מוט מיט עטלעכע גראד פארהעכערט. הערענדיג, אז כ׳וויל מיט איר מאן ריידן

האָט זי מיר אריינגעוויזן אין זיין צימער און אריינגייענדיג האב איך געפילט דאָס, וואָס עס פילט זיכער אַ פארברעכער פארן ריכ־טער, וועלכער קען אים פאר׳משפט׳ען און קען אים אויך די פרייהייט געבן...

אויף אַ הויכן שטול ביים שרייבטיש איז געזעסן הער בלומענפעלד באַ אנ׳אפענעם קאַסע-בוך מיט אַ ציגאַר אין מויל און זיין קליינער זון האָט זיך געטומלט מיט אַ מעכאנישן לאָקאָ־מאטיוו אויפן דיל און דאס האט געוויזן בלומענפעלדס נערוון צו־שטאַנד...

באַ מיין באַגריסונג האט זיך בלומענפעלד אויסגעדרייט צו מיר און מיר די האנט געגעבן און אויף זיין געזיכט איז גע־ווען אַ פראגע צייכן.

וואָס פירט אייך צו מיר, יונגער מענטש? האָט ער גע־זאָגט אין אַ געשעפטמעסיגן טאָן.

כ׳האב מיט אייך, הער בלומענפעלד, וואס צו ריידן, האָב איך געענטפערט מיט אַ אומזיכערע שטימע.

וואלאדקא, גיי אריין אין דיין צימער זיך שפּילן.

דער קליינער יונג האָט אנגעקוקט דעם פאטער, ווי ער וואלט וועלן פרעגן, פאַרוואָס ער דארף ניט דאָ זיין, דאך האט ער געפאָלגט און איז ארויסגעלאפן פון שטוב, אבער באלד איז ער צוריקגעקומען, נעמענדיג זיין לאָקאָמאָטיוו פון דער ערד און מיט אים ארויסגעגאנגען און בלומענפעלד האט פארמאַכט די טיר, וואָס דער זון האָט אָפן געלאָזט. דאַן האָט ער מיך געבעטן זיצן זאָגענדיג, ביטע יונגער מאַן רעדט.

הער בלומענפעלד, האָב איך אנגעפאנגען מיט אַ שטימע, וואָס איז ניט פריי געווען פון ציטערן צוליב מיין האַרצס פאַר־שטארקטע קלאפּן. אזוי ווי כ׳האב קענען געלערנט די איידעל־קייט און גוטן כאַראַקטער פון אייער טאָכטער, נעם איך מיר די פרייהייט באַ אייך הער בלומענפעלד צו בעטן איר האַנט.

בלומענפעלד האט געענטפערט געלאסן, אבער מיט אַ שטרענגקייט אין זיין שטימע:

הערט, יונגער מאַן, אַניוטאַ איז בא מיר איין איינציגע טאָכטער און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס לויט איר יונגקייט איז זי גוט אַנטוויקלט אין שכל, דאָך קען איך מיך ניט פאַרלאָזן אף איר וואַל אליין, איך וויל אויך האָבן מיטבאַשטימונגס רעכט, ווען עס ווענדט זיך אין אַזאַ וויכטיקן שריט ווי הייראַטן. און לויט ווי איך האָב געהערט, זענט איר אַ לערער און אייערע איינקונפט זיינען געוויס ניט אַזעלכע, וואָס איר זאָלט קענען מיט אַלעס נויטיקן אַ פרוי פאַרזאָרגן. איך פאַרשטיי, דאָס ווען מיין טאָכטער האָט אייך ליב, וועט זי פון אָנפאַנגס זיך באַגניגן מיט די עקאָנאָמישע צושטענדע, אָבער מיט דער צייט וועט זי זיך אַרומזעען, דאָס זי האָט געקענט אַ רייכע פאַרטיי שליסן, ווי צ. ב. ש. מיט מיין ברודערן-זון, וועט דאַן אין אייער לעבן אַריינטרעטען אומצופרידענהייט. מיין טאָכטער וועט דאָס ניט וועלן פאַר מיר פאַרטרויען, ווייל זי אַליין האָט אַזוי געוואָלט און ניט קענענדיג ריידן וועגן איר לאַגע מיט אירע עלטערן, וועט איר טאָפּלט שלעכט זיין.

הער בלומענפעלד, מיינע איינקונפטע זיינען אויגענבליקלעך טאַקע ניט גרויסע, אָבער איך וועל מיך מי געבן ערלויבניש צו באַקומען צו עפענען אַ שולע אין אירקוטסק און דענטסמאַל צווייפל איך ניט, אַז איך וועל קענען אייער טאָכטער מיט אַלעס פאַרזאָרגן און אויך איז פאַרהאַן אין לעבן נאָך פיל זייטן, אויף וועלכע אייער געערטע טאָכטער לייגט אַ גרויס געוויכט און איך האָף, אַז זי וועט דאָס בא מיר געפינען.

כ׳וויל אייך זאָגן, אַז מיר איז גאַנץ גוט באַקאַנט די פאַרהעלטעניש צווישן אייך און מיין טאָכטער און ווען כ׳האָב איר ניט דירעקט געשטערט מיט אייך צו גיין איז עס דערפאַר, ווייל איך האָב געגלויבט, דאָס אַזוינאָך וועט זי זיך בעסער באַקענען מיט אייער מאַטעריעלע לאַגע און זי וועט איינזעען, דאָס פאַר איר איז גלייכער צו הייראַטן מיט איר קוזין, בא וועלכן זי וועט זיין מיט אַלעס פאַרזאָרגט... ווייל אַחוץ זיין יוגנט איז ער אַ טיכטיקער סוחר. וואָס איר זענט אַ גייסטיקער מאַן איז נאָך ניט געניגנט, אַפּילעט איר זאָלט דערלויבניש באַקומען אַ

שולע צו עפענען, קענט איר דאָס ניט פאַרדינען אין א יאר, וואָס א געניטער קויפמאַן קען פארדינען מיט איין האַנט־ווענדונג. לעצטנס וויל איך אייך זאָגן, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיין טאָכטער האַלט זיך באַ דאָס אירעקע, וועל איך פּרובירן צו ווירקן אויף איר, אז זי זאָל זיך גוט באדענקען וועגן דעם שריט, וואָס זי וויל באגיין. דערמיט מיין איך ניט צו זאָגן וועגן אייך שלעכטס שוין דערפאר, וואָס איך קען אייך צו ווייניק.

איך דאנק אייך, הער בלומענפעלד, פאַר אייער אפנ־הארציקייט.

אלזא הערט, יונגער מאן, איך מוז נאך מיט מיין טאָכ־טער ריידן, קומט מארגן אין דער צייט, וועט איר באשייד באַ־קומען.

איך האָב פאַרלאָזט בלומענפעלדס הויז עטוואָס באַרו־איקט, וואס איך האָב ארויסגעזאָגט דאָס, פאַר וועלכן איך האָב זיך אזוי געשראקן, וויסענדיג פארויס, ווי אַזאַ מאַן ווי בלומענ־פעלד באַטראַכט א מענטשן אויסער זיין בורזשואזנע קלאַס. אויך איז מיין שרעקן זיך געווען ניט דערפאַר, וואָס מיר וועט אויס־קומען צו ריידן מיט א רייכן מאַן, נאר דאָס, וואָס איך האָב גע־וואוסט, דאָס ער וועט מיט אלע מעגלעכקייטן זוכן צו פאַרהינ־דערן מיך פאַר אנ׳אייִדים צו האָבן. כאטש ער האָט מיך מארגן ווידער געהייסן קומען, אבער איך האָב געוואוסט פריער, דאָס ער וועט דעם צווייטן מאָל נאָך גענויער אויסדריקן זיין אפזאָג. און ווען כ׳האָב פאָרט אין מיר געפילט האָפענונג איז עס געוויס דערפאַר, וואָס איך האָב געהאַט אניוטעס פאַרזיכערונג מיט מיר אוועק צו פארן. דאָך האָב איך באַשלאָסן, אז דאָס זאָל זיין דער אלערלעצטער מיטל.

איך האָב אוועקגעשריבן א קארטל נאָך טעלמא, אז איך מוז נאך אנ׳עקסטרא טאָג אין אוסליע פאַרבלייבן.

פארנאכט האב איך זיך געטראפן מיט אניוטען און איר איבערגעבן וועגן מיין געשפרעך מיט איר פאטער און זי האט מיר געענטפערט, דאס איר פאטער, צוליב פארנומענקייט, האט נאָך דערווייל מיט איר ניט גערעדט און דאָך האָט זי מיך ניט

אויסגעפּרעגט דעם אינהאַלט פון געשפּרעך, בין איך זיכער גע־
ווען, דאָס זי האָט זיך אונטער די טיר אונטערגעהערט...

פּונקט האָט אָנגעפאַנגען צו רעגענען, האָבן מיר באַש־
לאָסן אַריינצוגיין אין קינא, וואו דער הויפּט בילד איז געווען
„מימאָזאַ", אַ דראַמע, און זאַכאַרקאַס אומצופרידענהייט מיט דער־
זעלבער, איז פאַר מיר געווען אַ באַווייז, אַז זי איז גוט...
באַלד נאָכדעם ווי מיר האָבן אונזערע פּלעצער פאַרנומען, איז
אַריינגעקומען דער אָפיצער, אַניוטעס פאַרפאָלגער. כ'האָב ניט
געוואוסט, צו איז ער געקומען פאַר צופאַל אָדער האָט ער אונדז
געזען אַריינגיין, דאָך האָב איך געגלויבט דאָס לעצטע איבער־
הויפּט, ווען מען האָט איינעם פיינט, איז זעלטן וואָס מען זוכט
אים אַ זכות, כאָטש פילמאָל איז אַזאַ האַנדלונג אומקאָרעקט. ווען
ער איז פאַרבייגעגאַנגען די רייע, וואָס מיר זיינען געזעסן האָט ער
אויסגעגלאָצט זיינע היסטערישע אויגן אויף אַניוטן און אויסגעשעפּ־
טשעט „מיין שעטצכען" ער האָט זיך געזעצט מיט צוויי רייעס
פאַר אונזערע און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אַניוטן.

ווען ס'האָט אָנגעפאַנגען שפּילן האָט אַניוטאַ פאָרגעשלאָגן
אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן דעם ביאָגראַף כדי צו קרענקען דעם אָפי-
צער. מיר האָבן דאָס געטאָן און זיך פאָרגעשטעלט די מינע
וואָס ער וועט מאַכן, ווען אין זאַל וועט ליכטיק ווערן און ער
וועט אונדז ניט זעען.

דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט און אין אַ קאַפע
האָט אַניוטען ניט געפּאַסט מיט אַריינצוגיין און צו דעם רעסטאָ־
ראַן פון די קור־געסט איז געווען צו ווייט, ווען ס'האָט גערעגנט
— האָב איך איר צוגעפירט צו איר וואוינונג און זיך מיט איר
פאַראָפּשיידט.

דעם נעכסטן טאָג בין איך אין דער באַשטימטער צייט
מיט אומגעדולד צו הער בלומענפעלד אַרויפגעגאַנגען און אים גע־
טראָפן באַשעפטיקט ביים שטשאָט, פון וועלכן די רעדעלעך האָבן
געוואַנדערט הין און צוריק אונטער זיין פלינקע באַהאַנדלונג. אויף
מיין באַגריסונג האָט ער ערשט געענטפערט אין אַ ווײַלע, ווען
ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן רעכענונג. ער האָט מיך געבעטן

זיצן און באַלד אנגעפאנגען צו ריידן:

מיין טאָכטער האט איר באשלוס ניט פארענדערט, אָבער דאך ראַט איך אייך איר זאלט זוכן זי צו פאַרגעסן וועט אייך ביידע בעסער זיין... אויך איז מיין טאכטער נאך יונג, זי האט נאך צייט פארליבט צו ווערן... צום ווינטער פאר איך נאָך יעווראפעאיש רוסלאנד און איך וועל מיין טאָכטער מיטנע־מען, זי זאָל זיך מער מיט די וועלט און מענטשן באַקענען און דורך דער צייט, וועט איר אפשר ביידע אנדערע געדאנקן פאסן און ווען ניט, וועט מען דענטסמאל וועגן דעם ריידן.

הער בלומענפעלד, אייער ראַט קען איך ניט דערפילן, פארגעסן אייער טאָכטער איז מיר אוממעגלעך, נאָר נאטירלעך אייך צווינגען, אז איר זאלט איינגיין אויף מיין פאַרלאַנג קען איך אויך ניט, נאר כ׳וועל מיך מוזן באגניגן דערמיט, וואָס די צו־קונפט וועט ברייננגען...

הייסט דאס, זאָגט בלומענפעלד, מיט א שלעכט באַהאַל־טענע צופרידענהייט, דאס איר געט אויף זיך צו טרעפן מיט מיין טאכטער?

ניין! הער בלומענפעלד, דאס וועל איך ניט טאן, ווי לאַנג אייער טאָכטער ווייזט מיר ניט צוריק.

איר וועט מיר אנטשולדיקן, וואס איך מוז איבעררייסן דעם געשפרעך, כ׳האָב מער קיין צייט ניט... זאָגט בלומענ־פעלד אין א בייזע שטימע. אויך זאג איך אייך מיין לעצט וואָרט, דאס מיין יא וועל איך ניט געבן.

אדיע, הער בלומענפעלד, אנטשולדיקט פאר די צייט, וואָס איך האב באַ אייך אוועקגענומען און איך בין צו די טיר געגאנגען, בשעת בלומענפעלד האָט גענומען אן אַ פלאן נערוועזש אויפן שטשאָט קלאַפּן אין דעם איז האַסטיק די סאַלאָן טיר אויפ־געמאַכט געווארן און אניוטאַ איז ארייינגעקומען מיט א פערפלאַמט געזיכט. זי איז צו מיר צוגעלאפן און מיך באַ דער האנט גענו־מען.

אלעקסאַנדר מאָסעיעוויטש! וואַרט א אויגענבליק!

איר באַפעל איז פאר מיר געווען א געזעץ און איך בין

שטיין געבליבן. בלומענפעלד האָט האַסטיק פון זיך אַ שטויס אוועק געגעבן דעם שטשאָט און מיט אומצופרידענהייט די סצענע באַטראַכט.

אַניוטאַ איז צוגעגאַנגען צו איר פאָטער זאָגענדיק:

פאָטער, ביסט דו אַ גוטער פריינט דיין טאָכטער?

איז די פראַגע ניט אַן׳איבעריקע, אַניוטאַ?

ווען אַזוי בעט איך דיך ל׳ פאָטער און שטער מיר ניט מיין וואַל. ווילסט דו ווירקלעך מיך גליקלעך זעען, קען עס פּאַסירן נאָר דאַן, ווען דו וועסט דיין איינשטימונג געבן צו דער פאַראייניגונג פון מיר און אַלעקסאַנדער מאַסעיעוויטש. אַחוץ דער טויט וועט מיר קיין זאַך ניט הינדערן מיין באַשלוס אַדורכצופירן, אַפילעט ווען דו זאָלסט מיך ל׳ פאָטער פון דיין הויז פאַריאָגן, כאָטש איך גלויב ניט, אַז דו וואָלסט אים שטאַנד געווען אַזוי האַרט צו האַנדלען קעגן דיין איין איינציקע טאָכטער, וואָס ליבט דיך אַזוי שטאַרק. אויך האָסט דו געזאָגט, אַז דו וועסט מיך לאָזן אַליין מיין וואַל טרעפן.

איך האָב זיך זעער אומבאַקוועמט געפילט, וואָס אין מיין געגנוואַרט האָט אַניוטאַ מיט איר פאָטער אַזוי גערעדט וועגן מיר, דאָך האָב איך ניט געקענט באַשולדיקן אַניוטן אין טאַקטלאָזיקייט, ווייל זי האָט זיך געפונען אין שטאַרקן אַפעקט. בלומענפעלד האָט געענטפערט:

האָסט דו פאַרגעסן, אַניוטאַ, אַז דו ביסט ערשט 19 יאָר אַלט?

און ווען כ׳זאָל מיך לויט דיין וואונש פאַרליבן מיט מיין קוזין, בין איך דאָך אויך ניט מער ווי 19 יאָר...

באַלד איז אַריינגעקומען פרוי בלומענפעלד, זי איז צוגעגאַנגען צו איר מאַן זאָגענדיק:

אַבראַם פעסאַכאָוויטש, צופעליק... האָב איך געהערט דיין לעצטע באַמערקונג; אַז אַניוטאַ איז ערשט 19 יאָר אַלט, האָסט דו פאַרגעסן, אַז ווען דו האָסט מיט מיר געהייראַט בין איך ערשט 18 יאָר אַלט געווען און דאַן האָבן מיר דאָך באַשלאָסן, אַז מיר וועלן אַניוטן לאָזן אַליין באַשטימען אין דער פראַגע.

אין דעם מאָמענט וואָלט איך גערן געוועזן פרוי בלומענ־פעלד געקישט פאַר אירע רייד. אירע ווערטער האָבן ווי ס׳ווייזט אויס ענטוואָפנט בלומענפעלדס אמביציע און אויסריידן. זיין גע־זיכט האָט אָנגענומען א מילדערן אויסדרוק, ער האָט אויסגע־רעדט:

ווען איך וועל מיט דיר, אניושא, איינשטימיק זיין, וועסט דו שוין זיין גליקלעך?

יא, ליבער פאָטער, פולשטענדיק גליקלעך און צופרידן.

ווען אזוי, גיב איך מיין יא!

אניוטאַ האָט ארומגענומען איר פאָטער און אים גע־קישט. ער האט איר צוריקגעקישט און פרוי בלומענפעלד איז געשטאנען זעער באוואויגן אין אירע אויגן האבן געגלאַנצט טרערן. אניוטא איז אויך איר מוטער אפן האַלדז געפאַלן.

איך בין געבליבן שטיין אזוי צעטומלט, דאס איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאָרצונעמען, אבער באַלד האָט בלומענפעלד אויסגערופן:

קומט נענטער, הער אַבראַמזאָן.

כ׳בין צו אים צוגעגאַנגען, ער האָט מיין האנט גענומען זאגענדיג:

ווען מיין טאָכטער גלויבט, אז זי קען צוזאַמען מיט אייך גליקלעך זיין, זאָל גאָט אייך זיין זעגן געבן.

איך דאַנק אייך האַרציק, הער בלומענפעלד, און איך האָף, אז כ׳וועל אייך ניט א גרונט געבן חרטה צו האבן צו אייער צושטימונג.

אויך פרוי בלומענפעלד האָב איך געדאנקט פאַר איר אויסגעצייכנטן דעפענסאראט. אניוטאַ האָט אויף מיר געקוקט מיט אויגן, וואָס האָבן געלויכטן פון צופרידענהייט, אויף איר געזיכט איז געלעגן א שמייכל. איך האב איר האַנט געדריקט אן א ווערטער בלויס אונזערע אויגן האבן גערעדט די שפראַך, וואָס פארליבטע פארשטיין.

אניוטעס עלטערן האבן מיך ניט אוועקגעלאָזט, נאָר גע־בעטן צו פארבלייבן דעם אוונט.

אין זייער שיינעם גאַסטצימער האָט אלעס געפינקלט און שעמערירט. יעדע זאַך איז מיט געשמאַק אויפן ארט געשטאַנען. איבער אלעם האָט געשוועבט די פרויען האַנט. אניוטעס הויז־ביבלאָטעק האָט זיך אין צאל ביכער געקענט מעסטן מיטן ארטיקן בוכהאַנדל, אָבער פארשטייט זיך, אז באַ מיר איז ניט געוועזן די מעלה, וואָס זי האָט פיל ביכער נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן רעפרעזענטירט אלע באַרימטע דיכטער. אניוטא האָט מיר ניט געצייגט זייער פיל גאָלד און זילבער, נאר די אלע זאכן, וואָס האָבן מער אדער ווייניקער א גייסטיקן אינטערעס געהאט...

שפּעטער איז דער טיש סערווירט געוואָרן מיט אלערליי עסנוואַרג און געטראַנקן, אבער מיין אפּעטיט איז דעם אוונט זעלבסטפאַרשטענדלעך געזינקן געוועזן... פרוי בלומענפעלד האָט פריילעך געפּלוידערט און זיך ארויסגעוויזן אַלס א פרוי מיט גרויס אינטערעס פאַר קונסט. בלומענפעלד איז אויך געוועזן אין גוטן הומאָר און האָט דעם אָוונט גאָר ניט וועגן געשעפט גערעדט אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט איינגעזעען מיין קנאַפּע בקיאות אין דער ריכטונג אדער האט ער פאַרשטאַנען, אַז מיך אינטערעסירט דאס גאנץ ווייניק. אבער דאָך האָט זיך ארויסגעזעען אין אים דער געשעפטסמאַן, ער האָט זיך ארויסגערעדט וועגן א בעשטימטן געגנשטאַנד; דאָס ס׳איז שטאַרק ווי א אייזערנע קאַסע, אבער ס׳איז זיכער ווי א אונטערגעשריבענע וועקסעל פון א באַצאָלפעאיקן מאַן. אניוטאַ איז געוועזן פריילעך און צופרידען און וועגן מיין צופרידענהייט, קענסט דו, ליבער חבר, זיך אליין א באַגריף מאַכן.

דעמזעלבן אוונט איז באַשטימט געוואָרן די אָפיצעלע פאַרלויבונג אין 10 טעג ארום כּדי דורך דער צייט מיינע עלטערן וויסן צו געבן און זיי פארצושטעלן פאר פאַמיליע בלומענפעלד.

ווען איך האָב נאָך א הארציקן אפשייד מיט אניוטען און מיינע צוקונפטיקע מחותנים פארלאָזט אוסאליע, האב איך צו מיינע עלטערן א בריוו געשריבן און באַשטימט א טאג, ווען זיי זאָלן צו מיר קומען, כּדי מיר זאָלן צוזאַמען פאַמיליע בלומענפעלד באַזוכן.

ד. 16 אויגוסט.

מיין היינטיקער בריוו וועט דיך געוויס ניט ווייניק איבערראשן, ווען דו זאלסט וועגן אזאַ מענטשן מיט וועלכן איך האב זיך היינט באגעגנט אין אַ ראמאן לעזן, וואלסט דו לויט ווי איך קען דיך זיכער געגלויבט, אז דער פארפאסער האט איבער־טריבן און איך מוז דיר זאָגן, דאס כאטש איך האב שוין דאס איבערגעלעבט, דאך ווייזט זיך מיר אלץ אויס ווי איך האב נאר גע׳חלומ׳ט, אז ס׳זיינען פארהאַן מענטשן, וואָס זייער פארדאר־בענער כאראקטער קען האבן אזאַ אומפאַנג, אָבער דאך איז דאס אַ פאקט:

צעמאָרגענס נאך מיין צוריקקומען פון אוסאליע, האט פריילין נאדיאַ מיך געבעטן איך זאל זי באַגלייטן אונטערן דאָרף וואו זי וויל סקיצירן אַ לאַנדשאַפט. איך האָב איר באַגלייט און זיך געפילט גלייך ווי איך באַגיי אַ פאַרברעך קעגן אַניוטן. צו אונטערהאַלטן זיך מיט איר איז גאָר ניט לאַנגווייליק. זי האט מיר אויך אַ לעקציע געגעבן אין מאלער-קונסט און וואלטן מיינע געדאַנקען ניט געווען געווידמעט אַניוטען, וואָלט איך אירע דער־קלערונג בעסער געווען, באַגריפן.

אין דער שטונדע וואָס איך דאַרף לערנען מיט די קינ־דער, האָב איך געמוזט אַהיים גיין און פריילין נאַדיאַ איז מיט־געגאַנגען. קומענדיג אין הויז באַגעגענט מיך דער יונגער וולאזאוו און זאָגט צו מיר:

אַלעקסאנדער מאָסעיעוויטש, מיט אַ האַלבע שטונדע פרי־ער איז דאָ געווען אַ פיעכאָטנע קאַפיטאַן לויט די פאָרמע איז קענטיג דאָס ער געהערט צו אַנ׳אירקוטסקער פאלק און געפרעגט אויף אייך. איך האָב געזאָגט דאָס איר וועט אַודאי באַלד קומען און לויט ווי כ׳האָב אים באַטראַכט איז ער געווען זעער אויפגע־רעגט און היסטעריש, ער האָט מיר זעער ניט געפאַלן.

איך האָב וולאזאָוון געפרעגט איבער יענעמס פיזיאָגנאָמיע און לויט ווי ער האָט מיר געשילדערט, איז פאַר מיר קלאָר גע־ווען, דאָס ס׳איז אַניוטעס פאַרפאָלגער.

כ׳ וועל מיר דערלויבן צו פרעגן אַלעקסאַנדער מאָסע-יעוויטש, איז ער אייער אַ באַקאַנטער?

ניין, סערגיי אלעקסעיעוויטש. מער האָט ער מיך ניט געפרעגט...

אז ער איז ניט געקומען מיר אפשטאטן א העפליכקייטס וויזיט, איז באַ מיר קיין צווייפל ניט געווען דערפאר, האב איך פאר זיכערקייט צו מיר גענומען דעם געלאָדענטן רעוואָלווער און דאָך געהאפט, אז ס׳זאל מיר ניט אויסקומען אים צו געברויכען, אזוי ווי ביז יעצט.

לאנג וואַרטן האָט מיך דער אפיצער ניט געלאזט, אומ-געפער אין א האַלבע שטונדע האָב איך אים געזעען אפן וועג צו מיר און באַלד געהערט א שווער קלאַפּן אין טיר. נאך מיין בי-טע איז אריין דער קאפיטאן.

גראף וולאַדימיר פּאַוולאָוויטש אלעקסעיעוו, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, שאַרף באַטאָנענדיג דאָס וואָרט גראַף.

איך האָב זיך אויך פאָרגעשטעלט און אים געבעטן זיצן. ער האט זיך ניט געזעצט נאָר געזאָגט:

כ׳בין שוין איינמאל דא געווען און אייך ניט געטראָפן. דאָס האט ער גערעדט אין א פאָרוואורפס טאָן גלייך, ווי איך וואלט געדאַרפט זיין א נבי, אז ער וויל מיך באַערן מיט זיין באַ-זוך און דערפאר ניט געדארפט פון שטוב ארויסגיין.

דאָס וואס איר האָט מיט מיר צו ריידן, גלויב איך, קענט איר עס אויך יעצט טאן, זאג איך מיט שטאָלץ. מיין טאָן האָט אים ווי פאַרדראָסן גלייך, ווי ער אלס גראַף קען זיך נאָר אזאַ טאָן דערלויבן. ער האָט אויף מיר אנגעשטעלט א פאָר אויגן פול מיט כעת זאָגענדיג:

יא, דאָס גלויב איך אז מ׳קען. כ׳האָב געוואָלט אייך פרעגן, צו פריילין בלומענפעלד איז אייער געזעצלעכע כלה?

דאָס וועל איך מיך דערלויבן אייך ניט צו ענטפערן. מיט וואָס פאַר א רעכט פארלאנגט איר רעכענונג פון מיין פרי-וואַטן ל׳עבן? פאַרוואָס פרעג איך ניט אייך, ווער ס׳איז אייער געזעצלעכע כלה.

מיט דעם רעכט, וואס איך בין גראַף אלעקסעיעוו! ענ־טפערט ער ברוטאל.

פאַר מיר איז דאס קיין גרונט ניט. פארגעסט ניט, דאס כ׳בין ניט איינער פון אייערע סאָלדאַטן, וואָס איז אונטער־וואָרפן אייער קאמאַנדא.

ווען איר נעמט פילאזאפירן, צו וועלכן איך האָב גאָר קיין חשק ניט, וויל איך באלד צוגיין צו דער זאַך און אייך זאָגן, דאט איר זאלט אייך ענטזאגן פון פריילײן בלומענפעלד, ווייל באַ אייך פארשאלטענע יידען איז א פארקערטער מאָראַל באַגריף... א יידיש מיידל מיינט, אַז ווען זי האָט א חתן, טאר זי זיך מיט קיין אנדערן ניט אפגעבן.

מיט וואָס פאר א רעכט קומט איר צו מיר מיט אזאַ גע־מיינעם פארשלאָג?

מיט די רעכט, וואָס זי געפעלט מיר און כ׳וויל זי באַ־זיצן מיטן גוטן אדער בייזן...

האָט איר וויסהייט, אז פרל. בלומענפעלד וויל זיך מיט אייך פארבינדן?

ניין! אין געגנטייל זי ווייזט מיר ארויס פאראכט, אבער דאָס אַרט מיך ניט... מיר האָט נאָך ניט געטראָפן, אז אַ פרויענצימער זאָל ניט נאכגעבן מיין ווילן.

אויב אזוי איז א בעוויז, דאָס ביז יעצט האָט איר נאך ניט געטראָפן אַזאַ מיידל ווי פרל. בלומענפעלד...

אלזא, איך ווידערהאל נאך אמאָל, ענטזאָגט אייך פון פרל. בלומענפעלד, פאַסקודנער זשיד, דאס האָט ער אויסגע־שפראָכן אין א שטאַרק באַפעלענדען טאן און א זעץ געגעבן אין טיש.

ערשטנס וויל איך אייך זאָגן, דאָס איך אלס פאסקוד־נער זשיד, וואלט קיינמאל זיך ניט געוואַגט צו קומען צו ווענען מיט אזעלכע נידעריקע פארשלאָגן און דאַן וויל איך אייך זאָגן, דאָס איר זאלט אייך באַ מיר אין שטוב אויפפירן ווי א מענטש און איבערהויפט וועל איך אייך מער ניט ענטפערן.

נאך מיינע לעצטע ווערטער האָבן זיך באַ אים די אויגן

אנגעצינדן, ווי בײַ אַ רויב חיה, וואָס דערזעט אַ אפּער. זיין גע־זיכט איז פאַר כּעת געוואָרן טויט בלאַס און ער האָט אויסגע־שריגן מיט אַ לייבן שטימע:

דו סקאָטינאַ, דו ווייסט מיט וועמען דו רעדסט, און האָט מיר געגעבן אַ שטויס אין ברוסט, אַז איך בין צו די וואַנט צוגעפאַלן און אַראָפּגעוואָרפן אַ פאָטאָגראַפיע רעמל און ער האָט גענומען זיך טאַפּן ביים רעוואָלווער שיידל, איך האָב פעסט מיין רעוואָלווער אין טאַש געדריקט און געוואָלט, ער זאָל דאָס באַ־מערקן. אין זעלבן אויגענבליק האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט און דער יונגער וולאַזאָוו איז אַריינגעקומען מיט אַ רויט געזיכט פון אויפרעגונג, אויסשרייענדיק צום קאַפּיטאַן:

וואָס רייסט איר זיך אַריין אין אונדזער הויז סקאַנדאַלן מאַכן פונק ווי אין אַן׳אָפיצערן קלוב און כאַפּט שלאָגן אונזער לערער. איירע היסטערישע קולות הערן זיך איבערן גאַנצן הויז. ניט אַנדערש ווי דער טייוול זיצט אין אייך.

וועלכע רוחות האָבן אייך דאַ אַריינגעבראַכט? איך בין ניט געקומען צו אייך, נאָר צו אייער הויז לערער, דאַן, טשאָרט וואָזמי, דאַרפט איר וויסן, דאָס איר רעדט מיט גראַף אַלעקסעיעוו.

פון אייער אויפפירן זיך האָב איך דעם איינדרוק באַקו־מען, דאָס איך רעד מיט אַ משוגע׳נעם אָדער אין בעסטן פאַל מיט אַ איינפאַכן שורקע.

דער אָפיצער האָט גענומען ציטערן פאַר כּעת, ער האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט פון שיידל זיין בראַונינג און אים געוואָלט אָפּשטעלן אויפן סטודענט, אָבער וולאַזאָוו האָט אים געגעבן אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ אין האַנט, דאָס דער רעוואָלווער איז אים פון האַנט אַרויסגעפאַלן און מאָמענטאַל האָט ער זיין מויזער אויף אים אָפּגעשטעלט אויסשרייענדיק:

אַרויס, איר לומפּ און באַנדיט פון מיין הויז.

דער אָפיצער האָט געקריצט מיט די ציינער פונקט ווי אַ ליידנשאַפטלעכער יעגער, בײַ וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעדרייט די חיה, וואָס ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט זי שיסן.

דער יונגער וולאַזאָוו האָט אויפגעמאַכט די טיר, זאָגענדיק:

ארויס פון דאנעט חיה אבער זאפארט. דערביי האט ער געדריקט דעם רעוואלווער אין האַנט.

דער אָפיצער איז ווי א געשלאגענער הונט ארויס פון שטוב און דער סטודענט האָט מיט כּעת אַ האַק צוגעגעבן די טיר נאָך אים. פון די ערד האָט ער אויפגעהויבן דעם גראפס רעוואלווער, פון אים ארויסגענומען די פּאטראנען און אים דורכן פענצטער נאָכגעווארפן. ווען דער אפיצער האט דערזעען א סאלדאט, האט ער אים געהייסן אויפהייבן דעם רעוואלווער און ווען יענער האט דאס געטאן, האט ער פון אים צוגענומען דעם רעוואָלווער און פאר זיין געהארכזאמקייט אים געגלאנט אַ פּאַטש, דאס דער סאלדאט איז פארבלוטיקט געווארן. דאס האט ער געטאן, ווי ס'ווייזט אויס, אויסצעלאָזן דעם כּעת צו א פערזאָן, וואָס וועט אים ניט א ווידערשטאַנד געבן... דאָס האָב איך באַמערקט דורכן פענצטער.

א האַרציקן דאנק, סערגעי אלעקסעיעוויטש, וואָס איר האט מיך באפרייט פון דעם גאסט.

איר האָט מיר ניט פארוואס צו דאנקען, אלעקסאנדר מאָסעיעוויטש. ער האָט מיר באַלד ניט געפאלן, דערפאר בין איך די גאנצע צייט אין הויז געשטאַנען און געווארט אויף א פסיכאָלאגישן אויגענבליק, אין וועלכן איך זאָל אים קענען ארויסבעטן פון הויז. און איך גלויב, אז דער חשק וועט אים פארגיין אייך נאך אמאָל צו באַזוכן.

דאס גלויב איך אויך, סערגעי אלעקסעיעוויטש.

ד. 20 אויגוסט.

לויט אפשטימונג זיינען מיינע עלטערן צו מיר געקומען און מיר זיינען צוזאמען נאך אוסאליע אפגעפאָרן. באַ בלומענפעלדען זיינען מיינע עלטערן זעער פריינטלעך אויפגענומען געווארן און אניוטא, וואס האט געהאט אייניקע קלייניקייטן צו באזאָרגן אין שטעדטל, האָט ניט דעם געוויסן געהאט זיך צו שאפן מיט זייער דינסט, נאר איז אליין געגאנגען און איך האב איר באגלייט.

אניוטא האט געליבט מיינע עלטערן, דאס כאטש זיי זיינען עלטערע מענטשן, אבער דאך מיט מאדערנע אנשויאונגען. אויך האט זי מיר איבערגעבן, דאס גייענדיג נעכטן אין גאַס, איז איז איר דער אפיצער ווידער נאכגעגאנגען זאגענדיג:

ווען וועט איר שוין, פריילין בלומענפעלד, פארנונפטיק ווערן... און מיר ווייניקסטנס איין אוונט אפּערן?

כ'האב אים ניט געענטפערט.

כ'האב אניוטן איבערגעבן, וואס בא מיר אין שטוב איז מיט אים פארגעגאנגען און אויך אניוטן האט דאס א זעער פייני־קענדן איינדרוק געמאכט און מיך האט פארדראסן, פארוואס איך האב די געשעעניש ניט פארשוויגן.

אניוטא האט זיך געוואונדערט, פארוואס ער האט ניט געזוכט מיט מיר דא צו ריידן, נאר ערשט מיך אויפגעזוכט אין טעלמא. איך האב געזאגט מיין מיינונג, אז ס'מוז זיין דעריבער, וואס ביים פאלקאווניק אין הויז האט ער ניט געוואגט סקאנדאלן צו מאכען און אין גאס האט אים אודאי ניט געפאסט מיט מיר זיך אפצושטעלן. אניוטא האט מיר איבערגעבן, דאס זי האט זיך דערוואוסט, דאס ער איז פון אירקוטסק דא אהער געקומען אויף פעריע און אחוץ וואס ס'קומען גאנץ אפט אהער צו אים פון אירקוטסק דאַמען, דאך פארפאלגט ער דא אלע ארטיקע מיידלעך.

נאכדעם ווי אניוטא האט באזארגט, וואס זי האט נוי־טיק געהאט, האט זי פארגעשלאגן, דאס היינט וועלן מיר ניט שפאצירן מיינע עלטערן צוליב. נאטירלעך האט מיך געפרייט, אַז זי האט דאס פארגעשלאגן...

פאַרנאכט איז אויך געקומען לויט איינלאדונג די צווייטע יידישע פאמיליע בראדיאנסקי און מען האט פארבראכט א לוסטיקן אוונט.

מיין מוטער האט פון אניוטען אנ'אויג ניט אראפגענומען און מיר געזאגט אין דער שטיל, מיט אזא כלה וועסט דו דיך ניט האבן וואס צו שעמען אין דער גאנצער וועלט. און איך האב איר דורך די קורצע צייט וואס איך קען איר זי ליב באקומען ווי א אייגענע טאכטער.

אניוטא האט געשפּילט עטלעכע אפּערע אריען מיט גרויס געפיל און אויסגענומען בא אלע.

ווען ס׳איז שוין שפּעט געווארן, האבן מיר באגלייט די פאמיליע בראדיאנסקי און די עלטערן און איך האבן באקומען אנגעוויזן עקסטרא צימערן צום שלאפן און ערשט צעמארגנס האבן מיר פארגניגטע פארלאזט פאמיליע בלומענפעלד, מיין פאטער האט מיר אין באן איבערגעבן, דאט בלומענפעלד האט אים געזאגט, דאס ער גיט אניוטן 20 טויזנט רובל נדן. אבער איך האב געבעטן מיין פאטער וועגן די פראגע ניט צו ריידן. ס׳איז געווען א באליידיקונג פאר מיר וועגן נדן צו טראכטן אין פארבינדונג מיט מיין ליבע אניוטא. און אויך א באליידיקונג פאר איר, אז זי זאל דארפן א מאן געלט צו צאלן.

ד. 25=טען אויגוסט.

ווען דו וועסט ליבער חבר זיך באקענען מיט דעם אינהאלט פון יעצטיקן בריוו, וועסט דו דיך ניט וואונדערן איבער מיין ציטערענדיקע האנטשריפט.

אויפן דריטן טאג נאך מיין לעצט צוריקקומען פון אוסאליע בין איך גאנץ פרי אויפגעשטאנען כדי אלעס צייטיק אין ארדענונג צו ברייגען צו מיין פארלויבונג אויפן נעכסטן טאג. מיין פריידע איז געווען גרעניצלאז צוליב דעם, וואס באלד וועל איך אניוטן קענען מיט רעכט מיין כלה רופן און דערמיט קענען אן הינדערניש צו אניוטען אין שטוב קומען כאטש איך האב געפילט, אז דאס טרעפן זיך מיט א געליבטע אין געהיים אונטער די שפּאנונג אויב איך וועל איר נאר היינט זעען האט אין זיך מער אידיליע, ווי דאס, וואס מען קען פריי און צו יעדע צייט מיט די געליבטע זיך טרעפן. איך האב זיך שוין פארגעשטעלט דעם פארלויבונגס פעסט אין בלומענפעלדס שיינע צימערן אין וועלכע ס׳זיינען פיל געסט פארזאמעלט אבער קיין איין איינציקע פון די פרויען געסט קענען זיך ניט מעסטען מיט אניוטען אין שענהייט און גראציע. אלעמענס אויגן זיינען געריכטעט אויף איר יעדער באוואונדערט איר און איז ענטציקט פון איר נאר א

קלאפן אין מיין טיר האט מיר מיין פאנטאזיע צעשטערט. ס׳איז אריינגעקומען וולאזאווס דינסט און מיר מיטגעטיילט, דאס א הער און א דאמע ווילן מיט מיר ריידן, איך האב געוואוסט, אז מיינע עלטערן קען עס ניט זיין, ווייל זיי פארן ערשט מארגן נאך או־סאליע און איך דארף זיי אויף דער סטאציע טרעפן און מיט זיי מיטפארן, דערפאר האב איך געזאגט די דינסט זאל זיי אריינבעטן און מיט נייגעריקייט אויף די טיר געקוקט, ווער די באזוכער זיי־נען.

צו מיין איבערראשונג איז אריינגעקומען הער און פרוי בלומענפעלד און דערזעענדיג זייערע באטריבטע, צעשראקענע גע־זיכטער, האט עס מיר געגעבן א שטאך אין הארצן. איבערהויפט זייער פלוצלינגער באזוך אזוי פרי.

זייט ווילקאמען, מיינע ליבע מחתנים, און זעצט אייך.

זיי האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, גאר ניט געהערט, וואס איך האב געזאגט, נאר פרוי בלומענפעלד פרעגט מיט א נערוועזשע שטימע:

זאגט מיר, אלעקסאנדער מאסעיעוויטש, געפינט זיך ניט בא אייך אניוטא?

די פראגע האט מיך ציטערן געמאכט און איך האב דערשראקן געפרעגט, איז דען אניוטא ניט אין דער היים?

ניין, ענטפערט בלומענפעלד, וואס האט זיך די גאנצע צייט זיך ארומגעקוקט אין יעדן ווינקל... נעכטן, ארום 2 נאכמי־טאג, איז אניוטא ארויס אין גאס זאגענדיג, אז זי גייט אין בוכ־האנדל און אזוי ווי דער זייגער איז שוין געווען 9 אוונט און זי איז נאך אלץ ניט צוריקגעקומען, האט דאס אונדז אנגעפאנגען צו באאומרואיקן, נאר מיר האבן זיך באלד איבערדענקט, דאס פי־לייכט זענט איר געקומען און זי איז מיט אייך אוועק שפאצירן און כדי פעסטצושטעלן, אויב ס׳איז אזוי ווי מיר דענקען, האבן מיר אהינגעשיקט צו פּאָלקאווניק ראזנאאבראזני זיך דערוויסן, אויב איר זענט געקומען און זיך דערוויסענדיק אז ניט, האט אניו־טעס אויסן בלייבן אונדז אנגעפאנגען שוין שטארק באקימערן. ווי־סענדיג, דאס אליין וועט אניוטע זיך ניט זוימן אזוי לאנג. מיר

האבן זיך דערוויסט אין בוכהאגדל, אז אניוטא איז ניט דארט גע־ וועז דעם טאג. איך האב זיך נאכגעפרעגט בא אלע אירע חבר׳- טעס, אבער בא קיין איינע איז זי ניט געווען. מיר האבן זיך אנגעפאנגן זעער שטארק שרעקן, אבער ווידער זיך געטרייסט, דאס אפשר זענט איר יא געקומען אן צו זיין ביים פאלקאווניק און איר שפאצירט מיט אניוטן, דערפאר האבן מיר מיט די גרעס- טע שפאנונג געווארט ביז 12 באנאכט. מיר האבן זיך צוגעהערט צו יעדן שארך, צו יעדע מינדסטע באוועגונג פון דרויסן גלוי־ בענדיג, אט, קומט אניוטא. אזוי איז דער זייגער געווארן 1 און מיר האבן זיך דערפילט דערשלאגן און צעבראכן און מיין פרוי האט מיך געגומען טרייסטן, אז ניט אנדערש, אניוטא איז אודאי נאך טעלמא געפארן, דען זי האט איר פארטרויעט, אז זי איז שוין אמאל געוועז אין טעלמא, בא איר שולע קאמעראט, יעווגע־ ני קראוטשענקא, כדי זיך מיט אייך צו זעען און ס׳קען זיין, דאס זי האט פארשפעטיקט דעם אוונט צוג און אפשר האט איר זי ניט אוועקגעלאזט. אבער א חוץ דעם זיינען מיר די גאנצע נאכט ניט געשלאפן, קוים זיך דערווארטענדיג דעם טאג.

מיטן 8-ער צוג זיינען מיר אהערגעקומען און גלייך אהין צו פאמיליע קראווטשענקא און דערהאלטן די טרויריקע נאכריכט, אז אניוטא איז בא זיי ניט געווען. מיר האבן זיך גע־ קלאמערט צו דעם געדאנק דאס ניט אנדערש, אז אניוטא איז בא אייך, אויף וויפיל ס׳איז אונדז שווער געווען דאס צו גלויבן אויף אניוטען... און יעצט הערענדיג, אז זי איז דא אויך ניט גע־ וועז, זיינען מיר די אומגליקלעכסטע מענטשן אף דער וועלט און טרערן האבן אנגעפאנגן צו רינען פון זיינע אויגן. און פרוי בלומענפעלד איז געווארן געל ווי וואקס און זיך נערוועזש פו־ נאנדערגעווייגט. איך אליין בין געבליבן שטיין אזוי ווי פאראלי־ זירט און טרויריקע מחשבות האבן זיך אין מיין קאפ פארקליבן.

זאגט מיר דעם אמת, אלעקסאנדר מאסעיעוויטש, זאגט ווייטער הער בלומענפעלד מיט א וויינענדיקע שטימע, אפשר איז אניוטא יא דא געווען באנאכט, נאר איר פארדעקט דאס, כדי אונדז ניט אגמת נפש צו פארשאפן?...

אנשטאט א ענטפער, זיינען מיר טרערן אין די אויגן געקומען, ביים הארץ האָט מיר פארקלעמט, אז איך האב ניט גע־קענט קיין ווארט ארויסברייינגען...

הער און פרוי בלומענפעלד האבן מיך מיט שרעקן בליקן באטראכט, איך האב פארשטאנען, אז מיין ענטפער, צו וועלכן ס׳בינדט זיי נאך א פאדים, וואס פאר א בעדייטונג ער האט פאר זיי און זיי האבן ציטערנדיקע דערווארט, וואס איך וועל זאגן.

מיט אנשטריינגונג און א פארשטיקטן האלדז האב איך געזאגט: איך פארזיכער אייך, הער און פרוי בלומענפעלד, בא מיין ערענווארט אלס מענטש, דאס איך האב מיין טיירע אניוטא ניט געזעען זייט דעם טאג, וואס איך האב אוסאליע פארלאזט. ענדענדיג די ווערטער, האט פרוי בלומענפעלד ארויסגעלאזט א פארצווייפלונגס געשריי, זי האט זיך א וואקל געגעבן און געפאלן אין חלשות. איך בין אליין אויך נאנט געווען פון אנמאכט. איך בין שנעל ארייגגעלאפן צו װלאזאװן נאך װאסער און הארץ טראפן. פרוי װלאזאװו און נאדיא זיינען מיטגעגאנגען. אויף דער ערד איז פרוי בלומענפעלד געלעגן מיט א געזיכט, געל ווי וואקס מיט א אפן מויל און א גלאזאכטיקן אויסדרוק אין די האלב אפענע אויגן. בלומענפעלד איז געווען צו איר ארופגעבויגן, זיך געבראכן די הענט און געוויינט ווי א קינד, זוכענדיג זי צו מונטערן.

דורך פיל מי איז אונדז געלונגן פרוי בלומענפעלד צום באוואוסטזיין צו ברייגגען. זי איז געווען זעער שטארק ענטקרעפ־טעט און זיך גענומען דערשראקן ארומקוקן, וואו זי געפינט זיך און באלד גענומען מיט א שוואכע, יעמערליכע שטימע שרייען:

אניושא, מיין טייערע טאכטער. ווער האט דיך פון אונדז אוועקגעריסן. אניושא, אניושא, און זי האט זיך קראמפ־אכטיק צעוויינט.

לויט פרוי װלאזאװס פארשלאג, האבן מיר די קראנקע אראפגעטראגן אין איר וואוינונג און זי אין בעט געלייגט. איך האב גערופן דעם דארפישן מיליטער־דאקטאר און זיך דערוואוסט, דאס ער איז אפגעפארן אין דארף סוכאװסקאיא צו א קראנקן און

איך האב זיך געוואנדען צו דאקטאר נארדענטאל, וועלכער ווי־סענדיג וואס אים דערוואַרט ווען מען זאל זיך דערוויסן, אז ער באשעפטיקט זיך מיט זיין פראקטיק, האט באשלאסן באלד צו די קראנקע אריבערצוקומען. איך האב אים געפרעגט, אויב ער וויל ניט פארשרייבן אַ מעדיצין לויט מיין איבערגעבן דעם כאראקטער פון די קראנקייט אין זיין שטוב נאר ער איז אויף דעם ניט איינ־געגאנגען זאגענדיג:

ווען ס׳וועגדט זיך צו רעטן אַ מענטשן שפילט בא מיר קיין ראלע ניט, וואס פאר אַ שטראף איך קען באקומען פאר מיין זינד... און ער איז באלד געקומען צו פרוי בלומענפעלד איר געגעבן אונטערזוכט און פארשריבן אַ מעדיצין, וועלכע איך האב געמוזט באקומען אין אוסאליע. טעלמא האט ניט געהאט אנ׳אפּא־טעק און אין דעם מילטערן אקאלאדאק האט זיך ניט געפונען אנדערע מעדיקאמענטן, ווי יאדינא, כינא און ריצינאייל... בא ווּלאזאוון האב איך באקומען געליען זייער אמעריקאנקע און נאך אוסאליע מיט דער רעצעפּט אפּגעפארן אין אַ פאר שטונדן שפּע־טער זי געבראכט.

דאקטאר נארדענטאל האט באפוילן די קראנקע דא צו־לאזן, ביז ער וועט איינזעען, אז מען קען איר איבערפירן אהיים. נאך אירקוטסק האט בלומענפעלד אַ טעלעגראמע געשיקט וועגן אַ קראנקן שוועסטער, וואס זאל אף די קראנקע פאסן און ביז זי וועט קומען, האט פרוי וולאזאוו און פריילין נאדיא צוגעזאגט צו באדינען פרוי בלומענפעלד.

ליבער חבר, דו וועסט מיר פארגעבן, וואס צוליב מיינע צעשטרייטע נערוועז איז מיר אוממעגלעך דעם בריוו צו ענדיקן. בא די ערשטע מעגלעכקייט וועל איך פאַרטזעצן דעם ניט פאר־ענדיקטן בריוו.

ד. 27־טן אויגוסט.

דעם פאריקן בריוו האב איך איבערגעריסן ווי מיר האבן פרוי בלומענפעלד צום באוואוסטזיין געבראכט און זי איבערגע־

לאזט אונטער די שויץ פון פריילין און פרוי וולאזאוו און לויט א בעראטונג מיט הער בלומענפעלד, האָבן מיר באשלאסן זיך גלייך איבערצוגעבן נאָך אוסאליע, כדי צו מעלדן אין פּאָליציי וועגן אניוטעס פארשווינדן. ס'איז געלונגן צו דינגן א פור, וואָס זאל אונדז נאך אוסאליע פירן.

אפן וועג זיינען מיר, דאס הייסט בלומענפעלד און איך געזעסן פארטיפט אין טרויריקע געדאנקען און פארבייפארענדיג די טויטן בריק מיט אירע געדענקצייכנס וועגן פיל מארדן, האט א שוידער מיין גאנץ וועזן באצווינגען, איך האָב געקלערט, ווער ווער ווייס, אויב מיין ליבע אניוטא האט ניט דא אויף דעם ארט פארמערט די צאל פון די אומגעקומענע. כאטש פון די אנדערע זייט האט זיך מיר ניט געלאָזט גלויבן, אז אניוטא האָט געקענט דא פארבייפּאָסירן איבערהויפּט, זי האט געוואוסט, דאס דעם נעכסטן טאג ווערן מיר פארלויבט און איך וועל קומען, און ווען זי זאל דורך אומערקלערלעכע גרונדע, יא האבן דא א דורגעגאנגען האט דאס געמוזט זיין באטאג, ווייל זי איז ארום 2 נאכמיטאג פון דער היים אוועק און באטאָג וואגן זיך ניט די מערדער אויפן וועג צו הוזירן, האט געמוזט מיט איר וואס פאסירן אין אוסאליע גופא. אויף איינמאל איז מיר געקומען אין געדאנק גראף אלעק-סעיעוו, זיינע ווערטער צו מיר, אז ער וויל אניוטען באזיצן מיטן גוטן אדער בייזן. און לויט די פּרובע, וואס דער אפיצער האט מיר געוויזן פון זיין כאראקטער, האב איך געקענט אויף אים גלויבן, דאס ער אוז אים שטאנד צו באגיין דעם ערגסטן פארברעכן. איך האב בלומענפעלדן איבערגעבן אלעס, וואס איך האב געוואוסט וועגן אפיצער און אויך בא אים האט זיך דער-וועקט א חשד.

קומענדיג נאך אוסאליע האבן מיר געטראפן גרופן מענטשן, וואס האבן ארומגערעדט אניוטעס פארשווינדן. מיר זיי-נען געקומען אין פאליציי קאנצעלאריע און גערעדט מיטן פּאָ-ליצמייסטער וועגן די פאסירונג, פון וועלכע ער האט שוין אויך געוואוסט. לויט בלומענפעלדס ביטע איז אין א שטונדע ארום ארויסגעקלעבט געווארן פלאקאטן מיט דער מעלדונג וועגן אניו-

טעס פֿאַרשווינדן און דאס בלומענפעלד וועט באַלוינען דעם, וואס ווייס ווי אניוטא איז אהינגעקומען, אדער א צייכן וואס קען פירן דערצו, צו פֿאַנגען דעם פארברעכער מיט 5 טויזנט רובל. מאסן מענטשן האבן געלעזן די מיטטיילונג און די אנ׳אלפאבעטן האבן געבעטן די גראמאַטנע, אז זיי זאָלן פֿאַר זיי אויסלעזן דעם אינהאלט פון די פלאַקאַטן.

דער פאליציימייסטער האט מיך פארהערט וועגן די פּאַסירונגען צווישן מיר און אניוטן, וועגן די ערטער, וואו מיר האבן שפּאַצירט און ווען כ׳האב איר צום לעצטן מאל געזעען. אויך הער בלומענפעלד איז פארהערט געוואָרן וועגן אניוטעס שטימונג, ווען זי האט די היים פארלאזט און וועגן די פארב פון קליידער, וואס זי האט געטראגן דעם לעצטן טאג. נאָך די פאַרהערונג האט ער אינסטרוקטן געגעבן צוויי פּאָליציאנטן און א דעטעקטיוו, וועלכע זיינען אוועק נאכפארשן.

איך האב דעם פאליצמייסטער איבערגעבן דעם געשרעך פון גראף אלעקסעיעוו מיט מיר בא מיר אין שטוב און וועגן מיין חשד אויף אים. דער פאליציימייסטער האט מיך געווארנט, דאס איך דארף פארזיכטיק זיין מיט ארויסריידן אזא באַשולדיקונג אף אזא הויכגעשטעלטן פערזאן... און ווי לאנג ס׳איז ניט דא קיין פאזיטיווע באווייזן קעגן אים, קען ער ניט לאזן בא אים א אונטערזוכונג מאכן.

די ארויסגעקלעבטע מיטטיילונגן האבן די ווירקונג ניט פארפעלט. ס׳האבן זיך געמאלדן אין פאליציי פערזאנען, וואס האבן פארשידענע באַריכטן געגעבן. צווישן דעם האט זיך דער פאליציימייסטער אפגעשטעלט אויף צוויי מיטטיילונגן: איינע, אז מען האט זי געזעען ארום האַלב דריי אריינגיין צום פורמאן קאסטענקא און די אנדערע, אז מען האט זי געזעען שטיין בא די אנגאַראַ לעבן די אירקוטסקער שיף זוויעזדא.

דער פאליציימייסטער האט געשיקט א פאליציאנט און דעם דעטעקטיוו מארטינאוו צום פורמאן און צוויי פאליציאנטן צו די אנגארא, וואו אניוטא האט זיך געפונען אין טאג פון פארשווינדן און מיר האָבן באקומען דערלויבניש מיטצופאלגן צו קאס-

טענקאן.

קאסטענקא איז אין דער היים געווען און זיך א ביסל פארשראקן פאר די פאליציי.

זאג, קאסטענקא, ווענדט זיך צו אים דער דעטעקטיוו מארטינאוו, איז נעכטן בא דיר געווען פריילין בלומענפעלד?

יא, ס'איז דא געווען א רייכגעקליידטע פריילין, אבער איר נאמען ווייס איך ניט.

מארטינאוו האט אים אויסגעפרעגט וועגן די קליידער, וואס זי האט געטראגן און ס'האט געפאסט צו אניוטן.

וואס האט די פריילין דא געטאן?

זי האט געוואלט, איך זאל איר אויגענבליקלעך נאך טעלמא פירן.

האסט דו זי געפירט?

ניין.

פארוואס?

ווייל מיינע פערד זיינען פארנומען געווען.

וואס האט זי געזאגט דערצו?

זי האט גאר ניט געזאגט, נאר האט אייליק מיין שטוב פארלאזט.

האָט זי גאר ניט געזאגט, וואס זי קלערט צו טון, ווייל דו קענסט זי ניט נאך טעלמא פירן?

ניין.

ווער נאך איז דא געווען, ווען פריילין בלומענפעלד האט דאס פאַרלאנגט?

מיין פרוי.

וואו איז זי?

זי איז יעצט באַ מיין שכן וולאַדימיראוו און ווען ס'איז נויטיק, וועל איך זי ארייננרופן.

ניין, דו דארפסט זי ניט רופן.

דובאוו, ווענט זיך מארטינאוו צום פאליציאנט, גיי רופן זיין פרוי.

וואו וואוינט וולאדימיראָוו? פרעגט דובאוו דעם פורמאן.

די דריטע טיר פון מיינע, רעכטס.

אין א ביסל ארום איז געקומען דעם פורמאנס פרוי און מארטינאוו איז מיט איר אריין אין קיך און זי אויסגעפארשט און ס׳האט געשטימט מיט קאסטענקאס באריכט. דאך איז אונטערגע־זוכט געוואָרן יעדער ווינקל, אויך דער בוידים, דער פערדסשטאל און קיין פארדעכטיקעס ניט געפונען געווארן.

ווען מיר זיינען צוריק געקומען אין פאָליציי, האבן מיר שוין באקומען באשייד פון די אויספארשונג באַ די אנגאראַ; דאס אניוטא האט געוואלט מיט די שיף נאָך טעלמא פאָרן און זיך דערוואוסט, דאָס זי גייט ערשט אָפּ 7 פארנאכט נאָך אירקוטסק און אויך שטעלט זי זיך ניט אָפּ אין טעלמאַ.

דעם פאָליציימייסטער און אויך אונדז איז שוין יעצט קלאָר געוואָרן, דאס אניוטא איז אדער געגאנגען נאך טעלמאַ אָדער איז איר געלונגען צו באקומען א אַנדער פור און זי איז גע־פאָרן. איך האב אין קיינפאַל ניט באַגריפן, צו וואָס האָט אניוטאַ אַזוי האַסטיק געאיילט נאָך טעלמאַ. דער פאָליציימייסטער האָט מאַרטינאָוון אריינגערופן אין די אנדערע שטוב אין אין א ווײלע צוריקגעקומען זאגענדיג:

הער אַבראַמזאָן, איך בין געצוואונגען אייך פארלייפיג צו פאַרהאַלטן, ביז די זאך וועט אויפגעקלערט ווערן.

דאָס בלוט איז מיר געקומען אין געזיכט, איך האָב גע־פילט גלייך, ווי דאָס האַרץ רייסט זיך מיר אָפּ, וואָס מיך באַ־שולדיקט מען אלס מערדער פון מיין ליבע אניוטאַ, פאַר וועלכע איך בין גרייט געווען מיין לעבן צו אָפּערן. איך האָב אַרויסגע־וויזן מיין איבעראַשונג און פאַרדרוס ווענן די באַהאַנדלונג און אויך הער בלומענפעלד האָט דערקלערט, דאָס ער איז מיך ניט חושד, אָבער ס׳האָט גאָר ניט געהאָלפן. דער פאָליציימייסטער האָט באַפוילן מאַרטינאָוון צו רייטן נאָך טעלמאַ און מיין וואוי־נונג שטרענג אונטערזוכן און מיך האָט מען אריינגעפירט אין א באַזונדערע צעלע פון דערווייליקן פאָליציי אַרעסט. אין א ווײלע ארום האָב איך דורכן פאַרקראַטעטן פענצטער געזען מאַרטינאָוון בליצשנעל רייטן אין דער ריכטונג צו טעלמאַ.

ליגענדיק אין געפּענקעניש אויף דער נאַרע, האָבן טרערן אָן אַנ׳אויפהער געפלאָסן איבער מיין געזיכט, מיך האט שוין מער ניט געקימערט די באַליידיקונג, וואָס מען איז מיך חושד פאר א מערדער נאָר וועגן מיין ליבע אניוטעס גורל. ווען זי האָט אזוי געאיילט נאָך טעלמא, איז באַ מיר קיין צווייפל ניט געווען, דאס זי האָט אפשר געהאַט מיר וואָס וויכטיקעס מיטצוטיילן, ווען אזוי, פאַרוואָס האָט זי ניט א טעלעגראַמע געשיקט. אָבער יעדנפאלס בין איך זיכער געווען, אז דאָס וואָס זי האָט געוואלט צו מיר קומען האָט איר אודאי איר לעבן געקאָסט. כ׳האב פּרובירט אין די געדאנקען ארויסצורופן דעם לעצטן טאָג פון מיין זעען זיך מיט איר דעם געשפּרעך, וואָס איך האָב מיט איר געפירט דען, ווען איך זאָל זי שויןווירקלעך מער ניט זעען, האָב איך געוואלט יעדע קליינקייט וועגן איר אין מיין זכרון באַפעסטיקן.

ווידער האָבן מיר גענומען באַהערשן געדאנקען, אז אניוטא לעבט, כאָטש איך האָב קיינע ארגומענטן ניט געהאַט אזוי צו גלויבן, אָבער לויט ווי הייס און טריי איך האב אניוטען געליבט, האָב איך גענומען גלויבן, אז ס׳איז גאָר אוממעגלעך, אז זי זאָל שוין ניט לעבן... און מיט אלע מעגלעכקייטן האָב איך געזוכט אונטערצושטיצן מיין לעצטן געדאנק, אָבער די טרויריקע ווירקלעכקייט איז שטאַרקער געווען און האָט מיינע געהירן באַהערשט און זייענדיג שטארק אפּגעשוואַכט און אויסגעמאטערט פון דעם טאגס איבערלעבונגן, בין איך ענדלעך איינגעשלאָפן.

אין א ביסל ארום בין איך אויפגעקומען מיט א שטאַרק האַרץ קלאפּן און ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, דאָס איך הער פון דרויסן שרייען:

אלעקסאנדר מאסעיעוויטש, קום שנעל און רעטע מיך...

און איך האב דערקענט איוטעס שטימע, וואס איז יעצט געווען א דורכגעדרינגען מיט אנגסט און טויט שרעק. איך בין אראפּגעשפּרינגען פון די נארע און ווי א וואנזיניקער גענומען באמבארדירן די פארשלאָסענע טיר שרייענדיג, לאזט מיך שנעל ארויס רעטן אניושן, אָבער קיינער האט ניט געענטפערט און ס׳האט זיך מיר געדאכט, ווי איך הער ווידער אין דרויסן קרעכצן א פארוואוינדטן

מענטשן און דאָס האס באַוווירקט, וואָס איך האב מיט אוממענטש־לעכע קרעפטן גענומען נאָך שטארקער אין די טיר קלאפּן און דאסמאל האב איך דערהערט שווערע טריט און מיין צעלע איז אויפגעשלאסן געוואָרן, פאר מיר זיינען געשטאנען צוויי פאליצי־אנטן מיט בייזע מינען אויסשרייענדיג:

וואס פאר א טייוול צעלייגט איר די טיר.

אין מיין עקסאלטירטן צושטאנד האב איך זיך א ריס געגעבן אויף פאראויס, שרייענדיג מיט א שטימע, וואס איך אליין האב ניט דערקענט:

לאזט מיך ארויס, הערט איר ניט, אז מען דערמאָרדעט אין דרויסען אניושען?

די פאליציאנטען האבן מיך ארומגעקלאמערט ווי מיט אייזערנע צוואנגן און האבן מיך מיט אַזאַ קראפט א שליידער אריינגעגעבן אין די צעלע, דאָס איך האב מיך מיטן קאָפּ אפגע־שלאָגן אין די וואנט און אומגעפאַלן אויף דער ערד און קיין שמערץ ניט געפילט...

וואָס פאר א סקאנדאל מאַכט איר דא שפעט באַנאַכט, זענט איר משוגא געוואָרן?

זאגט מיר, האב איך זיי געבעטן מיט טרערן, האָט איר ניט מיט א ווײלע צוריק געהערט געשרייען פון א מענטשן אין דרויסן?

האַלט דעם פיסק, פאַרשאלטענער, ס׳האט קיינער ניט געשריגן א חוץ אייך, ס׳האט זיך אייך גע׳חלומ׳ט און וועט איר אונדז נאך אמאָל שטערן אונזער שלאָף דורך איירע משוגענע גוואלטן, וועלן מיר אייך גלאנגן אזאַ פּאָרציע, אז איר וועט פאר־געסן, ווען איר זענט געבוירן געוואָרן. זיי האבן מיט כעת די טיר פארקלאפּט און זי צוגעשלאסן.

דער קלאפּ אין קאָפּ האָט מיך א ביסל צו זיך געבראכט און איינציקווייז האָב איך אנגעפאַנגן צו פילן, ווי עס שמערצט מיך דער קאָפּ. איך האב באַרירט מיט די האנט אויף דער שטעל, וואו איך האב געפילט דעם ווייטאק און אנגעטאַפּט א היפּשע בייל, אבער וואָס פאַר א בעדייטונג האט דאס געהאט קעגן דעם ברע־

נענדן שמערץ אין מיין האַרצן.

איך האָב זיך צעריקגעלייגט אויף די נאַרע, ווילענדיק איינשלאָפן... און נאָך שווערע שטונדן איז מיר דאָס געלונגען.

אויף איינמאָל זע איך זיך אויף אַ פעלד, וועלכעס ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצע קאָלער ווי סמאָלע. פון אַ רויט וואַסערל קומען אַרויס מענטשן פון שרעקלעכן אויסזען און רינגלען מיך אַרום. כ׳האָב געפילט, ווי דאָס האַרץ שנורט זיך מיר צונויף. ווי פון דער ערד איז אויסגעוואַקסן גראַף אַלעקסעיעוו, פאַר וועלכן די אַלע שרעקלעכע ברואים האָבן זיך געבוקט און ער האָט זיי געבריקעט און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט געשרייען ווי רויב חיות. ער איז צו מיר צו מיט אַ מעפיסטאָ שמייכל אויף זיין געזיכט און מיר שפּאָטיש אין פּנים געקוקט זאָגנדיק:

נו, ווער באַזיצט אַניוטאַ בלומענפעלד, איר אָדער איך?

שטיל איר טייוול און מענטשן געשטאַלט, האָב איך געענטפערט.

ער האָט אַרויסגעצויגן די שווערד פון די שייד, איך האָב זיך פאַרגענומען צו פאַרטיידיקן, אָבער געפילט מיין קערפּער פאַראַליזירט, קיין איין באַוועגונג האָב איך ניט געקענט מאַכן. איך האָב אָנגעפאַנגען פילן, ווי באַלד וועל איך באַקומען אַ קלאַפּ מיט די שווערד און ווען מיין שרעק איז געווען אַם־שטאַרקסטן, דערזע איך פּלוצלינג אַניוטען פאַר מיר שטיין.

זי האָט געטראָגן אַ העללעך ווייס קלייד, אַ קרענצל ווייסע בלומען האָבן אירע האָר באַצירט. איר געזיכט לייכט ווי די זון. זי שטרעקט אויס אירע הענט צו מיר און זאָגט:

אַלעקסאַנדער מאַסעיעוויטש, וואָס שטייסטו אַזוי פאַרשראָקן? קום נענטער צו מיר.

כ׳קוק אויף איר פאַרוואונדערט, איך דערפיל, אַז דאָס איז ניט ווירקלעכקייט, איך וואָג ניט אַ טריט צו שטעלן פאַראויס, מורא האָבנדיק מיט מיין באַרירונג צו צעשטערן די גלאָריע, וואָס האָט אַרום איר געשוועבט. איך קוק זיך אום אַרום מיר און מערקווירדיג די שרעקלעכע פּאַנאָראַמע, וואָס האָט מיך

פאַר אַניוטאַס דערשײַנונג אַזוי אָפּגעשראָקן, איז יעצט אין אַ צוי־בער געגנט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן. ווי ווײַט מײַן אויג האָט דער־גרייכט, האָבן זיך געזעען די שענסטע בלומען פֿון אַלערליי קאָ־לערן. דאָס רויטע וואַסערל האָט יעצט געהאַט אַ הימעלבלויע קאָליר און האָט געשפּיגלט אַניוטן. פֿון אַלעקסעיעוון מיט זײַן סוויטע איז קיין צייכן ניט געבליבן. פֿון מזרח זײַט האָב איך דערזען אַ פּרעכטיק מאַרמאָר־שלאָס און צום אַרײַנגאַנג איז פֿון סאַמעט בלומען געבילדעט געוואָרן אַניוטאַס נאָמען און אַרום דעם שלאָס אַ הערלעכער גאָרטן מיט אַלערליי שײנע עקסאָטישע גע־וויקסן.

אַניוטאַ באַטראַכט מיך מיט אַ מילדן בליק און ווײַזט מיט איר האַנט אויפֿן שלאָס זאָגנדיק:

זעסט דו, אַלעקסאַנדער מאַסעיעוויטש, דאָס האָב איך געלאָזט אויפֿבויען פֿאַר אונדז ביידע. דאָ וועלן מיר פֿאַרברײַנגען אונדזער לעבן, וואו בעסטיאַלישע הענט וועלן אונדז ניט דער־גרייכן. אַניוטאַ איז נענטער צו מיר צוגעגאַנגען און מיך גענו־מען אונטערן אָרעם, גייענדיק צוזאַמען צום שלאָס.

מיר האָבן גענומען אַרויפֿגיין די מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס פֿירן צום אַרײַנגאַנג און ווען כ׳בין שוין געווען אויפֿן לעצטן טרעפּ... האָב איך זיך אויסגעגליטשט און אַרונטערגעפֿאַלן און געפֿילט, ווי איך פֿאַל אַרונטער ערגעץ אין אַ טיפֿן אָפּגרונט... און אַזוי פֿאַלנדיק בין איך אויפֿגעקומען פֿון שלאָף. —

כ׳האָב זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זײַטן... און דערזען, דאָס איך געפֿין זיך אויף די נאַרע אין צעלע. אין קאָפּ האָט זיך מיר געטומלט דער חלום און איך האָב נאָר גע־זוכט צו געדענקען דעם מאָמענט, בשעת אַניוטאַ איז דערשינען... מײַן קערפּער האָב איך געפֿילט ווי צעבראָכן און דער קאָפּ האָט מיר געשמערצט, ווידער האָט מיך די ווירקלעכקייט אַרומגעקלאַ־מערט...

פֿון דרויסן האָט דער טאָג אַרײַנגעשײַנט. מיט גרויס אומגעדולד האָב איך דערוואַרט, וואָס דער קומענדער טאָג וועט ברענגען. כ׳וואָלט געווען באַשטאַנען אָפּצוזיצן עטלעכע יאָר גע־

פענקעניש, נאר אניוטא זאל לעבן.

ארום 9 פרי האט מען מיך אריינגעפירט צום פאליציימייסטער און דא געטראפן הער בלומענפעלדן. פון זיין אויסזעען האט מען געקענט דענקן, דאס ער איז אויף איין מאל מיט 10 יאר עלטער געווארן. מאַרטינאוו האט איבערגעבן, דאס אַ חוץ אַ געלאדענטן רעוואלווער האט מען באַ מיר קיין פארדעכטלעכעס ניט געפונען, אויך האט ער פעסטגעשטעלט מיין אליבי פון טאג פון אניוטעס פארשוואונדן און דער פאליציימייסטער האט מיך באַפרייט.

פון בלומענפעלדן האב איך זיך דערוואוסט, דאס פרוי בלומענפעלד איז נאך ערנסט קראנק און ווערט געפאסט פון אַ קראנקן שוועסטער, וואס איז פון אירקוטסק געקומען.

דער פאליציימייסטער האט איבערגעבן, דאס אין עטלעכע טעג ארום קומט צוריק דאס אוסאליער מיליטער פון לאַגער און ער וועט מיט די צושטימונג פון פּאָלקאווניק ראַזנאאבראזני קריגן צו הילף 60 סאָלדאַטן, מיט וועלכע ער וועט אונטערזוכן דעם וועג צווישן טעלמא און אוסאליע.

ד. 28 סעפטעמבער.

ליבער און גוטער חבר, שוין אַ מאָנאַט צייט, ווי איך האב דיר ניט געקענט שרייבן און פון דעסטוועגן האסט דו ניט געאַכט דערויף און מיר געשריבן רעגעלמעסיג און לעזענדיג דיינע בריוו זעע איך, ווי דיך וואונדערט ניט מיין שטילשווייגן, ווייל דו פילסט מיט מיין לאגע אין פארשטייסט, ווי האַרט דער גורל האָט מיך באהאַנדלט און דיין טרייסטן ווייזט מיר אנ׳איבעריק מאל, וואָס פאַר אַ געטרייער, איבערגעבענער חבר דו ביסט מיר און דיין פריינטשאַפט וועל איך אייביק געדענקען, און ווען ס׳געפינען זיך אזעלכע חברים ווי דו, האָב איך אַ חוץ אלעם קיין גרונד ניט צו גלויבן, דאס די גאנצע וועלט באשטייט נאר פון בעסטיאלישע מענטשן, וואס רייסן זיך אריין אין מענטשלעכן גליק און הילן אלעס איין אין שווארצן, ווי זיי באַווייזן זיך און

פארפעסטן די לופט מיט שעדלעכע באַצילן, וועלכע אנדערע אטעמען אין זיך ארײַן און ווערן פארביטערט אויף אלע מענטשן.

אלזא, יעצט צו די זאך:

ווען דער אוסאליער מיליטער האט צוריקגעקערט, האט דער פּאָליציימייסטער געגומען 60 סאלדאַטן, עטלעכע פּאָליציאַנטן און דעם דעטעקטיוו מאַרטינאָוון אין זיך איבערגעבן אויפן טעל־מער וועג בלומענפעלדן און מיר איז דעלויבט געוואָרן אנוועזנד זיין, ווען בל. האָט דעם פּאָליציימייסטער 100 רובל געגעבן... אויפן וועג האט דער פּאָליציימייסטער די סאלדאַטן אונטער די אנפירונג פון א פאליציסט אין 4 אפטיילונגן צעטיילט און זיי צע־שיקט אין פארשידענע ריכטונגען, און ער אליין מיט אַן אָפּטיילונג סאלדאטן, 2 פאליציאַנטן, מארטינאוון און בלומענפעלד און איך, האבן זיך איבערגעבן אין דער ריכטונג צו די טויטן בריק.

קומענדיג צו די טויטן בריק, זיינען מיר אראפּ צו דעם זומפיקן וואסערל, וואָס האָט ארום זיך נידעריקע, אבער געדעכ־טע קוסטן און דער פאליציימייסטער און מארטינאָוו האבן געזוכט אויף די ליידיקע גראז באַוואַקסענע ערטער פון צווישן דיביימ־לעך, וואו פיל מאָרדן זיינען פארגעקומען.

מאַרטינאוו האט אויסגעדריקט זיין מיינונג, דאס ער גלויבט, אויב אניוטא איז דא דערמארדעט געוואָרן, דארף מען זוכן וואס ווייטער פון בריק, ווייל מ׳ווייס דאך שוין, דאָס באַ־טאג איז זי אויף דעם וועג געגאנגען אדער געפארן און ווען באנ־דיטן זאלן זי האָבן איבערגעפאלן איז פארשטענדלעך, דאס זיי האבן געזוכט וואס ווייטער זי פון בריק אוועקצופירן, כּדי זיי זאלן זיין וואס ווייטער פון לאַנדוועג, וואו פארבייגייער קענען זעען אדער הערן און כאטש מאַרטינאָווס ארגומענט איז גאנץ לאָגיש געווען, איז אבער דער פּאָליציימייסטער געווען צופיל עגאאיסט, כּדי ער זאל מיט מארטינאוון איינשטימיק זיין. ער האט געזאגט דאס מ׳דארף דאפקע נאָנט פון בריק זוכן, כאטש ער האט ניט געקענט מאטיווירן פארוואס.

מארטינאוו האט דעם פאליציימייסטער איבערגעלאזט אליין און איז אוועק אף אייגענע האנט אונטערזוכן. אויב דעם

פּאָליציימייסטערס אונטערזוכונג האט צו קיין רעזולטאט ניט גע־פירט, איז איין אַ האַלבע שטונדע ארום מארטינאוו צוריקגעקומען אַ דערשוויצטער און מיטגעטיילט:

וואַשע וויסאקא בלאַגאָראָדיע, מיר שיינט, דאס כ׳האָב געפונען אַ שליאַד. זייט אזוי גוט און קומט מיט, וועל איך ווייזן.

מיר זיינען אלע געגאַנגען מיט מארטינאָוון. איך האב געפילט ווי די פּיס ברעכן זיך מיר אונטער... אויך בלומענ־פעלדס געזיכט האט זיך נאך מער פארענדערט.

אַ היפּש שטיקל פון די בריק, האָט זיך מארטינאָוו אָפּ־געשטעלט און אנגעוויזן אויף אַ שטיקל ליידיק ארט פון צווישן די קוסטן, פון וועלכע דער פּאַדערשטער איז געווען אונטערגע־האַקט און מארטינאָוו האָט דערקלערט, דאָס לויט די פרישקייט פון די אונטערגעהאַקטע שטעל איז קענטיג, אז ס׳איז ניט לאנג ווי ס׳איז געטון געוואָרן.

דער פּאָליציימייסטער האָט באַטראכט די שטעל און און אויסגעדריקט, דאָס ס׳איז מיט אַ מעסערל אונטערגעהאַקט גע־וואָרן.

ניין, וואשע וויסאקא בלאגאראדיע, זאגט מארטינאוו, לויט ווי דער שניט איז גלאטיג, האט דאס געקענט געטון ווערן מיט אַ גרויס שארף מעסער אדער מיט אַ שווערד. מען זעט, אז דאס איז אונטערגעהאקט געווארן מיט איין קלאפּ, מיט אַ מעסערל וואלט מען דאס געמוזט איין פיל מאל אונטערשניידן און דער שניט וואלט ניט אזוי גלאטיק געווען. ערלויבט אַ ביסל ווייטער, וואשע וויסאקא בלאגאָראדיע.

דער פּאָליציימייסטער איז אריין צווישן די קוסטעס און מאַרטינאָוו האט דורך אַ פארגרעסער גלאז אנגעוויזן, אז דאָס גראז איז פון בלוט פארפלעקט און אויך איז עס צעטרעטן פון מענטשלעכע טריט. דער פּאָליציימייסטער איז געוואָרן ערנסטער, דערזעענדיג, אז דער דעטעקטיוו האָט ווירקלעך געפונען אַ שליאַד פון אַ דערמאָרדערטן. בלומענפעלד האט זיך צעוויינט און זע־ענדיג אַ מאַנספערשוין וויינען, האָט עס אויף מיר אַ פיל שווע־רערן איינדרוק געמאכט, ווי איך וואָלט געזעען אַ פרוי וויינען...

איך האָב אים געטרייסט און געפּילט, ווי מיין אייגן געזיכט ווערט פייכט פון טרערן. א חוץ די שרעק וואָס מיך האט באַצווינגען, האָב איך זיך געזוכט איינצובילדן, דאס דער שליאד איז ניט פון אניוטען דאס זי לעבט נאך...

מאַרטינאוו און דער פּאָליציימייסטער זיינען ארויס פון צווישן די קוסטעס און דער דעטעקטיוו האָט אונטערזוכט דאָס גראז, וואָס פירט צום וואסערל און אויך געפונען בלוט פלעקן, נאָך וועלכע זיי זיינען געגאנגען ווייטער און אויף די פייכטע ערד ביים ברעג איז קענטיג געווען מענער שריט, פון וועלכע מאַרטינאוו האט אראפגענומען א מאָס. אויף דעם שטעל ווי דער שליאד האט זיך געענדיקט, האָט מארטינאוו אריינגעשטעקט זיין שטעקן אין וואסער און געפּילט, ווי ער שטויסט זיך אויף וואס אָן. דער פאליציימייסטער האט באפוילן צוויי פּאָליציאנטן, אז זיי זאלן אריין אין וואַסער אונטערזוכן. זיי האבן פון זיך אראָפּגעוואָרפן די שטיוול און זיך אויפגעשארצט די הויזן אזוי הויך ווי מעגלעך און אריין אין וואסער. מיט די שאַבלעס האבן זיי געשטויסן אין וואַסער און דערפילט, אז זיי שטויסן זיך אין וואָס אפּ. זיי האבן זיך אראָפּגעבויגן און באַלד האט זיך דערזעען איבערן וואסער דער קערפּער פון א פרוי. די קלייד און דאס געזיכט באדעקט מיט באַגנע. זיי האבן זי אוועקגעלייגט אויפן גראָז און איך האב דערקענט אניוטן... א אוממענטשלעכער געשריי האט זיך פון מיין הארצן ארויסגעריסן. פון איר אפן מויל האט מארטינאָוו ארויסגעצויגן א הענטשקע, אירע ניט צוגעמאכטע אויגן זיינען אויך מיט גרינע באגנע אנגעפילט, געווען. ווי א ווילדער האָב איך מיך א ריס געגעבן פאראויס, כ'בין אנידערגעפאַלן אויף די קני פאר אניוטען און זי געוואלט קישן אין איר געלב אויפגעשוואלן געזיכט, אבער מארטינאוו האָט מיך אפגעשטופט. כ'בין צוריק אויפגעשטאַנען און געפילט, ווי מיין גאַנצער קערפּער ציטערט ווי אין קאנוואולסיע. פאר מיינע אויגן האבן גענומען טאנצן רויטע רעדלעך, דער קאָפּ איז מיר געוואָרן שווער ווי בליי. בלומענפעלדס יאמערלעכער געוויין האָט פאר מיר אפּגעקלינגען ווי א עכאָ פון גאנץ ווייט. ביים האַרצן איז

מיר געוואָרן מאָדנע לייִדיק, גלייך ווי עס וואָלט מער ניט געק-לאַפּט. איך האָב דערפילט, ווי די ערד דרייט זיך מיט מיר און איך בין אנידערגעפאלן.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין צוריק צום באַוואוסטזיין געקומען און מיין שכל האָט ווידער אנגעפאנגען צו פונקציאָנירן, האָב איך זיך גענומען ארומקוקן וואו איך געפין זיך און זיך דערזעען אין א בעטל פון האספיטאל, געקליידט אין קראנקן קליידער. כ׳האָב גענומען אנשטריינגען מיין זכרון, ווי אזוי איך קום דא אהער און איינציקווייז ווי דורך א נעבל איז מיר א דורך אין געדעכטניש די בילדער ביז איך בין אין חלשות געפאלן... און טרערן האבן פון מיינע אויגן גענומען רינען.

ווען די קראַנקן שוועסטער איז אין מיין שטיבל ארייג-געקומען, האט זי מיך מיט מיטליידס בליקן באַטראַכט און גאָר ניט גערעדט צו מיר גלייך, ווי זי וואלט זיכער געווען, אז איך בין שטום...

שוועסטער, האָב איך צו איר אויסגעשפראָכן. זי האט מיך פארוואונדערט אנגעקוקט, גלייך ווי זי וואלט געהערט א 2 חדשים׳דיק קינד ריידן. זי האט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיין בעטל און גענומען מיין פון ליגן בלאַסע אפגעמאגערטע האַנט און געפרעגט:

ווייסט איר וואו איר געפינט זיך?

יא, שוועסטער, אין אירקוטסקער האספיטאַל.

ווי איז אייער נאָמען פרעגט זי פארשענד...

אלעקסאנדר מאסעיעוויטש אבראַמזאן.

וואס איז אייער פראפעסיע?

א לערער.

די שוועסטער האט געשטראַלט פאר פריידע און זיך עטלעכע מאל גע׳צלמ׳ט. געלויבט זאלסט דו זיין יעזוס כריסטוס פאר די וואונדער, וואס דו קענסט באַווייזן.

געדענקט איר אויך אלעס, הער אבראמזאן, וואס עס האָט מיט אייך אין דער פאַרגאַנגענהייט פּאַסירט?

יא, סעסטריצאַ. זאגט מיר שוועסטער, האט מען געפו־נען פריילײַן בלומענפעלדס מערדער?

שווייגט, שווייגט, האט זי אויסגערעדט פארשראקן, איר טאָרט ניט יעצט זיך אינטערעסירן פאר דער פּאַסירונג, אז ניט קענט איר צוריק פארלירן דעם באַוואוסטזיין.

בין איך לאנג אן א בעוואוסטזיין געווען?

יא, איר זענט געלעגן אויף א געהירן אנצינדונג אין גאנצן אן א זינען.

וואס פאר א דאַטום האָבן מיר היינט?

דעם 14־טן סעפּטעמבער.

אויב אזוי ליג איך שוין בענוי 3 וואכן.

יא, דאָס פאסט.

געפין איך זיך דא די גאַנצע צייט פון מיין קראַנקייט?

ניין. די ערשטע 2 טעג זענט איר געלעגן אין אוסאָל־יער קראנקן הויז, דאַן האט מען אייך דא אהערגעבראכט.

איך האָב געהאַט נאך פיל פראַגן צו שטעלן, אבער איך האב זיך געפילט זעער אפּגעשוואַכט פון דעם, וואָס איך האָב שוין געפרעגט, אויף מיין שטערן איז קאַלטער שווייס ארויסגע־טרעטן. די קראנקן שוועסטער האָט מיר געגעבן מילך צו טרינקן און איז אפּגעגאַנגען צום דעזשורנע דאקטאָר.

א ביסל שפּעטער איז געקומען דער דאָקטאָר און מיך אונטערזוכט און פארשריבן א דיעטא פאר מיר. איך האָב זיך געפילט שוואַך איבערן גאנצן קערפּער, אין די הענט האב איך גאָר קיין מאַכט ניט געהאַט.

אין עטלעכע טעג ארום האָבן מיר 2 קראנקן שוועסטערן געהאלפן אראָפּגיין פון בעט און מיך געפירט איבערן זאל ווי א קליין קינד. איך האב געפילט ווי ניט מיט די פיס טרעט איך אויף די דיל, נאר מיט העלצער. אין קאָפּ האָט מיר גענומען שווינדלען. אפן הארץ האָט מיר גענומען איבלען און די שוועס־טערן האָבן מיך מיט זארגפולקייט פון א מאַמען צוריק אין בעט געלייגט, אין מיינע געדאנקן האט געשוועבט אניוטעס טרויריק גורל.

ערשט שפּעטער ווען איך האב זיך שוין באַדייטנד בע־

סער געפילט, האָט מען צו מיר צוגעלאזט באזוך. און די ערש־טע זיינען געקומען מיינע עלטערן, וואָס האָבן געוויינט פאר פריי־דע, אז איך בין איבערגעקומען אזא שווערע, געפערלעכע קראנ־קייט. מיין ערשטע פראַגע איז געווען, האָט מען געפאנגען אניו־טעס מערדער און זיי האבן מיר נאר איבערגעבן דאס יא. און דאָס איז גראף אלעקסעיעוו, וואָס האָט פאַרזוכט זעלבסטמאָרד צו באַגיין און ליגט נאָך יעצט אין אירקוטסקער וואיענע שפיטאל און זעענדיג, ווי די פראגע רעגט מיך אויף, האבן זיי וועגן דעם מער ניט געוואלט ריידן און מיך געבעטן צו באַרואיקן זיך און מיין מוטער האט מיך איבערן געזיכט געגלעט, ווי אין די קינדער יארן. ווי גרויס און עכט איז מוטער ליבע. —

דו ווייסט, ליבער חבר, אז ווען מען ליבט א מיידל, פארנאכלעסיקט מען די פריינט, זאגאַר די אייגענע עלטערן. ס'עקזיסטירט נאר די געליבטע און וואָס מער מען איז אפגעזונ־דערט און איינזאם, וואָס מער גענוס געפינט מען אין די געליב־טעס פערזאן. אבער קומט א צייט, ווען דאס האַרץ בלייבט פאר־וואונדעט, דענטסמאל קען קיינער ניט אזוי טרייסטן, אזוי פאר־שטיין, אזוי מיטפילן ווי עלטערן. א קאמעראט, וואָס מען האָט פארשטויסן, בשעת מען האט געוואלט זיין מיט זיך אליין, וועט יעצט מיך ווייכן ווען איך נויטיק זיך אין אים... אבער עלטערן זיינען זיך קיינמאל ניט אין א קינד נויקים. פון פרעמדע באַזו־כער האָב איך געהאַט פריילין נאדיאַ וולאזאוו און סאפיע זיל־בערמינץ און אַ גרויסן ווארימען בריוו פון דעם גרויסן מענטשן פריינד דאקטאר נארדענטאַל, ער האט מיך באַרואיקט, דאס זיין קורירן פרוי בלומענפעלד איז ניט ענטדעקט געווארן און דאס האט מיך ניט ווייניק געפרייט.

ערשט היינט האב איך ווידער דערפילט מאַכט אין די הענט און דאס באנוץ איך, כדי דיר, ליבער חבר, צו שרייבן. איך האב שוין פריער דאס פארזוכט טון און ניט געקענט.

נאך אין עטלעכע טעג ארום וועל איך אויסגעשריבן פון האספיטאל און וועל אלערעשטענס זוכן צו דערגיין די איינ־צעלהייטן פון דעם מארד איבער מיין ליבע אומגליקלעכע אניוטא,

וועלכע איך וועל קיינמאל אין מיין לעבן ניט פארגעסן...

ד. 30 סעפטעמבער.

שפּאַצירענדיג אויפן שפּיטאל הויף, האָב איך זיך אין א געשפּרעך מיט א קראַנקן דערוואוסט, דאס דער אלטער קירילאוו ליגט אין א צווייטע אָפּטיילונג געפּערלעך קראַנק אויף די לונגן. איך בין באַלד אין די אָפּטיילונג געגאַנגען און צוגעקומען צו קי־רילאָווס בעט, ער איז געלעגן שוין אן א בעוואוסטזיין און פאר־שטייט זיך מיך ניט דערקענט. א ווײלע האָט ער אויף מיר גע־קוקט מיט זיינע פון פיבער קראַנקע אויגן און זיין שטערן האבן זיך געבילדעט קנייטשן, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דער־מאָנען ווער איך בין. זיינע ליפּן האבן זיך גענומען באַוועגן, ווי ער וואלט געוואלט ריידן. אבער דער פארשטייענדער טויט האָט אים מער ניט דערלויבט פון האַרצן זיך אפּצוריידן...

אין באזוך צייט האָב איך געטראָפן מיין פריערדיקע דאַטשע ווירטין פרוי ראזענבוים גיין צום קראנקן קירילאָוו מיט א פּעקל פרוכטן... זי האט מיר איבערגעבן, דאס אין די לעצטע 2 וואכן וואָס ער ליגט דא, האָבן אים די 3 ווירטינס, וועמענס דאטשעס ער האט געהיטן פארזארגט מיט פארשידן עסענווארג און דערלאַבונגן. —

איך ווייס ניט ווי אזוי אנדערע, אבער איך, ליבער חבר, פאראכט די קאפּיטאליסטישע פילאנטראפּי, ווען דער אלטער קי־רילאָוו האָט געהיטן דעם לעבן און גוטס פון 3 פארמעגלעכע פאַמיליען, האָט מען אים פאר זיין ניט שלאָפן באלוינט מיט 6 רובל א וואך און דאס איז צו ווייניק געווען צו קענען זיך דער־נערן מיט קראפטיקע קאסט, וואס ס׳איז נויטיק געווען פאר זיינע קראנקע לונגן און פאר זיין אויסגעהארעוועטן קערפּער, וואָס איז פון זיין קינדהייט אן אויסגעזויגן געוואָרן פון פרעמדע, נאָר יעצט ווען ער איז שטערבלעך קראַנק געוואָרן, האבן זיינע אויס־נוצער אויף אים רחמנות באַקומען און מען טראגט אים פרוכט.

א פארמעגלעכער וועט א מענטשן ברויטלאז מאכן, ווען

ער פארלאנגט 1 רובל א וואָך א מער און זיין געוויסן וועט שלאָפן, ווען דער מאַן הונגערט מיט זיין פאַמיליע צוליב זיין שולד, און ווען דערזעלבער פאַרהונגערטער וועט קראַנק ווערן, וועט ער אים געבן אויף מעדיצין און אים פרוכטן באַזארגען...

באנאַכט איז קיריליאוו באפרייט געווארן פון זיינע ווירטנס גוטס...

ד. 3 אקטאבער.

נעכטן בין איך אויסגעשריבן געווארן פון שפיטאַל און אנשטאט פריער צו מיינע עלטערן צו גיין בין איך גלייך נאך אוסאליע געפארן, כדי זיך אין פאַליציי גענוי צו דערוויסן וועגן אניוטאס מאָרד.

קומענדיג נאָך אוסאליע האב איך זיך דערוויסט, דאָס ס'איז שוין 3 וואכן ווי פרוי בלומענפעלד איז געשטארבן פון א האַרצשלאג צוליב אניוטעס טראגישן טויט. און בלומענפעלד האָט פארקויפט דאס הויז און אוועקגעצויגן נאך קראסנאיאַרסק צו זיין ברודער און דאס ער איז גרוי געוואָרן ווי א 80 יאריקער מאַן.

קומענדיג אין פאליציי, האָב איך מאַרטינאוון ניט גע־טראָפן און זיך דערוואוסט פון א פאָליציאנט, דאָס ער איז אין א קנייפע אויפן באַזאַר. איך בין דאָרט אהין געגאַנגען און אים גע־טראָפן און ער האָט מיר איבערגעבן פאלגענדעס:

מ'האָט די דערמאָרדעטע אניוטא אפגעפירט אין אוסאל־יער קראַנקענהויז און באַ א געגויער אונטערזוכונג איז פעסטגע־שטעלט געוואָרן, אז זי איז פארגוואלדעוועט געוואָרן און געשאסן געווארן אין ברוסט און אף די הענט איז קענטיג געוועזן צייכן פון א פלאכן לעדער רימען. מאַרטינאוו האָט פאַרצייכנט די מאָס און באהאַלטן די קויל, וואָס מען האָט איר פון ברוסט ארויסגע־נומען. אין טאַש האָט מען באַ איר געפונען א בייטעלע מיט צירקא 28 רובל און אויפן פינגער א גאָלדן רינגל און ס'איז קלאר געוועזן, אז דאס איז ניט א רויב-מאָרד, נאר א מאָרד, כדי צו פארדעקן דעם שליאד פון פארגוואלטעוון און ווען מ'האָט די

הענטשקע, וואָס איז אין איר מויל געווען אפגערייניגט פון שמוץ, האט מען אויף די לינקע זייט געזעען די איניציאלן וו. פּ. א. און ער האָט זיך געגריבלט אויסצוגעפינען דעם נאמען און זיך דערמאָנט ווענן מיין חשד צו גראַף וולאַדימיר פּאַוולאָוויטש אלעקסעיעוו און ס'איז אים אלעס קלאר געוואָרן.

מאַרטינאָוו האָט דעם פּאָליציימייסטער אויפמערקזאַם געמאַכט אף דעם און ער איז ווייליק געווען אויסצושטעלן אנ'ארעסט דעקרעט פארן אפיצער און אזוי ווי ער האט זיך שוין ניט געפונען אין אוסאליע, האָט ער מיט צוויי פּאליציאנטן זיך איבערגעבן נאך אירקוטסק.

אין פּאָלק, אין וועלכן אלעקסעיעוו איז געווען א ראטנע קאמאנדיר, האבן זיי אים ניט געטראָפן און אויך אין זיין וואוינונג איז ער ניט געווען, אבער זיי האָבן באַשלאָסן צו וואַכן א גאַנצע נאַכט, ערשט אום האלב זיבן פרי האָבן זיי אים געזעען קומען א פאַרשלאפענעם און ניט גאנץ ניכטער.

ווען ער איז ארויף אויף די טרעפּ פון זיין וואוינונג, זיינען זיי אין א ביסל ארום ארויפגעגאַנגען און אפגעקלונגען און דער דענשטשיק האָט געעפנט די טיר און זיי האָבן געבעטן ער זאל מעלדן אלעקסעיעוון, אז מען וויל מיט אים ריידן. אין א ביסל ארום איז דער דענשטשיק געקומען מיט דעם באַשייד, דאס יעצט נעמט דער קאמאַנדיר קיינעם אויף, זיי זאלן קומען נאכמיטטאג. מארטינאוו האָט געוויזן דעם דענשטשיק זיין דעטעקטיוו צייכן און ער האָט אים אריינגעלאזט מיט די צוויי פּאָליציאנטן אין פאדער-צימער.

מארטינאָוו האָט אפגעקלאַפּט ביים אָפיצער און יענער האָט געעפנט די טיר מיט כעס אויסשרייענדיג:

וואָס פאַר א טייוול קלאפּט איר אין טיר? איר האט באַשייד באַקומען צו קומען נאכמיטאג און ער האט געוואלט די טיר פאַרקלאַפּן.

מארטינאוו האט אים ניט געלאזט דאָס אויספירן נאר איז מיט די צוויי פּאליציאנטן, וואָס זיינען געווען אין צוויל, אריין אין זיין צימער און די טיר פארמאכט. אלעקסעיעוו איז

אויף א מאמענט נערוועזש געוואָרן, אָבער ער האָט זיך באַלד גע־פאַסט און געזאָגט:

וואָס פּירט אייך צו מיר? און ווער האָט אייך די דער־לויבניש געגעבן צו מיר צו קומען?

וועגן דערלויבניש וועלן מיר אַנ׳אַנדערש מאָל ריידן און וואָס אונדז פּירט צו אייך איז: וועגן די גוואַלדטאַט און מאָרד פון פרייליין אַניוטאַ בלומענפעלד.

מאַרטינאַוו האָט באַמערקט אַ נערוועזשן ציטער איבערן אָפּיצערס געזיכט, ער האָט זיך מי געגעבן וואָס ווייניקער באַווע־גונג אַרויסצעווייזן און געענטפערט:

וואָס פאַר אַ רוח קומט איר און דערציילט מיר קרימי־נאַל היסטאָריען, ווען איך וויל וועגן אַזעלכע וויסן, ווייס איך ווי מען באַקומט זיי.

האָט איר ניט געקענט אָדער געזען די דערמאָרדעטע אין אוסאַליע?

גלויבט איר צום טייוול, אַז איך האָב זיך אינטע־רעסירט וועגן עפּעס אַ פאַרשאַלטענע זשידאָווקע?

אַלזאָ איר ווייסט, אַז זי איז געווען אַ אידעשע?

דאָס הערט מען דאָך פון נאָמען. לעצטנס האָב איך קנאַפּ חשק מיט אייך זיך אויסצושמיסן, אַרויס פון דאַנעט אָבער זאָפּאָרט.

געוויינטלעך זיינען מיר געבליבן שטיין. ער האָט אַ באַוועגונג געמאַכט אַרויסצונעמען זיין רעוואָלווער פון שיידל, אָבער מיר האָבן אונזערע רעוואָלווערן אויף אים אָנגעשטעלט אויסרופענדיג: פאַרהאַלט זיך רואיק, קיין באַוועגונג. פון טאַש האָב איך אַרויסגענומען די הענטשקע און זי פאַרדרייט מיט זיינע איניציאַלן וו. פּ. א.. ער איז בלאַס געוואָרן און געוואָלט וואָס זאָגן, נאָר געשוויגן און אַ ווײַלע וועגן וואָס זיך פאַרטראַכט.

אין נאָמען פון געזעץ זענט איר, גראַף אַלעקסעיעוו, אַרעסטירט, פאָלגט מיט.

אין דעם אויגענבליק, וואָס מיר האָבן אונזערע רעוואָל־ווערן אוועקגענומען פון זיין געזיכט, האָט ער בליצשנעל אַרויס־

געכאפּט זיין רעוואָלוועד און ביז מיר האבן דאס באַוויזן צו פאַרהינדערן, האָט ער זיך געשאָסן אין ברוסט. ער האט זיך א כאַפּ געגעבן מיט די האַנט צום האַרץ און זיך אנגעפאַנגען צו וואַקלען אויף די פיס. מיר האבן אים אונטערגעהאַלטן און פון זיין ראַנע האט דאָס בלוט אנגעפאנגען רינען אויפן דיל און זיינע קליידער. מיר האָבן אים אװעקגעלייגט אויפן דיוואַן. זיין געזיכט האָט זיך פארקרימט און בלאַס געוואָרן און ער האָט שוואַך געקרעכצט. איך האָב באַלד טעלעפאָנירט אין מיליטער-שפּיטאַל נאָכן רעטונגס וואָגן און דערווייל זיך איבערצייגט, דאס די קויל פון אניוטעס ברוסט שטאַמט פון זיין רעוואָלווער. די מאָס פון די צייכנס באַ איר אויף די הענט, פּאַסט צו די ברייט פון די רימען פון זיין שווערד, די מאס פון די מענער טריט ביים וואַסערל צו זיינע שטיוול און זיין שווערד איז גענוג שאַרף געווען כדי צו קענען מיט איין קלאַפּ אונטערצוהאקן א ביימל.

דערווייל איז געקומען דער שפּיטאַל וואָגן און לויט באַפעל איז ער אָפּגעפירט געווארן אין די ארעסטאנטן אפּטיילונג פון וואיעננע שפּיטאַל אויף זנאמענסקאיע פּרעדמיעסטיע. מען האט אים אפּערירט און ארויסגענומען די קויל, וואָס האָט באַרירט די לונגן און ווען מען האָט דערלויבט אים צו פאַרהערן, האָט מען פון אים ניט געקענט ארויסקריגן די איינצעלהייטן פון מאָרד, נאָר ער האָט זיך בלויס מודה געווען, אז ער איז דער מערדער. און נאך יעצט ליגט ער אין שפּיטאל אין א שווער ליידענדן צושטאַנד.

איך האב זיך באַדאַנקט באַ מארטינאיון פאר די אויסקונפט און פאר די טיכטיקע ארבעט, וואָס ער האט א דורכגעפירט צו אנטדעקן דעם מארד און צו ארעסטירן דעם מערדער און ער האט מיר איבערגעגעבן, דאָס בלומענפעלד האט אים גוט בעלוינט פאַר זיין טרחה.

איך האָב זיך ענטזאָגט פון די לעקציעס אין אוכאליע און טעלמא, ניט ווילענדיג זיין נאָנט פון דעם ארט, וועלכעס מיין אומפארגעסלעכע אניוטא האט מיט איר יונג בלוט פארפלעקט און בין צוריק נאָך אירקוטסק צוריקגעפארן.

ד. 5 אקטאבער.

נעכטן בין איך אויפן בית-עולם געגאנגען און דער קברים שומר האט מיר אנגעוויזן אניוטעס קבר, וואָס האט פאָרלייפיק געהאט א ברעטל מיט איר נאָמען, ביז מען וועט קענען א מצבה שטעלן. איך האב באַטראַכט דאָס קופּקעלע ערד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט דעם ערשטן שניי און וואו מיין אומגליקלעכע אניוטא האָט געפונען איר אייביקן רו. מיין האַרץ האָט מיר פאַרקראמפט און פאר די אויגן געשווינדלט. די אומשולדיקע איידעלע אניוטא, וועלכע איך האָב ניט געוואַגט צו באַרירן ווי א הייליקייט האָט געזאָלט אויף אזא בעסטיאלעשע ארט אומקומען פון א מענטשן-חיה און ער האָט זיך ניט באַגניגנט מיטן פארגוואלטעוון, נאר זי נאך דערמארדעט און איר ווי עפּעס א ברודיקע, עקעלדיקע זאַך אין שמוציקן זומפּיקן וואַסערל אריינגעוואָרפן. ווער האט זיך געקענט פאָרשטעלן, אז דער גורל האָט פאר אניוטן אַזאַ טראגישן טויט פארגעברייט. אניוטא, וואס האָט רחמנות געהאט אפילעט אויף א ווערעמל...

ווען זי זאל מיך ניט געווען דערקענען, וואָלט זי נאָך היינט געלעבט, איך האָב זיך אנגעפאנגען צו פילן ווי מיטשולדיק אין איר פריצייטיקן טויט. מיטשולדיק אין דעם, וואָס אַזאַ יונג ביימל וואָס האָט געהאלטן אין בליען און האט געקענט די שענסטע פרוכטן ברייגגן איז אויסגעריסן מיט די וואָרצל. הייסע טרערן האָבן אנגעפאנגען אן אנ'אויפהער איבער מיין געזיכט צו רינען אף אניוטעס שניי באַדעקטן קבר און האָבן גריבלעך אין שניי געבילדעט. גריבלעך, וואס האָבן אין זיך באגראבן שטיקער פון מיין פארוואונדעט האַרץ. ווען די ערד זאלן זיך געווען עפענען לעבן אניוטעס קבר און מיך פארשלינגן, וואלט דאס פאר מיר א טרייסט געווען...

מיט א פארקלעמטע הארץ האב איך פארלאזט דעם פרישן קבר און א ביסל ווייטער זיך אפּגעשטעלט באַ פרוי בלומענפעלדס קבר אין וועלכן ס'איז געלעגן א געטרייע ליבע מוטער, וואס האט אניוטן געליבט מיט א שטארקע הייסע ליבע און זיכער געהאפט פון איר פיל גוטעס צו דערלעבן און אמענדע

איז איר האַרץ צעבראָכן געוואָרן דערוויסענדיג זיך וועגן דעם גורל פון איר איינציקע טאָכטער און איר איידל מוטער-האַרץ איז געשפּרונגען.

איך האָב פאַרלאָזט דעם בית-עולם און פון מיין האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ביטערער פּראָטעסט?... די אייביקע פראַגע, צו וועלכע ס׳איז ניט דאָ קיין לייזונג.

ד. 12=טן אָקטאָבער.

פון דאָקטאָר נאָרדענטאַל האָב איך אַ בריוו באַקומען און ער האָט מיר מיט שמחה מיטגעטיילט, דאָס אַ חוץ אַלע וואָרנונגען האָט זיין פרוי אויף גאָר ניט געאַכט, נאָר איז יעצט אין דעם שטרענגן ווינטער צו אים צוזאַמען מיט זיין ליב טעכטערל געקומען נאָך טעלמאַ צו פאַרבלייבן ביז זיין פאַרשיקונג וועט זיך ענטדעקען און מיך האָט דאָס פון האַרצן געפרייט, וויסענדיג זיין לאַגע. אַ מענטש אַ הויך אינטעלעגענטער מיט הויכע גייסטיקע שטרעבונגען און אינטערעסן, איז פאַר׳משפּט אויף פיל יאָר אין אומווירקזאַמקייט אין אַ קליין דערפל, וואו דער פּאָליציאַנט און יעדער טשינאָווניקל איז זיין קאָנטראָלער און בעל-הבית און ער טאָר ניט זוכן די באַקאַנטשאַפט און צוזאַמענקומען מיט די איינצעלנע אינטעלעקטועלע, וואָס געפינען זיך אין דאָרף און אין די איינזאַמקייט קומט צו אים זיין פרוי און חבר איז זיך לייכט פאַרצושטעלן, וואָס פאַר אַ בעדייטונג עס האָט פאַר אים.

און זיצענדיג אָפּשרייבענדיג ענטפער, נאַטירליך אַף אַ פרעמדע אַדרעס, וואו ער איבערנעמט די בריוו, קומט צו מיר אַ קראַנקן שוועסטער פון וואַיענע-האָספּיטאַל און טיילט מיר מיט, דאָס אַ שטערבענדער ווינטשט מיט מיר אויגנבליקלעך צו ריידן. אויף מיין פראַגע, ווער איז דער קראַנקער האָט זי מיר איבערגעבן, אַז דאָס איז גראַף אַלעקסעיעוו. איך בין מיט איר מיטגעגאַנגען.

אין שפּיטאָל האָט מען מיר אַריינגעוויזן אין קראַנקן שטיבל פון גראַף אַלעקסעיעוו. דער פענצטער איז געווען מיט אייזער=

נע קראַטן און פון דרויסן איז אַ סאָלדאַט אויף קאַראַאַול געשטאַנען. אין בעטל האָב איך דערזעען דעם אָפיצער, זיין איינגעפאַלענער געזיכט איז געווען געל ווי בײַ אַ טויטן, די קינביינער האָבן שטאַרק אַרויסגעשטאַרצעט, זיינע פון פריער אַזוי ליידענשאַפטלעכע אויגן האָבן אַ מאַטן און צעשראָקענעם אויסדרוק געזאַט. די ליפּן, אַראָפּהענגענדע, פאַרטריקנטע און מאַטע. די הענט פאַרדאַרטע און ציטערענדיקע איבער זיין גאַנץ ווען האָט דער טויט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס נאָך אים. מיט אַ זעער שוואַכע שטימע האָט ער מיך געבעטן זיצן. אויף וויפיל מיין האַס איז גרויס געווען קעגן אַניוטעס מערדער, אויף אַזויפיל איז מיין כּעס אָפּגעקילט געוואָרן זעענדיג זיין שטערבלעך אויסזעען...

מיט אַ ציטערענדיקע קוים הערבאַרע שטימע האָט ער אָנגעפאַנגען:

הער אַבראַמזאָן, איך וויל מיך פאַר אייך מתודה זיין, כּדי די שווערקייט וואָס עס פּרעסט מיין האַרץ פון געוויסענביסע לייכטער צו מאַכן, ווייל איך פיל, דאָס איך האָב נאָר בלויס עטלעכע שעה׳ן, אפשר גאָר מינוטן צום לעבן און וויל אייך אָבערגעבן, וואָס פאַר אַ שווערן פאַרברעכן איך בין באַגאַנגען אָדער ריכטיקער געזאָגט די איינצעלהייטן, וועלכע זיינען אייך ניט באַקאַנט. אין אָנפאַנגס פון מיין קראַנקייט האָב איך צוליב נאַרישן עגאָאיזם נאָך ניט די באַדערפעניש געפילט מיין האַרץ לייכטער צו מאַכן, נאָר אין די לעצטע צייט, אַזוי ווי די נאַכט פאַלט צו, דאַכט זיך מיר, דאָס די פון מיר דערמאָרדעטע פּרל. בלומענפעלד, ווייזט זיך פאַרן פענצטער און קוקט אויף מיר, גלייך ווי זי וואָלט געזאָגט, מערדער, וואָס האָסט דו געראויבט מיינע יונגע יאָרן און פילמאָל באַנאַכט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, דאָס זי שטייט פאַר מיין בעטל מיט אַ דראָענדן בליק, אַז דאָס בלוט ווערט מיר פאַרגליווערט אין די אָדערן און איך וואָלט געוואָלט אויפן אָרט שטאַרבן.

יעצט, הער אַבראַמזאָן, וויל איך אייך ביז דעם קלענסטן איבערגעבן, ווי ס׳איז צוגעגאַנגען:

דעם טאָג פון מאָרד האָב איך פּרל. בלומענפעלד אין

גאַס געטראָפן און איר געפרעגט, ווילט איר ניט מיט מיר היינט שפּאַצירן?... זי האט געענטפערט.

איר אומפארשעמטער מענטש, ווי וואגט איר מיך שטענדיג צו פארפאלגן. זעט איר דען ניט, אז איך פאראכט אייך און איך בין ניט איינע פון די, צו וועלכע איר זענט געוועגט...

דער האַס האט זיך אין מיר דערוועקט און אן זיך איבערצוקלערן האב איך געענטפערט, אז ס'איז אודאי דערפאר, וואָס איר האט א ליבהאָבער אין טעלמא, אבער איך פארזיכער אייך, דאָס נאָך היינט שיס איך אים אוועק. זי איז זעער צעשראקן און נערוועזש געווארן און איך האב געהאַט א נקמה. זי האט א ווייַלע נאכגעדענקט ווי ס'ווייזט אויס איז זי זיכער געווען, דאָס איך מיין ווירקלעך דאָס היינט א דורכצופירן וואס איך האָב געזאגט. זי איז אריין עפּעס אין א הויף און איך האב זיך פארשטעקט כדי צו זען, וואס זי וויל פארנעמען און א ביסל ארום איז זי ארויסגעקומען פון הויף מיט שרעק אויף איר געזיכט און איז צו די אנגארא געגאנגען. איך האב נאכגעפאָלגט אזוי, דאס זי זאלן ניט מערקען, דאָס איך מיין איר. און א ביסל ארום איז זי פון ברעג צוריקגעגאנגען און צוגעגאנגען צום טעלמער וועג און געקוקט אויף איר ארעמבאנדס זייגערל און מיר איז קלאר געווען, דאָס זי לויפט אייך ווארענען...

בא דעם קראנקענס לעצטע ווערטער איז מיר קלאר געווען, דאס נאכדעם ווי אניוטא האט ניט באקומען א פור און אויך ניט געקענט מיט די שיף אפפארן, האָט זי געקוקט אויפן זייגערל און זעענדיג, אז ס'איז נאך פיל שטונדען צום צוג, האט זי באַשלאסן צו גיין צו מיר ווארענען. פארוואס האט זי אבער א טעלעגראמע ניט געשיקט, האט זיך מיר געטומלט אין קאָפּ, אבער זיך איבערדענקט, אפשר האט זי געדענקט, אז אין טעלעגראמע וועט זי ניט קענען אלעס אזוי דייטלעך אויסדריקן און אפשר ביי איר נערוועזיטעט האט זי גאר פארגעסן וועגן טעלעגראפירן, נאר ווי ס'זאל ניט זיין, איז אבער איינס פאר מיר קלאָר געווען, אז איר ליבע און טריישאפט צו מיר, האט איר לעבן געקאסט.

דער קראנקער האט ווייטער פארטגעזעצט:

מיין שטארקע ליידענשאַפט, באַ וועלכע איך בין א שקלאף געווען, האט מיר דיקטירט דאָס יעצט אויפן איינזאַמען וועג האָב איך די בעסטע געלעגנהייט מיין ווילן א דורכצופירן, וועגן מארד איז מיר ניט אין די געדאנקן געווען. פרל. בלומענ־פעלד איז געגאנגען מיט זעער שנעלע טריט... און איך האב אויף א זייטיקן וועג פון אונטן נאכגעפאָלגט, נאר אזוי ווי דער וועג ביז צום טויטן בריק איז אנ׳אפענער, האב איך ניט געקענט מיין פלאַן א דורכפירן.

דער קראַנקער איז ענטקרעפטעט געוואָרן פון ריידן אין באַוועגונג, ער האָט שוין אויף אזויפיל שוואַך גערעדט, דאס איך האָב מיך געמוזט וואָס נענטער צו אים צובייגן כדי צו קענען הערען. אין דעם אויגענבליק האט ער זיך פאַרהוסט און בלוט אויסגעשפיגן. איך האב אים אונטערגעטראגן וואַסער און אין דעם קאפ געהאלטן, ער זאל קענען טרינקען, אבער ער האט עס ניט געקענט אראפקריגן.

ווען ס׳שטרענגט אייך אזוי אפ דער דערציילן, אזוי פארהאלט אייך רואיק, וועל איך מארגן הערן די איבעריקע.

אך, ניין, הער אבראמזאן, איך ווייס ניט אויב מארגן וועל איך נאך לעבן. און ער האט פארטגעזעצט:

ווען זי האט זיך דערנענטערט די בריק, בין איך מיט שטילע טריט צו איר צוגעגאַנגען און האב זי פון אונטן א נעם געגעבן אין די העלפט. זי האט אנגעפאַנגען ענגסטלעך צו שריי־ען, אבער ס׳איז ניט ווער געווען אפן וועג, וואָס זאָל הערען דאָך פאר זיכערקייטס וועגן, האָב איך איר מיט מיין הענטשקע דעם מויל פארשטאָפּט. כ׳האב זי אוועקגעטראָגן וואָס ווייטער פון בריק... זי האט זיך געריסן מיט אוממענטשלעכע קרעפטן און מיין ליידענשאפט האָט זיך נאך פארשטארקט און דערזעענ־דיג פון צווישן די קוסטעס א שטיקל ליידיקן ארט, האב איך איר אויף די ערד אוועקגעלייגט און כדי זי זאָל ניט קענען די הענטש־קע פון מויל ארויסנעמען, האב איך אראפגענומען די רימען פון שווערד און איר די הענט געבונדען און מיט די שווערד האָב

איך אוועקגעהאקט א קוסט, כדי צו קענען צוקומען. זי האט זיך געגומען קייקלען צום וואַסער צו... איך האָב פאַרשטאַנען איר אָפזיכט, און זי אריינגעטראָגן צווישן די קוסטעס. פון די הענטשקע אין מויל איז איר געזיכט געווען ווי אנגעלאָפן מיט בלוט. ווען כ׳האָב באַרירט אירע קליידער, האָט זי מיט איבערמענטשלעכע קרעפטן זיך גענומען ווארפן... אבער צוליב מיין בעסטיאַלישע ליידענשאַפט האָט זיך בא מיר קיין איין פונק מיטלייד ניט געוועקט, אין געגנטייל, וואָס מער זי האט איר ערע פארטיידיקט, וואָס מער האָט זיך אין מיר די חיה דערוועקט. כדי אפצושטעלן איר ווערן זיך, האב איך איר מיטן פויסט געגלאנגט א קלאַפ אין קאפ און זי האט דעם זינען פארלוירן און דערנטסמאַל.....

ביי גראף אלעקסעיעוס לעצטע ווערטער איז מיין האַרץ אין אזא שטאַרקע באַוועגונג געקומען, דאָס איך האָב געגלויבט אז איך באַקום א האַרצשלאג. מיין האָס קעגן אים האָט זיך אזוי שטאַרק דערוועקט, דאָס מיינע הענט האָבן זיך ווי מעכאַניש צו־זאַמענגעלייגט אין פויסטן און האָב אויסגעשריגן, איר גרויזאַמער מערדער און בלוטדורכשטיקע חיה און האב די הענט אויפגעהויבן אים א קלאַפ צו געבן, אבער באַגעגנדיק זיין סקעלעטאכטיקן אויס־זעען, האָבן זיך מיינע הענט ווי געליימטע צוריק אראָפגעלאָזט... ער האָט געזאָגט:

הער אבראמזאן, פאַרוואָס ווילט איר מיך ניט שלאָגן? איך האָב פארדינט, איר זאָלט מיין יעדן אדער באַזונדער ארויס־ציען, כדי מיט מיין בלוט אפצוואַשן מיין שווערן פארברעכן.

כ׳בין געבליבן זיצן מיט אפגעקילטן האַס. א מענטש, וואָס איז שוין ביים שוועל פון קבר געשטאַנען איז ניט דא וואָס צו האַסן, דען דער גורל האָט אים שוין גענוג באַשטראפט דער־מיט, וואָס ס׳האָט געוועקט זיין באוואוסטזיין און דורך דעם אים פאַראורזאכט שווערע געוויסנביסע...

א קאָנוואולסיווער ציטער איז איבער זיין קערפער אריבער און ער האָט מיט פייכטע פון טרערן אויגן פאָרטגעזעצט:

נאָך דעם שענדלעכן גוואַלדטאט, צו וועלכן איך האָב אנ׳עקל דערפילט, איז זי צו זיך געקומען און איך האָב ערשט

איינגעזעען, וואָס איך בין באַגאַנגען און גענומען זיך שרעקן פאר די פּאָלגן. איך האָב באשלאָסן, דאָס איך מוז אויסמעקן דעם שפּור פון מיין טאַט. און איך האָב מיטן רעוואָלווער אין איר ברוסט געשאסן און זי איז אין א ביסל ארום געשטאָרבן. פון א־רע הענט האב איך צוריק דעם רימן אראָפּגענומען און פאר־געסן באַ מיין צעטומלטקייט איר די הענטשקע פון מויל ארויס־צונעמען און איך האָב איר צוגעטראגן צום זומפּיקן וואסערל, איר אריינגעוואָרפן און אויף א געהיימן וועג צוריק נאך אוסאליע געקומען.

כ׳בין באַ זיך זיכער געווען, אז מען וועט זי ניט גע־פינען און ווען יא, וועט מען דענקן, אז באנדיטן האָבן זי דער־מארדעט. וועגן די הענטשקע האָב איך באַ מיין צעשטרייטקייט גאר פארגעסן.

צוויי טעג שפּעטער בין איך נאָך אירקוטסק צוריקגע־פארן און שוין איינגעזעען, אז ווען מען זאל זי געפינען, וועט די הענטשקע א זיכערער באַווייז זיין קעגן מיר, ווייל זי איז מיט מיינע איניציאלן און ווידער האָב איך זיך געטרייסט, אז דאס וועט קיינמאָל ניט ענטדעקט ווערן, אז איך האב געקענט איבער־לאזן אויך אנדערע שפּור, וועגן דעם האב איך גאר ניט געקלערט.

ווען פאליציי איז געקומען מיט מיין הענטשקע, איז מיר קלאָר געוואָרן, אז אלעס איז ענטדעקט און איידער צו שטיין אין געריכט אונטער די בליקן פון נייגעריקע צושויער און פאר׳משפּט צו ווערן אויף פיל יאָר געפענקעניש, האָב איך באשלאסן זעלבסט־מאָרד צו באגיין און באדויער, וואס איך בין ניט אויפן ארט גע־בליבן, כדי פארשווינט צו זיין פון די שווערע געוויסנביסע, וואָס פייניקט מיך אן אויפהער.

פון דרויסן האָט גענומען די נאַכט אריינשיינען און אין צימער אלעס אין א טונקעלע פארב פאַרוואַנדלט, אין קוימען האָט דער ווינד יעמערלעכע קולות געגעבן...

הער אבראמזאן, האָט דער קראַנקער אויסגערעדט, גיט מיר אייער האנט און זייט מיר מוחל, וועל איך קענען רואיק שטאַרבן. אין דעם איז זיין בליק אויפן פענצטער געפאלן, ער

האט א שטאַרקן ציטער געגעבן און גענומען שרייען ניט לויט זיינע כוחות נאָך. א. אט.. אי. איז... פריי.. פרייל... פריי־ליין בלו.. בלומ... בלומענפעלד... זי... זי... פון זיינע גע־ראַניעטע לונגן האט זיך א שטראָם בלוט א גאָס געגעבן, זיין קערפּער האט א שטארקן ציטער געגעבן און זיין קאָפּ איז אראָפּ־געזונקן, זיין געזיכט איז מיט שרעק פאַרצויגן געווען און ער איז אן אַ בעוואוסטזיין ליגן געבליבן.

די קראנקן שוועסטער איז געקומען און געזוכט אים צו ראטעווען און דערקלערט, דאס ער אטעמט נאָך.

דיזעלבע נאכט איז ער געשטארבן און איך האָב זיך איבערצייגט דאס אויך בײַ מערדער וועקט זיך א מאל דער געוויסן.

ד. 19־טן אקטאבער.

ליבער גוטער חבר! מען זאָגט, אז א געשטארבענעם פאַרגעסט מען שנעל, אבער דאס איז ניט דער פאַל מיט מיר. מיין אומגליקלעכע אניוטא גייט מיר פון זינען ניט ארויס און איך גלויב ניט, אויב איך וועל איר א מאָל פאַרגעסן. זייט איך האב זיך דערוואוסט די איינצעלהייטן פון איר גרויזאמען מארד, בין איך פון א שטארקע מעלאנכאליע באהערשט. איך האב פאר־לוירן דעם לוסט פון אלעם. און ס׳זאל דיך ניט וואונדערן, גו־טער חבר, וואס איך וועל דיר ניט אזוי אפט שרייבן...

אין דיין לעצטן בריוו וואָרנסט דו מיך, איך זאל ניט ארומגיין מיט געדאנקען וועגן זעלבסטמארד, א, ניין, ליבער חבר. א טייל מענטשן האַלטן זעלבסטמערדער פאר העלדן, ווייל זיי האָבן מוט זיך דעם לעבן צו נעמען, אבער איך האַלט אזעלכע פאַר שוואַכע, פאַר פייגלינגע, וואס האָבן ניט דעם מוט קעגן דעם גורל צו קעמפן, נאר אנטלויפן פון אים...

די לעצטע צייט איז פרל. סאפיע זילבערמינץ גאַנץ אפט צו מיר געקומען מקלוימרשט מיך טרייסטן, אבער אין דער וויר־קלעכקייט האט זי געזוכט אניוטעס פלאץ צו פארנעמען... און אלס אניוטעס פריינדין וואונדערט מיך נאך מער איר אומפיין גע-